STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05631

ALEYN IN GEZEML

Mosheh Ayzenbud

*Permanent preservation of this book was made possible
by Zeke & Sara Berlin
in memory of
beloved brother, Samuel G. Berlin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ ש ה א י י ז ע נ ב ו ד

אליין אין געזעמל

ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן

ALEIN IN GEZEML
(LONELY IN A CROWD)
By MOSHE AJZENBUD

הילע געצייכנט פון אליעזר קרום.

COPYRIGHT 1970
By M. AJZENBUD

Printed by York Press Ltd., 11-19 Hoddle St., Abbotsford, 3067
Melbourne, Australia.

אשר אייזענבוד

אַליין אין געצעלט

דערציילונגען

מעלבורן 1970

לאהן — מיט ליבשאפט.

ארויסגעבן א יידיש בוך — מיינט אויפשטעלן א געזועל־שאפטלעכן בנין.

דאנק איך דעם בוך־קאָמיטעט פאר נעמען אויף זיך די איניציאטיוו און דאָס באזאָרגן די פינאנסיעלע מיטלען, וועלכע דערמעגלעכן מיינע דערציילונגען ארייננצוקומען צווישן טאָוולען.

א דאנק אויך מיינע פריינד, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך דעם עול — דאָס בוך צו פארשפרייטן.

אינהאלט:

זייט

אליין אין געזעמל 7
אין א באָרדינג-הויז 16
א שטעטעלע, הא? 30
פ. מ. דזשאָנס לייטער 36
אַרעלע לעבּט! 52
א מיידלס טרוים 61
צו וואָס איז געגליכן א מענטש? 71
אנטוישונג 78
א מעשה מיט א מיידל 90
געטריישאפט 96
אין דאָרף דאַלמיאַטשין 109
איינער א מיליאָנער 117
אין א הארבסטיקער נאכט 136
ביים פעלדז 142
אויף דערוויל 148
די אינוואַלידן פון וואַסערבורג 154
א כאַראַקטער זאך 173
דער שלימזל 181
שוועסטער 199
ניט פארשעמט דעם טאַטן 207

אליין אין געזעכטל

בעטי איז געלעגן אין בעט און געלייענט. די פיס פארלייגט איינס אויפן אנדערן; דאס איינפאכע באוולנע קלייד נאכלעסיק פאר־פלאנטערט. איין האנט האט אונטערגעשפארט דעם קאפ, ווייל דאס קישן איז געווען צו נידעריק. זי איז געווען אליין. אין צימער איז געווען האלב־טונקל. דאס לעמפל, צוקאפנס פון בעט האט געווארפן א קארג ליכט, וואס דאס בוך האט צעטיילט, שאפנדיק א טונקעלן פלעק.

„— — — בארצעלאנא איז געפאלן. אבער — ווען זי וואלט קיינמאל נישט באזיגט געווארן, איז וואזשע דאן?...”

וואס פארא שייכות האט זי צו דער שפאנישער שטאט: בארצעלאנא, וואס האט פארשפילט אינעם בירגער־קריג?

ווען בארצעלאנא איז געפאלן — איז זי געבוירן געווארן, אויב דאס קען מען אנרופן: שייכות.

דאס איז געווען ארגאס איינפאל, אז זי זאל לייענען האקסלים בוך: „אין א געוויסן זומער”. ווייל אויך ביי זיי האט זיך אנגע־הויבן — אין א געוויסן זומער...

און זי האט נאכאמאל איבערגעחזרט די פראגע: — איז וואַ־זשע דאן?

„ווי יעדער געזעלשאפט — האט זי ווייטער געלייענט — איז בארצעלאנא געווען טיילוויז מאשין; טיילוויז — שלעכטע דער־פארונג, שטארק איבערגעטריבן; די פארקערפערונג פון מענטשנס נעפילן און משוגעתן: זייער געלט־גיריקייט, זייער שטאלץ; זייער פארנעמערונג פון אידיאטישע אידעאלן...”

זי האט פארהאלטן א פינגער צווישן די זייטלעך און זיך פאר־טראכט:

— אידיאטישע אידעאלן. אט האט ארגא אויך אידעאלן, אין וועלכע ער גלויבט. דאס זאגט ער תמיד. און עפעס פילט זי, אז די אידעאלן זענען א גלעזערנע וואנט, וועלכע שטייט צווישן זיי. זיי זענען א מין הונגעריקער וואלף וואס פארשלינגט זיין פרייע צייט.

ארגא, א פעסטער, ברייט־פלייציקער בחור, מיט דיגע געקרויזלטע האר, ווי ביי א יונג שעפסל, איז ער איר געפעלן געווארן אט אזא ווי ער איז. אן ארייגצובליקן אין זיין אינערלעכער וועלט, וואס וואלט איר — דער אויסטראלישער טאכטער — סיי ווי געבליבן פרעמד. עס קומט איר טיילמאל אויס, אז די אידעאלן וואס ער האט מיטגעבראכט פון אייראפע, די אלטע קולטור, דאס אלץ נעמט זיך אין נייעם לאנד ברעקלען און פארענדערן. דאס, וואס ארגא רופט אן: אידעאליזם — דער פלאן פון איבערבויען — ווערט עפעס א נייע זאך, א גאר תכליתדיקע.

זי וואלט זייער וועלן אויף דער דאזיקער תכליתדיקייט אויפבויען א היים.

— אט דאס איז טאקע מיין מע:ה — האט א־גא געפונען א בארעכטיקונג עם אונטערצושטרייכן — די היים פארשטעלט דיר דעם ברייטן האריזאנט...

אבער בעטי האט זיך נישט געריסן צו ברייטע האריזאנטן...

איר פארטראכט בליק איז געפאלן אויפן שאנק, וואס איז געווען פארלייגט מיט צייטונגען, פארגעלטע פון דער זון, פון אלט־קייט; פאפירן; ביכער. דאס אלץ געהערט צו ארגאס אלטער היים. פון צייט צו צייט טוט ער נאך אן אטעם מיט דעם; טוט דארט א נישטער. קען בעטי ניט פארשטיין: וואס ער קען דארטן געפינען אזעלכעס, ס'זאל נוצלעך זיין אין נייעם לאנד. ביי איר וואלט ־עבט געווען, מען זאל זיי אוועקשענקען דעם גרינווארג־הענדלער, ער זאל האבן אין וואס איינצופאקן קארטאפל. נאר פון ארגאס באציא־נג צו דער שאנק מיט ביכער, צייטונגען און זשורנאלן, געדרוקט אין א פרעמדער שפראך, האט זי געפילט אז עס איז פאראן א פארבינדונג, א גאר נאנטע.

— זיין בייבל — האט זי עס דערקלערט... נאר צו דאס קער זיך עפעס אן מיט אידעאליזם, וועגן וועלכן ער איז ניט מיד געווארן צו ריידן, דאס קען בעטי בשום אופן ניט צעקייען.

זי האט זיך געכאפט, אז דער פינגער איז נאך אלץ צווישן די זייטלעך פון בוך. אירע אויגן האבן אויפגעזוכט די שטעל, ווו זי איז שטיין געבליבן און גענומען לייענען:

„פארכאפט אדער ניט פארכאפט — יעדע שטאט און יעדעס פאלק האט אין איר עקזיסטענץ דעם באוווסטזיין פון א פעלנדיקן גאט און ס'איז דעריבער פארויסגעזען צו אייביקער זעלבסט־נארעריי; צו ענדלאזן איבערחזרן די פרווון פון

זעלבסט-פאַרניכטונג. באַרצעלאָנאַ איז געפאַלן. אַפילו דער אויפשטייג פון מענטשלעכע געזעלשאַפטן איז אָבער אַ כסדר־דיקער פּראָצעס פון גלייכמעסיקן אָדער קאַטאַסטראָפאַלן אַרונטערפאַלן. די — וועלכע בויען אויף די סטרוקטור פון דער ציוויליזאַציע, זענען די זעלבע — וועלכע מינירן אונטער די סטרוקטור פון דער ציוויליזאַציע. מענטשן זענען זייערע אייגענע טערמיטן אַזוי לאַנג, ווי זיי בלייבן פאַרעקשנט אין זייער ווילן צו בלייבן בלויז מענטשן".

ניט אַלע מחשבות וועגן באַרצעלאָנאַ, וועלכע האַקסלי וויקלט פאַנאַנדער אינעם בוך, דערגייען צו בעטים באַוואוסטזיין. דאָס פאַלן פון באַרצעלאָנאַ לאָזט איר גלייכגילטיק. ווייניק שטערט זענען דען געפאַלן אין מלחמות? פאַרוואָס זאָל איר דער גורל פון באַרצעלאָנאַ אָנגיין מער ווי דער גורל פון דער אַלטער גריכישער שטאָט טראָיאַ, וועלכע איז געפאַלן צוליב אַ הילצערנעם פערד?

און אפשר איז באַרצעלאָנאַ בלויז אַן אויסרייד, און אַנדייט אויף עפּעס אַנדערש, און דערפאַר האָט אַרגאַ איר געגעבן דאָס בוך צום לייענען?

לייענט זי; טאָמער וועט זי בעסער קענען פאַרשטיין אַרגאָן, אָט דעם מענטש וואָס פאַרנעמט אַן אָרט אין איר לעבן.

זי האָט דאָס לעבן גענומען אַזוי ווי עס איז. ווי דאָס וואַסער צום טרינקען, ווי דאָס ברויט צום עסן. נאַטירלעך. אין איינרעדעניש. מיט די פּלעשער מילך אינדערפרי, מיט די צייטונגען, מיטן עלעקטרישן טאָאַסטער, פון וועלכן די פענעצלעך ברויט שפרינגען אַרויס פאַרברוינטע; מיט אַרגאָס געשטרייפטער פּידזשאַמע; מיט זיינע צערטלעכקייטן; מיט די קלאַנגען פון זיין ענגליש, וועלכע דערמאָנען איר אַז אַרגאָ איז ניט קיין אָפּשטאַמיקער פון הי; מיטן אייזערנעם בעט, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבן צימער; מיט דער שרייבמאַשין צו וועלכער זי איז צוגעבונדן דעם גאַנצן טאָג.

מיט איין וואָרט — זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט איבערמאַכן דאָס לעבן, נאָר אויפגענומען עס, ווי ס'איז איר אַנטקעגן געקומען. די ענדערונגען צו מאַכן, האָט זי איבערגעלאָזט פאַר אַרגאָן, וועלכער האַלט אַז דאָס לעבן פון לאַנד, און ניט נאָר פון דעם לאַנד אַליין, גייט ניט מיטן ריכטיקן וועג, און דעריבער וועט עס אין איין שיינעם טאָג אַראָפּ פון די רעלסן.

פון וועלכע רעלסן?

צו דעם האָט זיך נאָך בעטי ניט דערטראַכט.

אין אַרגאָס געדאַנקען איז ניטאָ קיין אָרט פאַרן איינצלנעם. ביי אים האָט אַלץ צו טאָן מיט מענטשן, אַלע מענטשן. דאָס איז פאַר בעטין גלייך קלאָר געוואָרן. וואָרים — האָט זי געטראַכט — ווען ער האָט אין זינען דעם איינס, וואָלט ער דאָך אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן מיר, וועגן זיך. זענען מיר דאָך אויך מענטשן וואָס לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

„מענטשן זענען זייערע אייגענע טערמיטן" — האָט זי זיך דערמאָנט דאָס, וואָס זי האָט נאָר וואָס איבערגעלייענט, און ס'האָט איר אַ רופּע געטאָן. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַליין געפרעגט:

— איז אַרגאָ זיין אייגענער טערמיט?

ווען אַרגאָ האָט אויפגעמאַכט די טיר, איז בעטי נאָך אַלץ געלעגן אויפן בעט. ער האָט זי באַטראַכט, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אים דאָס ערשטע מאָל צו זען אירע שלאַנקע פיס, אויפגעדעקט אַביסל העכער פון די קני; איר קיילעכדיק פנים מיט די ברייטע קינבאַקן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך עפּעס מאָנגאָלישס; אירע קורץ־געשוירענע האָר פאַרקעמט אין אַ בכיוונדיקן שויבער. די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן ניט פאַראַטן צו זי שלאָפט, אָדער זי איז גלאַט אַזוי גלייכגילטיק און פויל צו רעאַגירן אויף זיין אַריינקומען. זיין בליק האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף איר בוזים, דעם קליינעם, ניט אַנטוויקלטן, כמעט קינדערשן, וואָס האָט זיך אַצינד באַוועגט רעגלמעסיק ווי עס וואָלט געווען ניט מער ווי אַ מאַשין צו מעסטן אירע אָטעם־צוגן.

און אַלץ צוזאַמען — אָט די פעסטע מוסקולירטע פיס, פּלוס דעם יונג־מיידלשן בוזים, פּלוס דעם פנים מיט די מאָנגאָלישע קינ־באַקן, פּלוס דאָס אַלץ וואָס ער קען פון פריער און וואָס האָט ניט קיין קאָנקרעטע באַצייכענונג — דאָס איז בעטי — אַ מיידל, מיט וועלכער ער טיילט דעם פרישטיק־טיש, די קליידער־שאַנק און דאָס בעט. אָבער וועגן וועלכער ער האָט נאָך ניט קיין אָפּגעמאַכטע מיינונג צו דאָס וועט זיין די לעצטע סטאַציע פאַרן צוג פון זיין בחורישקייט.

— העלאָ בעטי! — האָט ער זי באַגריסט.

דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן: אַ באַגריסונג, אויב זי שלאָפט ניט, אי אַן אופן פון אויפוועקן איר, אויב נאָך אַלעמען שלאָפט זי פאָרט.

— העללאַ ארגאַ! — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ שטים, וואָס האָט גאָרניט פּאַראַטן.

— האָסט געבענקט נאָך מיר, אָדער זיך געלאַנגווייליקט? — האָט ארגאַ געוואָלט וויסן.

— דו ביזט ווי אַ קינד, וואָס מאָנט שטענדיק זיין אייז־קרעם. דאָס אייז-קרעם דאַרף זיין זיס, פריש און מחיהדיק, און יעדער לעק דאַרף פאַרשאַפן דעם קינד פאַרגעניגן...

— און ווערליק ווי פאַר אַן אייז־קרעם פאַרמאָגסטו אַלע קוואַ־ליטעטן — האָט ארגאַ געפּרוווט אָנהאַלטן דעם טאָן, כאָטש געפילט האָט ער, אַז בעטי איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט און איז אויך ניט אויפגעלייגט צו שפּאַסן.

בעטי, אַזוי איז דאָס לעבן — האָט ארגאַ פּרובירט זיך צו פאַרענטפערן — עס בלייבט ווייניק צייט פאַר פערזענלעכעס, און פון דעם וואָס עס בלייבט, דאַרף מען ארויסבאַקומען וויפל עס לאָזט זיך נאָר.

— אפשר — האָט בעטי באַמערקט — נאָר דאָס ארט לעבן, וועלכן דו פירסט, ברענגט קיינעם קיין נוצן ניט.

— אָבער בייבי — האָט ארגאָ פּרובירט דערווידערן — דאָס אַלץ איז שוין אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט מיר, ווי מיין אייגענע הויט. קען איך זיך מיט מיין הויט צעשיידן? קען איך זיך מיט־אַמאָל אָפּזאָגן דערפון און פרייוויליק זיך פאַרשמידן אין אַן ענגן קרייז, וואָס לויפט צווישן בעט און פרישטיק-טיש, דער פאַבריק און אַ ווייב. אַ פרוי, קינדער. ווערסט אַ גרויער מענטש. איינער פון דער מאַסע.

— דערפאַר אָבער אַ נוציקער — האָט בעטי ניט פאַרפעלט צו אונטערשטרייכן.

— ב —

יעדער מענטש פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, מיט וועלכן ער וויל זיך בשום אופן ניט טיילן. ער וויל עס פאַר זיך אינגאַנצן.

פאַר בעטין איז עס געווען ארגאַ — דער בחור מיט וועלכן זי האָט פאַרבונדן איר צוקונפט.

מיטן אינסטינקט פון אַ באַשעפעניש, וואָס בויט איר נעסט, האָט זי געדולדיק געפלאָכטן די צווייגעלעך, אויסגעבעט מיט היי,

מיטן אייגענעם פוך — כאָטש צופּן דאָס פוך איז געווען ווייטאָק־לעך — אַלץ כּדי צו מאַכן די נעסט באַקוועמער, געמיטלעכער.

אָבער אַרגאָ האָט עס ניט דערשפּירט. דאָס איינציקע באַמערק־באַרע אין דער נעסט איז געווען פּאַר אים בעטי — די פרוי. מיט אַלע איבעריקע חושים איז ער געווען אָנגעהאַנגען אין דער ספּיראַל פון דער באַוועגונג, האַפנדיק אַז די מאַסע וועט אים איין טאָג אַרויסהויבן צום שפּיץ.

ווען בעטי האָט אַרויסגעפילט אַז אין אַרגאָס טואונגען און פּירעכצן, אין זיין פּלאַנירונג (כאָטש אויסגעקומען איז איר, אַז זיין לעבן איז אַ היפּש ביסל הפקרדיק) פאַרנעמט זי אַ גאָר קנאַפּן אָרט — האָט זי געפּאַקט אירע זאַכן, און ניט איבערלאָזנדיק קיין אַדרעס — איז זי אַוועק.

* * *

ביים פרישטיק איז אַרגאָ געזעסן אַליין.

די פרישע פּענעצלעך טאָאַסט זענען באַשמירט מיט פּוטער, און די הייסע קאַווע בריט דעם גומען.

פריער, ביים ראַזירן, האָט אַרגאָ באַמערקט אין שפּיגל דעם פּנים פון אַ מאַן, וואָס איז אים געווען קענטלעך. אַ מאַן, וואָס האָט געקאָנט זיין זיין טאַטע.

— שוין אַריבערגעשווומען דעם עקוואַטאָר — מאַכט ער צו זיך אַליין און טוט אַ גלעט ס'פּנים, ווי ער וואָלט וועלן זיך איבערצייגן אַז דאָס איז זיינס, און ניט דער וועלכן ער האָט פריער געזען אין שפּיגל.

אַריבערגעשווומען דעם עקוואַטאָר בחור, און אַצינד שווימסטו שוין צוריק... כאָטש דיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז דו שווימסט פאָרויס... די צייט אָבער ווייסט ניט פון קיין דריידלעך, זי טוט ס'איריקע... מאָדנע, קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון. מאָדנע גרינג איז אויך דיין רענצל — טוט ער אַ קוק אויפן ליידיקן בעט, די אַלטע קליידער־שאַנק, די אַלטע צייטונגען; אויפן פרישטיק, וואָס איז ניט בחוריש אָבער אויך ניט...

ער האָט זיך דערפילט ווי אַ פּאַסאַזשיר פון אַ שיף, וואָס איז יאָרן לאַנג געשווומען איבערן ים. ער איז מיט יעדן געווען באַ־פריינדעט, מיט יעדן אויסגעקאָכט, כמעט משפּחה. געשלאָפן מיט דער אָדער יענער באַקאַנטער.

— געגאָשט סמעטענע פון אַלע קרינעלעך — דאָס איז געווען זיין באַליבט ווערטל.

פאַרגעסן, גאָר פאַרגעסן אַז יעדע רייזע ענדיקט זיך אַמאָל. ווען די שיף איז צוגעשווומען צום האַפן, און יעדער פון זיינע פריינד זענען זיך צעגאַנגען, איז ער מיטאַמאָל געבליבן אַליין ביים ברעג. איינער אַליין מיט זיין גרינג געפעק. אַן איינזאַמער מענטש ביים ברעג ים. אַן איינזאַמער — האָט עס ערגעץ ווו אין אים אָפּ-געהילכט ווי אַן עכאָ...

— בין איך, הייסט עס, תמיד געווען אַליין: אַליין אין אַ געזעמל...

די גוטע פרימאָרגן שטימונג, בשעתן טרינקען די קאַווע איז פאַרשוווּנדן. ער האָט נאָך ניט געפילט די עלטער אין די ביינער, אין קערפּער. פאַרקערט, דער גייסט, דער ווילן, די מוסקולן ווי שטאָלענע שפּרינג־פעדער — דאָס אַלץ איז נאָך געווען אין בעסטן צושטאַנד. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרגעסן דאָס אָנגעזייפטע פּנים אין שפּיגל און דעם עכאָ פון באַגריף — איינזאַמער. ניין, דאָס איז ניט זיין טאַטע. דאָס איז זיין עלטסטער פעטער קאָסטאַ, אָט דער וואָס האָט דאָס גרינוואַרג-געשעפט אויף סידנעי ראָוד. ער איז שוין מער ווי העלפט וועג צוריק. אפילו פאַרגעסן די צייט, ווען ער איז געשטאַנען אויפן עקוואַטאָר. אַן אויסגעטריקנטער איז ער, אַ צעקנייטשטער, אָט ווי אַן אַלטער מייער וועלכן ס'איז אַ שאָד אַרויסצוואַרפן, אָבער פאַרקויפן אים קען מען ניט. אויך ער איז געבליבן איינזאַם...

— וועל איך עס, הייסט עס, זיין געראָטן אין אים? — אַרגאָ האָט אין געדאַנק געפּרוווט זיך פאָרשטעלן ווי ער וועט אויסזען.

— און אפשר האָב איך שוין טאָקע געכאַפּט דעם אָנבליק פון קאָנסטאַנטינאָפּאָליס — האָט ער זיך דערמאָנט דעם פולן נאָמען פון זיין פעטער.

די הייסע קאַווע האָט זיך געפּאַרעט.

— געדאַנקען — אין אָרגאַן איינגעפּאַלן — זענען ווי הייסע שטיינער אין דער טערקישער באָד. כל-זמן די שטיינער זענען הייס, זיי גליען, קענען זיי פאַרוואַנדלען דאָס וואַסער אין דאַמף. דאַמף — דאָס איז דאָך געווען דער גרעסטער מענטשלעכער דורכברוך איינצושפּאַנען די נאַטור-כוחות. אָנגעגליטע געדאַנקען קענען מענטשלעכע מוחות אָנצינדן, און אויך זיי קענען מאַכן אַן איבער-קערעניש אין איינגעשטעלטן סדר. געדאַנקען דאַרפן זיין ווי די

אַנגעגליטע שטיינער. שטיינער גליט מען אָן מיט פייער — געדאַנקען מיט וויסן. דאָ אָבער מוז מען זיך שווין אָנשטרענגען, און ניט סתם וואַרפן רייד. מען מוז די געדאַנקען, דעם ווילן פאַרוואַנדלען אין ענערגיע...

אַז ער האָט דערטרונקען די קאַווע ביזן סוף, האָט זיך אין געדאַנק ביי אים גענומען אויסשיילן אַ פראַגע:

— האָט בעטי, הייסט עס, געצווייפלט אין מיין פעאיקייט צו פאַרוואַנדלען געדאַנקען אין ענערגיע? האָט זי געמיינט אַז אַלץ וואָס איך זאָג און רייד איז אָן אַ האַפט; אַז איך זיי מיינע קערנער ניט אין דער ערד, נאָר אין ווינט? און איז דערפאַר אַוועק?

ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל אין זיין געדאַנק, און אַ קוק געטאָן אויף אַלעם מיט בעטיס אויגן. אַ רגע האָט זיך אים געדאַכט:

— אפשר איז בעטי גערעכט?

ער האָט פּרובירט זיך פאַרשטעלן די באַוועגונג אָן אים. מאָדנע — אַלץ גייט אַזוי ווי פריער. ווי ער, אַרגאָ, וואָלט איבערהויפּט ניט עקזיסטירט; ווי אָט די יאָרן אין וועלכע ער האָט געמיינט, אַז אויף זיינע ברייטע אַקסלען ליגט דאָס געוויכט פון דער באַוועגונג און ער טראָגט מיט שטאָלץ די משא (קוקנדיק בשעת-מעשה אין די זייטן, צי מענטשן זעען עס און באַוונדערן עס) — האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון בעטיס באַמערקונג, וועלכע זי האָט ניט פאַרפעלט צו מאַכן...

דער דאָזיקער געוויכט האָט אים אַצינד אויסגעזען ווי אַן איינרעדעניש. ער האָט איבערהויפּט ניט פאַרנומען קיין אָרט אין דעם געבוי פון דער באַוועגונג. די סטרוקטור האָט זיך אויף קיין האָר ניט קיין וואַקל געטאָן, אפילו זיך ניט אויסגעקרומט — ווי דער טורעם פון פיזאַ...

— אפשר איז בעטי גערעכט — איז ער ווידער געקומען צום אָנהויב. ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער אין בוש, אין אור-אַלטן וואַלד וואָס רייסט זיך דורך אין אַ געוויסער ריכטונג, מיי-נענדיק אַז דאָרטן ליגט אַ ישוב. זעענדיק אָבער, אַז ער איז ווידער געקומען צום זעלבן אָרט, נאָך אַ שווערן טאָג וואָגלען — איז ער אַוועקגעפאַלן אַ מידער, אַ רעזיגנירטער.

דאָס איז געווען דאָס געפיל פון אַרגאָן אין דעם פרימאָרגן, ווען ער האָט געהאַט דאָס געשפרעך מיט זיך און מיטן שפּיגל.

— אידעאַליזם איז ניט בלויז דער קלאַנג פון וואָרט, נאָר אויך די פרייד פון שאַפן — א העלער פּאָדעם פון טרייסט האָט זיך אַפּגעוויקלט אין זיין געדאַנק, ווי א זון-שטראַל וואָס פּלאָנטערט זיך אַרויס פון וואָלקן. ער האָט דעם פּאָדעם ווייטער געגומען אַפּוויק־לען, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך עס איבערגעריסן. עס האָט געפעלט די שאַפונג, פון וועלכער דעם פּאָדעם צו שפּינען. ער האָט זיך דער־פילט ווי דער קעניג פון אַנדערסענס מעשהלע, אויף וועלכן דאָס קינד האָט זיך דערקענט, אַז ס'איז נאַקעט...

— וואָלט איך געווען א מויערער — האָט ער אַזוי זיך א טראַכט געטאָן — וואָלט איך געקענט אָנווייזן אויף א בנין: — אָט די ווענט האָב איך אויפגעשטעלט און צווישן זיי האָבן מענטשן פרייד געפונען.

— וואָלט איך געווען א שרייבער, וואָלט איך געקענט זאָגן: אָט די ביכער זענען מיין צושטייער צום קולטור-בנין פון פאָלק...

— וואָלט איך אַפילו א זעלנער געווען, וואָלט איך געקענט זאָגן: פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד, פון פאָלק האָב איך מיין בלוט בייגעשטייערט...

אָבער אַזוי? וואָס איז דער ציל פון א מענטשנס זיין אויף דער ערד — וואָרים א מוראַשקע האָט דאָך אויך א באַשטימונג, און במילא א ציל...

— אַריבערגעשוווּמען דעם עקוואַטאָר, און ווי א שיף — ניט געלאָזן הינטער זיך קיין סימן פון מיין זיין, פון מיין אָנשטרענגונג.

ער האָט צעפּירט די הענט, ווי איינער וואָס פּרובירט זיך פאַר־ענטפערן. ניט ווילנדיק האָבן זיינע ליפּן א שעפּטשע געטאָן:

— איז אפשר בעטי גערעכט?

אפשר...

אין א באָרדינג־הויז

צו ערשט האָבן זיינע מאַטע שוואַרצאַפּלען אַ שווים געטאָן אין די תמיד־פּייכטע אויגן, ווי אָן אַפּגעשטאַנענער פּיש, וואָס פּרו־בירט נאָך אַ שווים טאָן, איידער ער בלייבט ליגן איבערגעדרייט — מיטן בויך אַרויף.

דאָס זענען געווען די אויגן פון יענעם פּיש, וואָס איז נאָר־וואָס געבליבן ליגן מיטן ווייסן בויך אויף דער אויבערפלאַך: אויגן גלעזערנע, פאַרנעפּלטע. ער האָט געפּרוווט אויסטאַפּן מיט די אויגן די ריכטונג, פון וועלכער עס דערגייט דאָס גערויש פון אַ מאָטאָר. זיי האָבן געטאַפּט אין חלל, ווי די אויגן פון אַ בלינדן.

פון זיך אַליין האָבן זיך זיינע ברייטע אויערן, צוגעפּלאַטשיקטע צום שאַרף־ביינערדיקן שאַרבן, אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג, פון־וואַנען דאָס גערויש איז געקומען.

אַצינד האָבן זיי אויפגענומען דעם געקלימפּער פון מעטאַל אָן מעטאַל. די לויז־געוואָרענע שרויפן האָבן געגעבן דעם מעטאַל אַלע פרייהייטן זיך אָפּצורופן אויף די אויפטרייסלונגען פאַרשפּעטיקטע און ניט־רעגלמעסיקע, וועלכע האָבן צעטרייסלט דאָס אײנגעווייד פון מאָטאָר, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם צוואַנג, דעם אינערלעכן דרוק זיך צו באַוועגן פאָרויס...

און נאָך איידער מוליע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָט ער פאַר זיך קלאָר געמאַכט:

— שוין ווידער די אַלטע „באָמבע"...

און דאַן ערשט:

— אַוודאי פאַרשפּילט ביז אַ פּענע...

מיט אַ קרעכץ און אַ שיפּע, און אַ גריליע פון ניט אָנגעאײלטן מעטאַל, וואָס שלייפט זיך מיט אַן אַנדער, איז דער אַלטער „פאָרד" שטיין געבליבן פאַרן טויער.

מוליע האָט דורכן פענצטער דערזען, צוערשט אַ פּאָר געלע, אָפּגעריבענע שיך, און דאַן אַ פּאָר ברוינע, פון דער זון אָפּגעשאָ־סענע סאַמעטענע הויזן, וועלכע האָבן אויסגעזען גענוג זעלבסט־

שטענדיק, און ניט געוואָלט אָנערקענען קיין שום שייכות צו די נעלע, אויסגעטראָטענע שיך און די געבלימלטע סקאַרפּעטן. ערשט דאַן האָט זיך דורך דער ענגער טיר פון אויטאָ דורכגעשטופּט א ברייטער געזעס, אויף וועלכן די סאַמעטענע הויזן האָבן זיך אָנ־געצויגן ווי א רגע פאַרן פּלאַצן. אין דרויסן איז שטיין געבליבן א געשטאַלט, ביי וועלכער ביידע הענט זענען געווען באַלאָדן מיט פּעקלעך. די געשטאַלט האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי קאָנטראָלירנדיק צו די אַלע קערפּער־טיילן זענען אָנגעקומען ווי עס געהער צו זיין. יעדעס טייל אויף זיין אָרט, אָט אַזוי ווי זיי זענען לכתחילה באַ־שאַפן געוואָרן. מיט די פינגער פון די הענט האָט ער אָנגעטאַפּט, צי אין די פּאַפּירן זענען טאַקע דאָ די אַלע זאַכן, וועלכע ער האָט געהייסן איינפּאַקן.

אַלץ איז געווען ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

ער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט אויף דער גאַס. זי האָט אים געלאָזן גלייכגילטיק. א גאַס מיט הייזער, וועלכע ער האָט ניט גע־בויט; מיט ביימער, וועלכע ער האָט ניט געפלאַנצט; מיט קינדער — וועלכע ער האָט ניט געפּלאָדיעט... — די לייזיקע ממזרים...

ער האָט א בריקע געטאָן די אָפענע טיר פון אויטאָ, ווי זי וואָלט געווען א באַשעפעניש, מיט וועלכע ער איז איבערהויפּט ניט צופרידן, און ער מוז אומבאַדינגט איר לאָזן וויסן זיינע גע־פילן. און נאָך איידער די טיר האָט זיך מיט א טראַסק צוגעמאַכט, האָט ער אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן דעם אויטאָ:

— פאַרפוילטער באַסטאַרד...

— ס'האָט אים שוין דער גוטער בראָך געטראָפן אויף די פערד־געיעגן — האָט מוליע א זאָג געטאָן און זיך געאײַלט אויפ־צומאַכן די גלעזערנע טיר, וועלכע איז פאַרן „באָרדער" זיינעם, דעם פּאָרט־אַרבעטער דעריק אַ'קאָנער נישט געווען קיין גלעזערנע טיר, נאָר א בלוטיקער ממזר, וועלכע פאַרדינט ניט מער ווי א גוטן בריק מיטן שפּיציקן געלן שוך.

— אַזאַ אידיאָט, זי קען ניט זיין תמיד אָפן...

און היות מוליע האָט פאַרויסגעזען דעם גורל פון דער טיר, האָט ער זי שנעל אויפגעמאַכט.

דורך דער אָפענער טיר איז ער אַריין זייטיק. און מיטן טונקעלן קאָרידאָר זיך געלאָזן צו דער קיך, צום ברייטן, הילצערנעם צודעק, וואָס האָט נעדינט אויך פאַרן עס־טיש.

א שטול, וואָס איז צופעליק געשטאַנען צווישן אים און דעם טיש, האָט געקראָגן אַ לייכטן, גוט-ברודערישן שטופּ און האָט זיך איבערגעדרייט. פאַרן שטול איז אים אַ שאָד געווען אַ וואָרט, אויף וועלכן ער איז בטבע ניט געווען קאַרג.

אין קיך האָט פאַרשמעקט מיט געפּרעגלטן אויל, נאָך איידער דעריק האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די פאַרפעצטע צייטונגס-פּאַפּירן.

— דער גריכישער ממזר — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מוליען, — האָט איינגעפּאַקט מער פּאַפּיר ווי „פיש און טשיפּס". מיט צוויי פינגער האָט ער אַ נעם געטאָן די געפּרעגלטע קאַרטאָפל-קלעצלעך און זיי אַריינגעוואָרפן אין מויל, און אַ וויש געטאָן די שמאַלציקע פינגער אָן הינטן.

— אויף וועלכן פערד האָסטו געשטעלט? — האָט מוליע אַ פרעג געטאָן, כאָטש לויטן „פיש און טשיפּס" האָט ער געזען, אַז דעריק איז גוט אין דר'ערד, און דאָס פּרעסט ער אַצינד אויף די לעצטע צוויי שילינג, וועלכע זענען אים איבערגעבליבן נאָך די „רייסעס".

— צוויי „באָב" פאַר די פוילע „טשיפּס" — האָט דעריק אַ ברום געטאָן. און צו מוליען, וואָס האָט אויף אים געשטשירעט מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס שטייסטו ווי אַ פלאָקן „בראַסאַ", דערלאַנג די גלעזער.

— נעם דיר „טשיפּס" — האָט ער צו מוליען אַ שאַר געטאָן די פעטע צייטונג, איבער וועלכער עס זענען נאָך געווען צעוואָרפן די געבראָטענע שטיקלעך קאַרטאָפל, און די שטיקלעך פיש, גע-טונקטע אין מעל און געפּרעגלטע אין דריפּינג...

— 19 צו 1 — דער ממזר — דוכט זיך, אַ זיכערער געווי-נער, טוט ער זיך אַ ריס פון באַריער צום מיטן, און קומט דער צווייטער, אזא „דראַנגאַ"...

דעריק האָט אַ מאָל געטאָן מיט די ציין די וויכע, געזאַלצענע קאַרטאָפל, אַ זופּ געטאָן דאָס ביר און איבערגעלאָזט פעטע ליפּן-אָפּדרוקן אויף דער גלאָז.

— ווער האָט זיך אויף דעם פאַרשאָלטענעם געקענט ריכטן — אַצינד בין איך מיט אַ פינף-און-צוואַנציקער אָרעמער.

ער האָט אַ נעם געטאָן די לעצטע פאָר „טשיפּס" און גענומען אויסשטעלן פאַר מוליען די פערד אויפן געיעג-פעלד. און מיטן פעטן, שוואַרצן נאָגל פון גראָבן פינגער האָט ער אָנגעצייכנט די ליניע וואוהין זיי דאַרפן דערלויפן, און וועלן פאָטאָגראַפירט ווערן,

מען זאָל געגוי וויסן, וועלכעס פערד האָט געוואונען: די ליניע איז געוועזן דער „פּאָטאָ־פיניש".

— צוערשט האָט זיך א ריס געטאָן מיזאמי — 20 צו 1, ער איז שוין געווען צוויי לענגען פאָרויס, האָט ער איבערגערוקט דאָס שטיקל קאַרטאָפל, כדי מוליע זאָל קענען געגוי זען זיין פּאָזיציע. נאָך אים האָט זיך געצויגן ווי א ווינט האלאגארי — 7 צו 1, און דער ממזר האָט אויסגעזען צו זיין זייער רירעוודיק, די געטאָקטע פיסעלעך — ווי ביי א נקבה, האָבן איבערהויפּט דאָס פעלד ניט אָנגערירט, א שיינקייט צו קוקן... און איך האָב פּונקט געהאַט א „טיפּ" פון בארמאן „סנאָווי": א זיכערער געווינער, זאָגט ער, אייזן, מאַכט ער... היינט גיי וויים, אז דער טאַלאַק וועט קומען צו ערשט — און ער האָט מיטאמאָל א רוק געטאָן א שטיק קאַרטאָפל צום „פּאָטאָ־פיניש" — און מיינער, אָט דער הילצערנער פערד — וועט פאַרשפּילן... וואָלט איך כאָטש געהאַט א „קוויד" אין לעצטן „רייס", וואָלט איך זיך אָפּגעכאַפּט. נאָר גיי מאַך, אז אין טאָש האָבן זיך געבאָמבלט די לעצטע צוויי שילינג...

מוליע האָט באַלד איינגעזען, אז שולדיק אין דעם, וואָס דעריק האָט פאַרשפּילט איז ער, און צו זיין קאָפּ וועט עס אויסגיין...

— זאָרג זיך ניט „בראָסא" — (אַזוי האָבן מוליען גערופן זיינע „באָרדערס" צוליב די גאָלדענע ציין טאָקע) — עס וועט זיין „אָלרייט", און א ביסל ווייניקער האָפערדיק האָט ער א פרעג גע־טאָן:

— האָסט א פונט ביז דאָנערשטיק — וויסטאָך, „פּיי-דעי"...

מוליע האָט אים אריינגערוקט אין האַנט א גרין פּאַפּירל און זיך אָפּגעטראָגן. ער האָט שפּעטער פאַרשריבן אין א קליין ביכעלע, מיט אָפּגעקנייטשטע בּרעגן:

— „דעריק אָ׳קאָנאָר — א קערבל"...

— עלעהיי מיין פערד האָט פאַרשפּילט...

דורך א זייטיקער טיר האָט זיך אין קיך אריינגעשאַרט מאַר־טע, די באַלעבאָסטע פון „באָרדינג־הויז". דער שלאָפראָק, וואָס איז אין זיין ערשטער יוגנט געווען א גרינער, וועדליק עס מערקט זיך אין דער געלאָכטענער שנור, האָט אצינד געהאַט דעם קאָליר פון א לאַנג ניט געוואַשענעם לינאָלעאום, ביי וועמען די פעדעם נעמען זיך שוין אויסדריוולען אין די עקן. דער געפלאָכטענער גאַרטל האָט אונטערגעהאַלטן די שווערע אראָפּהענגענדיקע ברוסטן, וואָס האָבן פאַרנאַנדערגעשטופּט דעם שלאָפראָק. און ווייל די געפלאָכטענע שנור

האט ניט געקענט טאָן אַלץ מיטאַמאָל: אי אונטערהאַלטן דעם בוזים, אי האַלטן אין צוים די פּאָלעס — האָט מאַרטע געמוזט יעדן מאָל מיטן האַנט צוהאַלטן די פּאָלעס, און נעמען האָט זי עס מיט א מין געשיקטער נאַכלעסיקייט: זיי זאָלן זיך נישט צעעפענען צו ווייט, און אויך ניט אַלץ פאַרשטעלן. די עפענונג צווישן די פּאָלעס האָט געדאַרפט זיין א מין מיסטעריעזע, צופעליקע עפענונג וועלכע זאָל געהיימניספול לאָקן... ווייל מאַרטע איז געווען אין דעם עלטער, אין וועלכן עס איז שוין ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן...

די האָר זענען געווען איינגעדרייט אין א וואַסערע צוויי טוץ בלעכענע קליאַמרעס, און זיי האָבן עס געדאַרפט ארויפצווינגען אויף די האָר דעם ווילן פון מאַרטען — זיי זאָלן זיך לאָקלען, ווי די קרויזן ביי די שעפּסן, וואָס פּאַשען זיך אויף די ברייטע, אויסטראַלישע פליינען...

די האָר — ווי ארעסטאַנטן איינגעשמידטע אין אייזנס — האָבן זיך געבויגן, געדרייט אָבער נישט איינגעבראָכן. דעריבער האָט זיי מאַרטע איבערן טאָג איינגעשמידט אין קלאַמרעס.

אויסער דער „אייזן־קראָם" אויפן קאָפּ, האָט זי נאָכגעטראָגן אין טאַש א רינג, מיט אַן א שיר הפקרדיקע שליסלען, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שום אָנגעהעריקייט צו וועלכע ניט איז שלעסער וואָרים אַלע טירן פון „באַאַחדינג האוז" האָט מען געקענט עפענען מיט איין שליסל, און די שענק האָבן איבערהויפּט נישט פאַרמאָגט אַט דעם זיכערקייטס־מעכאַניזם. אָבער צום אָנזען פון א באַלעבאָסטע — האָט מאַרטע געוואָסט — געהערט א רינג מיט שליסלען, אזוי האָט מען זיך געפירט אין דער „אָלד קאַנטרי" אין „יוראָפּ".

איר פּנים האָט אין דער האַלב־טונקעלער קיך אויסגעזען ווי א שלאַכט־פעלד. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן דער אוראַלטער נאַטור וואָס גייט איר וועג און דער מאָדערנער מאַלעריי, וועלכע די בעמיקער האָבן אונטערגעטראָגן קינסטלעכע פאַרבן. די ליפּן, באַדעקט מיט א בלוט־רויטער קאָליר האָבן אויסגעזען ווי צייטיקע קאַרשן, וואָס פּינקלען אין דער זון. די ברעמען — אויסגעפּוצט און פאַרונדריקט, זענען געווען די פּיילן־בויגנס וואָס דאַרפן אדורכשלאָגן פאַנצערס. די ברייטע נאָז איז פול געווען מיט דינע, בלויע אָדערלעך. דאָ האָט די נאַטור געזיגט און ניט געלאָזן זיך באַנוועלטיקן. אויך די קליינע בהאַראַוועקעס אין דער גאָמבע, פון וועלכע עס האָבן געשפּראָצט בינטלען האָר ווי ווילדע קוסטעס אין סטעפּ,

האָבן עדות געזאָגט וועגן דער מעכטיקייט פון גאָטס באשאַף. עס איז געווען אַ שלאַכט־פעלד ווו ביידע כוחות האָבן אָפּגעהאַלטן זיגן.

נאָר דעריקן איז עס נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט עס געקענט, אָט ווי ער קען די הענט זיינע, וועלכע פאַרהאַקן זיך אין אַ באַל מיט וואָל, אָדער אין אַ זאַק צוקער, וועלכע ער טראָגט מיט געניט־קייט איבערן שמאָלן בריקל פון ברעג אין שיף אריין.

דער ראַדיאָ האָט פאַרהילכט די קיך מיט די קאָמענטאַרן פון די פערד־געיעגן. מאַרטע האָט לייכט אָפּגעשטופּט דעם געלן קאָטער וואָס האָט מיטן עק צערטלעך געקיצלט אירע פיס, ארויסגענומען פון אייז־שאַנק אַ פלאַש ביר, און אָנגיסנדיק זיך אַ גלאָז — האָט זי אַ פרעג געטאָן דעריקן:

— געהאַט מזל?

— אַ פאַרדאָסט מזל — האָט דעריק פאַרענדיקט די „טשיפּס" און אַ וויש געטאָן די פינגער אָן הינטן.

ביי וויבער האָסטו מער מזל, ווי ביי פערד — האָט מאַרטע זייטיק אַ זאָג געטאָן, צווישן איין שלוק ביר און צווייטן. דורכן האַלב־ליידיקן גלאָז האָט זי געהאַלטן אַן אויג אויף אים.

זיינע אויגן האָבן זיך שמאָלציק צעשמייכלט, ווי זיינע ליפּן, אויף וועלכע עס איז נאָך געלעגן אַ פעטער שיכט דריפּינג...

ער האָט צוגעדריקט ס'אויג מיט אַ ווונק צו מוליען — וואָס האָט געקאָנט באַדייטן פּונקט אַזוי אַלץ — ווי גאָרניט...

— 2 —

סטעלאַ יאַנג האָט געוווינט אין צימער נר. 4. איר טיר איז ארויסגעקומען קעגנאיבער דעריקס. דאָס איז ניט געווען קיינעמס שולד. אַ צימער ווי יעדעס — האָט זי מוליע איינגעקוואַרטירט אין אָט דעם. זיין שוואַכקייט צו „ליידיס" האָט אים אונטערגעזאָגט צו געבן סטעלאַן דעם צימער, וועמענס פענצטער עס עפענען זיך אין גאָרטן אריין, אַנטקעגן די בעז־ביימלעך.

אַליין, אַליין אין אַ „באָאַרדינג האוז". — האָט מוליע געגעבן צו פאַרשטיין מאַרטען, — דאַרף זי האָבן דאָס געפיל אַז זי איז ביי זיך אין שטוב, און אויב זי וועט זיצן ביינאַכט ביים אָפענעם פענצטער, וועט זי קענען קוקן צו די שטערן און —

— פרווו נישט פארשטעלן דיינע מיינדעלעך מיט פּאָעזיע — האָט אים מאַרטע איבערגעריסן — לײדי — מיין פוס — האָט זי א זאָג אין ענגליש. — זי איז אזא לײדי, ווי איך א בתולה... מאָל דיך, ווען איך וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך איר אזוי פיל פארדונגען א צימער — האָט זי אים אונטערגעטראָגן אונטערן נאָז א גע- פלאָכטענע פייג...

— דיינע לײדיס. דו ביזט א מבין אויף ווייבער, פונקט ווי דעריק אויף פערד...

זי האָט א לאנגן זופּ געטאָן פון ביר-גלאָז, כדי וואָס שנעלער איבערצוקומען דעם שוים און צוקומען צום קאַלטן ביר.

זי האָט געהאַט גרייט ארויסצוזאָגן וועגן סטעללאַן נאָך א פּאָר פון אירע באמערקונגען, אָבער זי האָט ניט געוואָלט, אז מוליע זאָל טראַכטן, אז די דאָזיקע מויד האָט עפּעס פאר איר א באדייטונג.

— לײדי — מאי פוט — האָט זי ארויסגעלאָזן ווי אן איבער- געהיצטער קעסל — א שנירעלע דאַמפּ.

אז מאַרטע איז אים שוין גוט אריין אין די ביינער, האָט מוליע זיך א נעם געטאָן צום באַגאַזש פון שטעטל. ס׳הייסט — ער אליין האָט דאָ גאַרנישט וואָס צוצוגעבן, אָדער אראָפּנעמען, און ער איז איבערהויפּט נישט שולדיק וואָס ביי זיי אין שטעטל, אין דער „אָלד קאַנטרי" האָט מען אזוי געזאָגט:

— אז קלעאָפּאַטרע איז געווען אין דיינע יאָרן — האָט מען ביי אונדז אין שטעטל געזאָגט — איז שוין אויך איר לידל געווען אן אָפּגעזונגנס...

די דאָזיקע דינע אָנמערקונג האָט מאַרטען אויפגעשאָקלט, אזש דער בונט שליסלען האָט זיך צעקלונגען און די אייזערנע קלאַמערס האָבן גענומען ציטערן:

— צום טייוול מיט דיין „אָלד קאַנטרי", יו בליאדי דייגאָ . . .

און כאָטש מוליע איז ניט געווען קיין איטאַליענער, וועלכן די אויסטראַליער רופן געוויינטלעך: דייגאָס — האָט ער פונ- דעסטוועגן גאַנץ גוט פארשטאַנען, אז ער האָט נישט מער וואָס צו טאָן אין קיך.

— האָסטו געהערט ס׳לשון וואָס מיין ברויט-געבער רעדט עס צו מיר, זיין מיסים...

— נעם זיך נישט איבער, דאַרלינג, — האָט דעריק פון דער זייט ארויפגעלייגט זיין ברייטע פלאַטשיקע האַנט אויף איר בוזים.

— דו ביזט די לײדי אין דעם הויז, און קיינער קען זיך ניט

פאַרגלייכן מיט דיר, אפילו ניט די צעלאָזענע מויד סטעללא וואָס איז ניט מער ווי אַן אַבאָרידזשענישער מישלינג...

ביי זיך אָבער, האָט ער אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן מוליען:

— ער האָט „גאַטס", דער ממזר...

פאַרזיכערט פון דעריקן, אַז זי איז נאָך אַלץ מאַרטע — די רעספּעקטאַבעלע דאַמע פון „באָרדינג האַוז", האָט זי אויסגעטרונקען דאָס לעצטען ביסל וואָס איז פאַרבליבן אין דער ביר-פלאַש, און דערביי האָט זי אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן מוליען. אַ באַשלוס אין צוויי שפּראַכן גלייכצייטיק, אָט פּונקט ווי זי וואָלט גערעדט צו אים און זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען:

— די נאַכט וועסטו שוין שלאָפן אַליין... און כדי נאָך בולטער צו אילוסטרירן ווי אַזוי ער וועט טאַקע שלאָפן, האָט זי אַ זאָג גע-טאָן אין ענגליש:

— הי וויל בי אין דהי דאָג-האַוז...

* * *

אָנגעטראָפן האָט זיך סטעללא מיט דער באַלעבאָסטע ביים אָוונט - ברויט אין קיך. ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט האָט סטעללא מיטן אינסטינקט פון אַ בוש-מענטש דערשפּירט, אַז מאַרטע וועט איר קיין פריינד נישט זיין. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו דער באַלעבאָסטע, נאָך איידער מוליע האָט זיי נאָך באַוויזן פאַרצושטעלן.

— מאַרטע — האָט זי זיך אָנגערופן, — לאָמיר האָפן, אַז מירן זיין פריינד...

— שור... שור... מירן באַשטימט זיין פריינד. נאָר ביי זיך האָט זי אָפּגעמאַכט: אויב דו וועסט מיר נישט קריכן אין וועג אריין...

סטעללא האָט זיך געפילט פאַרלוירן אין דער גרויסער שטאָט. זי איז געווען אַ געמיש צווישן אַן איינגעבוירענער פרוי, אַן אַבאָ־רידזשין און אַ ווייסן פּי-טרייבער, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטן אויסטראַלישן צענטראַל־לאַנד. דורך דאָס דאָזיקן לאַנד, אָן וועגן, כמעט אָן וואַסער, האָט דער פּי־טרייבער געיאָגט די סטאַדעס פון איין אָרט צום צווייטן, בלויז אַן אַבאָרידזשין האָט געקענט מיטמאַכן דאָס שווערע וואַנדער־לעבן און איז דעם פּי־טרייבער געווען אַ הילף און אַ ווייב.

פון דעם דאָזיקן צענויפקום האָט סטעללאַ נעזירשנט א קאָפּ דינע, שווארצע, ענג-צונויפגעפּרעסטע האָר, וואָס האָבן געגלאַנצט ווי א שטיק אַנטראַציט, נאָר וואָס אויסגעהאַקט פון דער קוילן־שאַכט. אין אירע אויגן האָבן נאָך געפינקלט די פייערן פון שייטערס, וועלכע האָבן באַלויכטן די נאַכטיקע קאַראַבוראַ-טענץ אין אוראַלטן בוש. דער בוש — דאָס איז געווען איר מאַמעס היימלאַנד. די אויס-געבענקטע, נאַכטיקע טענץ ביים שייטער האָבן געדאַרפט פאַרכישופן די גיפטיקע שלאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרטייעט געגליטשט צווישן די שטיינער-שפּאַלטן, צווישן גראָזן: אין אויסגעטריקנטע טייך־קאָרי-טעס. זיי האָבן זיך געגליטשט מיט געניטקייט, געזווישלאָז, גרייט צו פאַרגיפטן דעם קרבן מיטן נאָפּלדיקן צינגל כדי אים דערנאָך אַראָפּצושלינגען גאַנצערהייט.

די נאַכטיקע טענץ האָבן אויך געדאַרפט ארויסרופן די גייסטער פון די אוועקגעגאַנגענע פון שבט — זיי זאָלן זיך פאַרזאַמלען, כדי אָפּצוהיטן דעם שבט אין דער געהיימניספולקייט פון דער נאַכט, ווען די פייערן לעשן זיך אויס, און עס בלייבט נאָר דער רויטער גלי פון די קוילן.

אין סטעללאַס אויגן האָבן זיך אָפּגעזעצט אָט דער פאַרבאָרגענער כישוף פון די אַבאָרידזשינישע נעכט אין אויסטראַלישן בוש.

פון טאַטן האָט זי נעזירשנט א ווייסע, פון זון פאַרברוינטע הויט, און א פעסטן, ברייט־ביינערדיקן קערפּער. זי איז דעריבער מער ענלעך געווען אויף א דאָרפס-מיידל. הגם אירע פאָרמען האָט געפעלט די סימעטרישע האַרמאָניע פון ליניעס, האָט זי אָבער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט געלאָזן מען זאָל איר פאַרבייגיין און נישט פאַרהאַלטן דעם בליק אויף א ווייל. דער דאָזיקער ווייליקער בליק האָט ערגעץ ווו איבערגעלאָזן אַן אָפּקלאַנג, א ברעקל וואָס שאַפט דערנאָך די פּערל ביים אויסטער; א וויבריר, וואָס צעשאָקלט די גלייכגילטיקייט.

דעריק האָט אין געדאַנק נישט געקאָנט אריבערשפּאַנען דעם אויפרודער וואָס סטעללאַס אויגן האָבן ארויסגערופן אין אים. עפּעס א צאַרטע ווייכקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע גלידער. אַזאַ געפיל האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. אפילו נישט דאַן, ווען זיין „פּיי-וואָריט"־פערדל איז געקומען דער ערשטער. דאָס געפיל, אַז ער האָט געשטעלט אויף א געווינער האָט אים צוגעגעבן מענערישן שטאָלץ. אַזאַ געפיל האָט ער נישט געהאַט אפילו דאַן, ווען דער שוימיקער ביר איז א ווי א קוואַל געפלאָסן פון די בייכיקע, הילצערנע פעסער

גלייך צו אים אין די געדערעם אריין. אין דעם צעוואָקסענעם יונג האָט עס גערודערט. עס איז געווען אַנדערש ווי דאָס — וואָס ער האָט געפילט מיט מאַרטען. עס איז געווען אַ געפיל, ווען מען נעמט אַ קליין קעצל אויפן שויס, מען גלעט עס; מען צערטלט דאָס סאַמעטענע פעלעכל; מען האָט הנאה ווען דאָס קעצל לעקט מיטן רויטן צינגל דאָס שיסעלע וואַרעמע מילך. מען פילט זיך צוגעבונדן צום קעצל מיט א ניט זעבאַרן פאָדעם — דעם פאָדעם פון צוגעהערן...

א ווייטע שטימע, ווי דער עכאָ וואָס קייקלט זיך איבער בערג — האָט אים גערופן. געצויגן האָט אים — ווי דאָס פלאַטערל צום נאַכטיקן גלי פון פייער...

דעריק האָט זיך ארויסגעשאַרט פון זיין צימער, ארומגעקוקט זיך. עס איז געווען שטיל, ווי קיין לעבעדיק באַשעפעניש וואָלט זיך דאָ נישט געפונען. ער האָט א דריק געטאָן דאָס טיר־הענטל פון סטעללאַס צימער...

— 3 —

צומאָרגנס איז געווען זונטיק. דעריק האָט זיך געפּאָרעט אין די אינגעווייידן פון אלטן „פאָרד". ארויסגעשלעפּט רערלעך, אוילּיקע שרויפן, מוטרעס, און זיי אויסגעלייגט אויף א שמאַטע. אויסגע־שרויפט די פונקען־צינדער און זיי אויסגעשליפן מיט שמערגל־פּאַפּיר. אָן אויסגעפּאַרענער אויטאָ־רייף האָט זיך געוואַלגערט דער־נעבן און די יאַטלעך פון גאַס האָבן ניט אויפגעהערט דאַקוטשען דעריקן, ער זאָל זיי לאָזן אַרויסנעמען די גומענע לופטרייף. זיי ווילן „פּיקסן דעם פּאַנקטשער". האָט דעריק צו זיי גערעדט ווי צו גלייכע:

— ממזרים, איר זענט זיכער, אז איר ווייסט ווי מען מאַכט עס?

— שור! האָבן זיי אים פאַרזיכערט — שוין הונדערט מאָל אפשר געהאָלפן דעם „אָלד מען". מוליע, וואָס האָט געגרנישט פּאַר־שטאַנען פון מעכאַניזמען, איז געשטאַנען דערנעבן און זיך צוגע־קוקט, ווי דעריקס פינגער ווערן וואָס א מאָל שמוציקער. אזש עס פאַרכאַפּט שוין שטיקער האַנט. זיינע נישט־ראַזירטע באַקן זענען שלאַבערדיק אראָפּגעהאָנגען, ווי ביי אַן אלטן בולדאָג. די וואַסערדיקע אויגן אין רויטע רעמלעך האָבן זיך געבעטן ביי דעריקן.

— הלמאי האָסטו עס געטאָן?

עס איז געגוג געווען, אז דעריק זאָל אָנקוקן מוליען, כדי צו וויסן ווו מוליע האָט געגעכטיק:

— זי האַלט דיך קורץ דיין אַלטע, האַ? — האָט ער אים זייטיק א פרעג געטאָן...

— ביזט שוין געווען די נאַכט אין דאָג-האוז... נאָך אַלעמען ביסטו א מאַן, באַוויז איר; זיי ניט קיין „טשיקן"...

— אַליץ צוליב סטעללאַן — האָט מוליע זייטיק א זאָג געטאָן.

— ניט געדאַרפט איר פאַרדינגען א צימער; עמעץ איז דאָרטן געווען די נאַכט, און מארטע האָט נאָר געוואָלט איך זאָל נאָכקוקן — ווער...

— נו? — האָט דעריק געוואָלט וויסן.

— עס שמעקט מיט טראָבל — האָט זיך מוליע ארויסגעדרייט פון ענטפערן.

— לאָז דיר נישט ארומשטופן פון א נקבה, אפילו ווען זי איז דיין ווייב — האָט ער א זאָג געטאָן, און ווידער אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין מאָטאָר.

— איך נעם היינט ארויס סטעללאַן פאַר א „דרייוו". קומסט מיט „בראַסאַ"? פאַרגעס נאָר ניט מיטצונעמען דעם פלאַשן-עפענער פארן ביר...

— עס שמעקט מיט טראָבל... — האָט מוליע א ברום געטאָן, און זיך געלאָזט מיטן הינטערשטן אריינגאַנג צום הויז.

דעריק האָט א וויש געטאָן די פאַרפעצטע הענט אין א שמאַטע. אריינגעזעצט דאָס הענטל אין מאָטאָר און גענומען אים לאָזן אין גאַנג. עס האָט געסאָפּעט, געקרעכצט און צום סוף זיך צעלאָזן מיט א געראויש פון די צילינדערס. דעריק האָט צוגעליינט אַן אויער דאָ און דאָרט, ווי ער וואָלט א דאָקטאָר געווען און אויסגעטאַפּט דעם דופק ביים חולה. זיין פנים האָט געשמייכלט פון צופרידנקייט.

— פיין, אָלד באָי — האָט ער זיך אליין גערימט — האָסט עס געפיקסט...

ער האָט אריינגעוואָרפן אין קאַסטן אונטערן געזעס די שליסלען, גומענע רערלעך, דראָטן, שרויפנציערס און אַלעס איבעריקע, וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין האַנט אריין. ער האָט דעם קאַסטן צוגעדעקט מיטן אויסגעריבענעם, צעראַטעטנעם געזעס.

— מ'קען נעמען איינפּאַקן צו דער רייזע...

מיט איין שפּרונג איז ער אריבער דעם נידעריקן פּאַרקאַן, און מיטן צווייטן איז ער שוין כמעט געווען ביי דער קיך־טיר, ווען ער

האָט דערהערט א שטילן כליפּען... אין קאָרידאָר איז סטעללא געזעסן אויף איר צוזאַמענגעבונדענעם פּעקל קליידער.

עס איז געווען ווי דאָס געוויין פון א קינד, וואָס האָט זיך מיט־אַמאָל אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און עס וויים נישט, ווו עס געפינט זיך, און וואָס מיט זיך צו טאָן. די געפילן וואָס באהערשן דאָס קינד, די אומבאַהאָלפענע מורא — זיי ווערן געלייטערט דורך טרערן, וועלכע באַנעצן דאָס קישן.

א ווײַלע האָט זי זיך פארטראכט. פארגעסן. געבליבן שטיל. און אַט האָט ווידער א קלונג געטאָן אין אירע אויערן די פּאָר ווערטער וואָס מאַרטע האָט איר געוואָרן אין פּנים אריין:

— בלעק טאַרט...

דער דאָזיקער זאָג האָט ערגעץ ווו ווייטאָקדיק א שניט געטאָן און דער שטראָם טרערן האָט ווידער גענומען פלייצן איבער איר פּנים.

— און, אז א שווארצע, איז וואָס? האָט זי זיך אליין גע־פרעגט... און הילפלאָז צעפירט די הענט...

צוערשט איז דעריק געבליבן שטיין, אַט ווי זיינע געלע, אויס־געריבענע שיך וואלטן פלוצלינג ארויפגעטראָטן אויף הייסע סמאָלע און זיך צוגעקלעפּט. דער אימפּעט פון גאַנג האָט אים נאָך א וויג געטאָן, אָבער די פיס האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט.

— טראָבל? האָט זי דיר אָפּגעזאָגט דעם צימער? האָט זי דיר עפּעס געזאָגט? וואָס האָט פּאַסירט?

דעריק האָט געוואָלט אלץ וויסן מיט איין מאָל...

נאָר סטעללאַס קאָפּ, אראָפּגעלאָזט צו די ציטערדיקע קני, איז געבליבן אומבאַוועגלעך הענגען. מיטן האַנט האָט דעריק אונטער־געהויבן איר גאָמבע: אָנגעקוקט אירע פּייכטע, מיט טרערן פאַרגאָ־סענע אויגן, פון וועלכע עס האָט ארויסגעקוקט דער עלנט פון א היימ־לאָזן מענטשן... אויף דער מינוט האָט ער נישט גענוי פארשטאַנען וואָס דער בליק זאָגט. ער האָט בלויז ארויסגעפילט, אז סטעללאַן איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן א מוראדיקע עוולה — וועלכע מען קען נישט פארשווייגן.

— צי דיר פון דאַנען, דו בלעק טאַרט — האָט זי געזאָגט.

— גיי צוריק קיין עלים ספּרינג, צו דיינע שווארצע שלאַנגען־פרעסער, גיי אין בוש צו דיינע אבאָס; דאָרט איז דיין אָרט...

עס האָט איר פארפעלט אָטעם, און ווידער האָבן די טרערן גענומען ריזלען איבער אירע באַקן...

אין דעריקן האָט זיך עס אָנגעצונדן, אַט ווי עס צינדט זיך אָן א בוש-פייער. מיטאַמאָל נעמט עס ברענען פון אַלע זייטן. עס לויפט איבערן גראָז צו די ביימער-שפּיצן און דורך די קרוינען נעמען די פייער-צונגען איבערשפּרינגען ווייטער. און אָט טוען זיי זיך א לאָז אַראָפּ צוריק און איבערן טרוקענעם גראָז נעמען די צונגען לויפן און פאַרשפּרייטן זיך איבער אַלץ וואָס קען זיך אָנכאַפּן; און פאַר-וואַנדלען עס איז גליענדן אַש.

אין דעריקן האָט דער כעס געבערענט אין אַלע אָדערן, אין די מוסקולן, אין די געהירן און אונטער די האָר־וואָרצלען.

— און אַז זי איז אַן „אבא" איז וואָס? האָט ער א שליידער געטאָן א בינטל ווערטער מאַרטען אין פּנים. זי איז א מענטש אַזוי גוט ווי דו! — ער האָט אַפילו ניט געפּרוווט פאַרמילדערן די אומ-שטענדן דערמיט, וואָס סטעללאַ איז ניט מער ווי אַ מישלינג, אַ „האַפ־קאַסט"...

מאַרטע האָט אויפגעמאַכט אַ פּאָר אויגן, ווי זי וואָלט דעם־אָ דעריק אַ׳קאָנער געזען פּאַר זיך דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן. עס איז פאַר איר געווען אַן איבערראַשנדיקע אַנטדעקונג, אַז אָט דער יונג מיט די גראָבע, אָדערדיקע הענט וואָס האָט גאָר אין זינען פערד-געיעגן און ביר, זאָל מיטאַמאָל ארויסווייזן הארץ פאַר א שוואַרצער, אַן „אבא".

— מיינסט עס ערנסט? האָט מאַרטע א פרעג געטאָן — „פעער דינקום"?

גאָר דעריק האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט. פון אונטערן בעט האָט ער ארויסגעשלעפּט אַן אַלטע, צעפּאַרענע וואַליזע, אריינ-געוואָרפן אין איר עטלעכע שטיקער קליידונג, דעם אייזערנעם האַק מיט וועלכן ער פּאַרט יעדן פרימאָרגן צו דער ארבעט אין פּאַרט, און א פּאָר בלעכענע שאַכטלען מיט ביר. ער האָט די וואַליזע פאַר-צויגן מיט א גרינעם מיליטערישן פּאַסיק און אריינגעמאַרשירט אין קיך אריין.

— טשירי יאָ בראַסאַ, אָלד־באָי — האָט ער א זאָג געטאָן צו מוליען עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער — עס טוט מיר לייד פאַר דיר — האָט ער אים א ווונק געטאָן אין דער ריכטונג ווו מאַרטע איז געשטאַנען און זיך געלאָזט גיין.

סטעללאַ איז נאָך אַלץ געזעסן איבער איר טלומיקל. די טרערן האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויסצוטריקענען. אָבער געוויינט האָט זי נישט מער. זי האָט געטראַכט זיך אויפצוהויבן, איבערבעטן מאַר-

טען פאר עפּעס א פעלער וועלכן זי איז נישט באַגאַנגען, און צוזאָגן ארויסהעלפן אין קיך — אבי זי זאָל קענען דאָ בלייבן וווינען. וווּהין זאָל זי גיין? זי איז געוועז איינע אליין אין דער גרויסער שטאָט...

א פעסטע האַנט האָט איר אויפגעהויבן. די זעלבע האַנט האָט איר ארויסגעפירט אין דרויסן. צוערשט האָט דעריק אריינגעוואָרפן אויפן הינטערשטן געזעס זיין וואַליזע, דאַן סטעללאַס קלומיקל קליי־דער. סטעללא האָט ניט פארשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט ברייט אויפגעמאַכט די טיר פון אויטאָ.

— שפּרינג אריין!

ער האָט צוגעקלאַפּט די טיר און פארנומען דעם זיץ נעבן רעדל.

— מיידל — דו ביזט נישט מער אליין — האָט ער א זאָג געטאָן מער צו די הענטלעך און מעכאַנישע קנעפּלעך וועלכע ער האָט געלאָזן אין גאַנג, ווי צו סטעללאַן.

דער אלטער „פאָרד” איז זיך פארגאַנגען אין א געברום און זיך אוועקגעלאָזט איבער דער שטילער, זונטיקדיקער גאַס מיט זיינע אויסגעפאָרענע רייפן...

א שטעטעלע, האָ?

זישע אַלפּערט האָט זיך געקליבן אַריבערצופאָרן און אַ קוק טאָן אויף ישראל.

— אין מיטנדערינען? דו? נאָכוואָס?

דאָס אַלץ האָט געוואָלט וויסן פּראַדל, וועלכער מען האָט נאָך פון קינדהייט אָן גערופן: דער קלוגער קאָפּ.

נאָך איידער זישע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ס'איז צייט אַראָפּכאַפּן זיך קיין ישראל אַ קוק צו טאָן, ווי ווייט די אייגענע, גרייעווער האָבן זיך פאַנאַנדערגעלייגט אין דער מדינה — און אין איין וועגנס אַ קוק טאָן אויף דער מדינה גופא — האָט ער זיך גוט אונטערגעגאַרטלט אַנטקעגן זיין פּראַדלען. פּראַדל — דער קלוגער קאָפּ טאַקע — האָט שוין לאַנג געהאַט אָן אויג אויף אַזאַ מין רייזע, און דאָ, אינמיטנדערינען — זישע.

האָט זי טאַקע געוואָלט וויסן: — נאָכוואָס?

דאָ האָט איר זישע אונטערגעטראָגן אָן ענטפער:

— נאָכאַמאָל איבערצולעבן מיין יוגנט...

קעגן אַזאַ אַרגומענט האָט שוין פּראַדל — אַפילו מיט איר קלוגן קאָפּ — גאָרניט געקענט דערווידערן.

געהאַלטן האָט זי, אַז זישע איז לכתחילה געבוירן געוואָרן אָן אַלטער ייד, אַרום און אַרום (וואָרים אַז זיי האָבן חתונה גע-האַט, איז שוין זישע ניט געווען טאַקע מער קיין יונגערמאַנטשיק), טאָ וואָס פאַרא יוגנט גייט ער דאָס נאָכאַמאָל איבערלעבן?

און נאָך האָט זי גריילעך געוואָלט וויסן:

— ווי אַזוי האָט זישע דורכגעלעבט זיין ערשטער יוגנט? (איר שפּילט זיך עפּעס מיט פּראַדלען, דעם קלוגן קאָפּ?...).

די בריוו פון זישעס חברים, די וואָס זענען באַצייטנס אַוועק פון גרייעווע ווי חלוצים, אָדער זיך לערנען אין חיפה'ער פּאָלי-טעכניקום — מחמת אין פּוילן איז דאָס פּאָליטעכניקום געווען פאַר זיי אַ פאַרמאַכטע טיר — האָבן געלאָקט, גערופן, עפּעס אויפגע-

וועקט אַ בורטשעניש אין אים. אַ ווערטעלע שוין צו זאָגן, ווען די געראַטעוועטע פון חורבן האָבן זיך באַזעצט אין ישראל, איז זישען ס׳הארץ ממש אַרויסגעשפּרונגען, אַט ווי אַ ספּרוזשינע שפּרינגט אַרויס פון אַ צעריסענער קאַנאַפּע — ניט אַריינצומאַכן צוריק.

— שוין — אַזוי האָט געטענהט פּראַדל — דער פּלי־קאָפּ אַרבעט שוין ביי אים: גרייעווע! יעקעלע פלאַקן האָט ער פאַר־געסן זאָגן: שלום. אָדער מאיר קוליע, אָדער אברהם־איטשע דעם טעלעגראַפיסט האָט ער שוין ניט געזען אַ וואָסערע פינפאונצוואַנציק יאָר, מוז ער אים זאָגן:

— האַו דו יו דו... אַ קלייניקייט. וואָס מאַכט מען? מען רודערט אַ וועלט?

— און זיסלען האָסטו פאַרגעסן צו ענטפערן אויפן ליבעס־בריוו אין 1928? איז זי שוין דאָרטן אַ באָבע, נעם דיר אין זינען, זישע...

— אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער זאָל נישט האָבן אין זינען קיין תכלית...

תכלית האָט ביי פּראַדלען געהייסן: האָנג־קאָנג. אַ מענטש מיט געהירן, מיט אַ קלעפּקע ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, פאַרט טאַקע קיין ישראל, אָבער אין זינען האָט ער, אַז אויפן וועג איז דאָ אַ שטעטעלע: האָנג־קאָנג, און מ׳ווייס וואָס מען דאַרף צוריקברענגען, מ׳זאָל זיך ניט פאַרשעמען פאַר לייטן. אָבער זישע? אַז זי דאַרף פאָרן, דאָס איז געווען פאַר איר אַזוי נאַטירלעך, פונקט ווי יעדער איינער ווייס, אַז נאָך דאַנערשטיק קומט פרייטיק. דאַרף מען דען ריידן דערפון? ניין, ס׳איז אַ זאַך איבער וועלכער מען רעדט גאָר־ניט.

אין אַלע לייטישע הייזער פירט זיך אַזוי — פּסקנט אָפּ פּראַדל.

— נאָר אַז די גרייעווער יוכע — אַזוי האָט זי טאַקע בפירוש געזאָגט: — די גרייעווער יוכע האָט זיך ביי זישקען צעשפּילט...

ביידע האָבן זיי ניט געקענט פאָרן, ווייל נאָך אַלעמען איז זישע אַלפּערט ווייט געווען פון זיין אַ גביר.

ערגעץ־ווו האָט אין אים נאָך אַלץ געראָפּעט דער פאַרדרוס, וואָס ער האָט אין יענע יאָרן:

— און זיסלען האָסטו פאַרגעסן צו ענטפערן אויפן ליבעס־בריוו אין 1928?

טאקע אין יענע יאָרן, ווען זיי זענען געשטאַנען דרויסן פון הילצערנעםביידל, און זיסל האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט פשוטע רייד אַ זאָג געטאָן:

— זישקע, מיר זענען אהערגעקומען ניט צו גראָבן גאָלד. מיר זענען אהערגעקומען ארבעטן. און אַז קיין גליקן זענען ניטאָ, איז וואָס? כאַפּן די פּיס און היידא — אַוועק?...

דעם זעלבן אָוונט טאקע האָט ער אַוועקגעשפּאַנט אין פֿאָרט און גענומען די ערשטע שיף קיין אויסטראַליע.

מיט איר קלוגן קאָפּ האָט פראדל באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער עקשן וועט פֿאָרן.

ביי די אַלפּערטס האָט מען ניט געגעסן קיין מיטאָג. מען האָט טאַקע געפּאַכעט מיט די לעפֿל, ווי מיט קאָסעס; געשלונגען קליס־קעלעך מיט שוואָמען; הינערשע פּאָלקעס זענען פֿאַרשווּנדן פון פּאַלומעסעק, ווי עס וואָלט אויף זיי געווען אַ מגיפה — נאָר קיין מיטאָג איז ניט געווען. אַלע האָבן גערעדט אין איינעם, אַ חוץ וואָס יעדערער האָט גערעדט באַזונדער. דאָס האָט מען זיך געמיט אַריינפּרעסן — ניין, ניט אַריינפּרעסן — ממש אַריינשלאָגן, ווי מען שלאָגט אַריין שטאָלענע נעגל אין אייזנבאַן־שפּאַלן, אין זישעס קאָפּ, וואָס אַ שטייגער ער זאָל אַלץ מיטברענגען פון האָנג־קאָנג.

— אַ מוווי־קאַמעראַ מיט אַ פלעש־לייט! — דאָס האָט פֿאַר־לאַנגט בעני, וואָס וועט אין פֿאַר מאָנאַטן אַרום בר־מצווה.

— וואָסי, עס וועט מיר ווייניק אָפּקאָסטן דיין פילמען ביי־טאָג? לייטישערע פילם־דירעקטאָרן דרייען אויך ביי־טאָג... — דאָס האָט זישע געפּרובירט זיך צו דינגען, אפשר פֿאָרט...

— פּאַפּ — אזוי האָט בעני בפירוש אַ זאָג געטאָן, און דורכן גאַנצן רייד־געפּלעכט פון פראדלען און שרה'קען, זיין עלטערע טאָכטער, איז צו אים קלאָר דערגאַנגען בענים פֿאַרזאָג:

— נאָ פלעש־לייט — נאָ בר־מצווה...

און וואָס דאָס האָט באַדייט, האָט שוין זישע גוט געוווּסט. אויף בענין קען ער זיך פֿאַרלאָזן.

— ער עט צעדרייען די דרשה און ריידן פידראך — דאָס איז נומער איינס; נומער צוויי: ער וועט אַראָפּקומען צו דער בר־מצווה אין אַ רויט קאָובאָי־העמד מיט שווארצע קעסטעלעך; אין העלע שיך מיט הויכע קנאָפּל, ווי עס טראָגן די אמתע חברה־לייט...

זישעס טאַטע, ניאָמקע אַלפּערט, האָט שוין טאַקע ניט געלעבט. דאָס האָט דער זון, בעני, געטראָגן זיין נאָמען. און פֿאַרשעמען דעם

טאַטנס נאָמען — דאָס וואָלט פאַר זישען געווען — נאָך ערגער ווי אין טאַטן אַריין...

— מילא — אין ישראל ביזטו א גרייעווער היץ־קאָפּ, מעגסטו שוויצן — אַזוי האָט פראדל אים מיטגעגעבן לעצט־געלט — אָבער אין האָנג־קאָנג ביזטו א טאַטע פון קינדער, א ייד א סוחר...

נאָך אַלע רייד האָט פראדל פונדעסטוועגן זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין יאָ געדענקען, ניט געדענקען און דערלאַנגט אים א פאַר־שריבן צעטל, ער זאָל ניט פארגעסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט און זי זאָל זיך שפּעטער ניט דאַרפן שעמען פאַר לייטן.

אַז זישע האָט אָנגעקוקט ס׳קוויטל, איז אים געוואָרן זייער ווייך אונטערן לעפעלע און פאַר די אויגן האָבן זיך באַוויזן רעדער: בלויע, גרינע און עפּעס גאָר מיסעמישונע קאָלירן — אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגן פאַר שרעק.

געקומען צוריק צו זיך, האָט ער שוין כמעט חרטה געקראָגן אויפן גאַנצן עסק.

— וואָס מיינסטו, פראדל, איך פאַר קיין ישראל אָפּנעמען שלמה המלכס ירושה? אָדער ווילסטו איך זאָל דאָרטן ארומגיין איבער די הייזער?

* * *

זישע אַלפּערט איז אַהיימגעפאָרן. זיין האַרץ האָט אָנגעקוואָלן פון די גרייעווער.

— פאַנאַנדערגעלייגט זיך מיט די געשעפטן, און מיטן בויען

— מיט אַזאַ ראַזמאַך...

דאָס אַלץ איז געווען ביז האָנג־קאָנג. אַזוי ווי פראדל האָט פאַרזאָגט:

— ביז האָנג־קאָנג מעגסטו גרייעווען, וויפל עס גייט נאָר אַריין אין דיין נארישן קאָפּ...

צו ערשט האָט ער געכאַפּט א בליק אַהין; א שמעק אַריין אין א געשעפט, געטאַפּט אין וואָגן. לייט זענען געפאָרן אָנקוקן די כינע־זישע גרענעץ, מ׳איז דאָך טוריסטן. ביי זישען איז עס געווען ניט מער ווי שמאָנצעס... סוף־כל־סוף האָט ער אויפגעמאַכט דעם טיים־טער און אָפּגעסילוקט די פאַר דאָלאַר, וועלכע ער האָט געהאַט פאַר־שטעקט אָן פראדלס וויסן — אבי איינצוקויפן שלום אין דער משפחה.

אוועקגעפאַלן אויפן האָטעל־בעטל, האָט זישע ערשט דערפילט ווי די מידקייט נעמט אַדורך די גלידער. זיי זענען געוואָרן שווער, אָן לעבן, ווי שטיקער פאַרטריקנט ליים. געדוכט האָט זיך אים, אַז ער קערט זיך גאָרניט אָן מיט אַט די ליימיקע גלידער וואָס וואַלגערן זיך אויפן האָנג־קאָנגער האָטעל־בעט. נאָר אַז ער פּרובירט אַ ריר טאָן מיטן קערפּער, האָט ער דערפילט, אַז אָט די אַלע אברים זענען טאַקע זיינע און דורך זיי לויפט אַדורך אַ שטראָם דינינקע נעדעלעך און שטעכן, שטעכן...

איז ער געבליבן רואיק ליגן. בלויז אין קאָפּ האָט געאַרבעט דער „קעש־רעדזשיסטער": אַלעמאָל צוגעגעבן, אַראָפּגענומען, באַרעכנט און ווידער אַ קלונג. באַצאָלט. איבערגעצאָלט? נישט געבוג געדונגען זיך? מילא — געקויפט, דוכט זיך אין מקח.

כדי אָפּצושטעלן דעם „קעש־רעדזשיסטער", האָט זישע גענומען זיך צוהערן אין דער טונקלקייט.

פון איבערן דינעם ווענטל איז צו אים דערגאַנגען אַ שטילע שושקעריי, אַ זייער היימישע און ווייזט אויס גאָר אַ נאָענטע. אייגענע מענטשן. מ'דאַרף קיין סך ניט רעדן. נאָכהער איז געקומען אַ סמאָטשקעריי, ווי ליפּן וואָלטן תאווהדיק אַרומגעלעקט געבראָטענע, געבזענע פּאָלקעס.

קיין פינגער אין מויל האָט מען זישען ניט גענדאַרפט אַריינלייגן. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער.

ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך פראַדלען...

— לייט האָבן מזל — האָט ער זיך געגעבן צו פאַרשטיין — מ'פאָרט אַרום אין דער וועלט זאַלבעצווייט — מאַן און ווייב, איז טאַקע אַנדערש. מ'דאַרף ניט ליגן ביינאַכט אַליין אין אַ האָטעל, און ס'איז טאַקע דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן אויך...

— נאָר אַז מען האָט ניט קיין געלט — איז שוין בעסער אַליין, ווי גאָרניט...

אויף יענער זייט ווענטל האָט מען געלאַכט... דאַן איז שטיל געוואָרן. די שטילקייט האָט אויך זישען אַנגעשטעקט און ער האָט איינגעדרימלט. געשלאָפן איז ער אויף אַ קול, רחבותדיק; און אַז קיינער האָט אים ניט געטאָרקעט ער זאָל אויפהערן צו כראָפּען, האָט ער הנאה געהאַט פון זיין שלאָף.

פלוצלינג האָט זיך אַ טעלעפאָן צעקלונגען. פון געוווינטשאַפט האָט זישע אויסגעצויגן די האַנט און גענומען זוכן דאָס טעלעפאָן־טרייבל. אַז ער האָט עס ניט געפונען, האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן.

אצינד איז ער שוין געווען וואך. ער האָט זיך איינגעהערט. דאָס האָט זיין שכן גערעדט אויפן טעלעפאָן מיט באָסטאָן:

— באָסטאָן, האלאָ באָסטאָן! אָ, דאָס ביזטו, עמיליע טייערע? ליגט אַ מענטש ביינאַכט אין האָטעל אליין, איז אים אומעטיק און ער בענקט נאָכן ווייבל... הערסט מיך, עמיליע טייערע? איך בין אזוי איינזאַם דאָ אָן דיר און כ'בענק...

זישע אַלפערט האָט ניט געוואָלט מער הערן וועגן די מציאות, וואָס דער פרעמדער האָט אַלץ איינגעקויפט פאַרן ווייב אין באָס־טאָן. עס האָט אים פאַרדראָסן אויפן פרעמדן, און אפשר אויך אויף זיך...

— ממזר איינער, — האָט ער געטענהט צום פרעמדן אָן ווערטער, — אליין ביזטו געשלאָפן די נאַכט? עמיליען קענסטו עס דערציילן, אָבער ניט מיר...

און וואָס האָט אים אויף זיך פאַרדראָסן?:

— אַזאַ טיפּיש ווי איך, האָב געמיינט, אַז ס'איז זיין ווייב...

דרויסן האָט גענומען טאָגן. זישע אַלפערטן האָט שוין ניט געאַרט דער פרעמדער איבערן וואַנט, ניט עמיליע פון באָסטאָן — אפילו ניט זיסל, וואָס איז שוין אַ באָבע, כאָטש אַ גאַר יונגע באָבע, און ווי זיין לעבן וואָלט אַנדערש אויסגעזען, ווען ער ענטפערט אויף יענעם בריוו אין יאָר 1928...

אַלץ וואָס ער האָט אצינד אין זינען געהאַט, איז געווען — האָנג-קאָנג.

אין דער פרימאַרגנדיקער שטילקייט האָט זיך אים געגלוסט עפּעס אַ זאָג טאָן, וואָס זאָל אים אַלץ באַשיידן. אַ וואָרט אַזאַ, אין וועלכן ער זאָל ווי אין אַ שפּיגל דערזען די נשמה פון אַ מענטש; פון אַ שטאָט, וואָס קען אַ מענטשן אַנדערש מאַכן. און אַז ער האָט זיך דערמאָנט דאָס ביינאַכטיקע, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און אזוי זיך אַ זאָג געטאָן: אַ שטעטעלע, האָ?

פ. מ. דזשאַנס לייטער

די אַלטע געביידע האָט זיך גאָרניט געענדערט, זינט פ. מ. דזשאָן האָט זי געקויפט. די ווענט צום גאַס האָבן לכתחילה געהאַט אַ פּנים פון זאַמד-שטיין — געלער זאַמד-קאָליר, דורכגעפלאָכטן מיט ווייסע מאַרמאָר-אָדערן. דאָס מערקט מען נאָך אַפילו היינט, כאָטש די צייט האָט אויף די ווענט אַרויסגעצויגן די גרויע, כמעט קאָליר־לאָזע פאַרב, וואָס דריקט אויס מער ווי איין באַגריף: אַלטקייט. דער בלעכע-נער דאַך איז דורכגעברענט פון דער טראָפּישער זון און צעפרעסן פון זאַלץ־וואַסער, וואָס דער ווינט האָט איין געדיכטע טראָפּנס אָנגע־טראָגן פון ים. ער האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ שיכט זשאַווער, כאָטש ערטערווייס האָבן זיך נאָך אָנגעזען די רויטע פלעקן פון אויל-פאַרב מיט וועלכן דער דאַך איז אין זיין בראשית באַדעקט געוואָרן. דאָס האָבן באַמערקט פאַרבייגייער. אַפילו דעם אָפּגעשאָסענעם אויפ־שריפט: „סינג-לי־יען אימפּאָרט־עקספּאָרט לימיטעד — האָט מען נאָך געקענט פאַרנאָנדערשיפרירן.

פ. מ. דזשאָן איז עס ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט. און טאָמער האָט זיך עמעצער גענומען די מי, און אים אָנגעוויזן דערויף, אַז די אַלטע געביידע בעט זיך אַביסל אָפּצופרישן, האָט ער יענעם אָנגעקוקט ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען אין וואָס יענעם גייט. ער האָט דעם פרעמדן געפּרוווט אָנווייזן, אַז עס איז אַ טעות: דאָס מיינט ער געווים אַן אַנדערן און נישט אים. נאָר, אַז דער פרעמדער איז דווקא צוגעשטאַנען און אים אויסגעוויזן, אַז אַזאַ פירמע ווי פ. מ. דזשאָן מוז אויך האָבן אַ שטיקל דרויסנדיק פּנים — ערשט דאַן האָט זיך דזשאָן געכאַפּט, אַז דאָס מיינט מען אים טאַקע, און ער האָט אַזוי זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אַ געביידע איז ניט קיין פרוי, מען דאַרף עס ניט פּוצן. און צווייטנס — אַ פעסטונג איז תמיד גרוי. נו, איז דאָס פ. מ. דזשאָנס פעסטונג... אַ סאָלידע פעסטונג.

אין אַלגעמיין גענומען, האָט פ. מ. דזשאָן גאָרניט דאַקעגן, אַז הייזער זאָלן ניט אָנוואַרפן קיין מורא אויף די, וועלכע קומען אין

זיי אריין. ניט מער, ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט זיך ארומצו־קוקן ווי די געביידע זעט אויס.

כדי אָבער צו זיין ערלעך צו פ. מ. דזשאָן מוז מען צוגעבן, אז איינמאָל האָט ער יאָ באַטראַכט די דאָזיקע געביידע. ער איז אפילו ארויף אויפן בוידעם אָנצוקוקן אויב דער דאַך איז ניט געלעכערט, און צו עס איז געגנוג זיכער פאר גנבים. אין יעדן ווינקל האָט ער דאַן ארומגעשמעקט און געמאַכט פּלענער אויף דער צייט, ווען גאָט וועט העלפן...

וואָרים פ. מ. דזשאָן האָט לכתחילה צוגענומען גאָט פאר א שטילן שותף צו דער פאבריק. ס'הייסט: קאָסטן, קאָסט ער אים גאָרניט. און פאר זיין הילף פארלאַנגט ער ניט קיין פּראָצענטער — אזא שותף קען מען זיך פארגינען צו האָבן.

נאָך דעם, ווי ער האָט דעם בינעזער איינגעצאָלט דירה־געלט פאר א חודש פאָרויס, האָט ער זיך מער ניט געקימערט וועגן דער געביידע. ער האָט זיך בלויז געלאָזט אויסשרייבן א קוויטונג, און דאַן איז אים איינגעפאלן דער נאָמען: פ. מ. דזשאָן. אזא נאָמען איז גוט פארן בינעזער; סיי פאר דער צוקונפטיקער פירמע, און סיי פאר זיך אליין אויך. ער האָט אריינגעשטעלט די פּאָר מאשינדלעך און זיך גענומען צו דער ארבעט. קיין טאָג־ליכט איז כמעט ניט געווען. איז דאָס קאַלטע עלעקטריש לעמפּל געוואָרן פ. מ. דזשאָנס זון — א זון וואָס פארגייט קיינמאָל ניט...

* * *

דער „פאָרד", ווי אַן אויסגעדרעסירט פערד, איז תמיד שטיין געבליבן אויפן זעלבן אָרט — אזוי שוין יאָרן. די האַנט האָט פון געוווינטשאפט א דריי געטאָן דעם שליסל, און די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אלץ וואָס פ. מ. דזשאָן האָט געהאַט איז אין זינען, זענען: די ניי־מאַשינען, די מאַשינערינס און דעם „סטאָק". פּונקט ווי ער האָט ליב געהאַט צו הערן רוישן די מאַשינען, צו זען ווי די שווארצ־האָריקע איטאַליענערינס, די פון זון פארברענטע גריכינס, איבערגע־בויגן איבער זיי, און שטעפּן אויס גיך יאַרדן צוגעשניטענע סחורה און פאַרוואַנדלען זיי אין דאַמען־קאָסטיומען, פרויען־הויזן מיט שמאָ־לע קאַלאַשעס ווי דאַך־רינעס — פּונקט אזוי האָט ער פיינט געהאַט דעם „סטאָק". זיין דעוויז אין האַנדל איז געווען: ליפערן, באַשטע־לונגען מוז מען ליפערן און פרישע סחורה — צושניידן. כאָטש די

סחורה איז ניט תמיד געווען זיינע, פונדעסטוועגן האָט אים דער „סטאָק" — די אָנגעהויפטע פעקלעך אויף די פּאָכן געהויבן דעם בלוט-דרוק.

באַטש דער סעזאָן איז געווען אין מיטן ברען, פּאַרטיקע סחורה האָט מען ממש געריסן פון די הענט און פּ. מ. דזשאַן האָט אַלץ געמוזט האַבן אויפן קאָפּ — האָט ער ארומגעשפּאַצירט צווישן די ארבעטנדיקע מיידלעך און זיך צוגעקוקט ווי געשיקט זיי מאַניפּולירן מיט די פינגער און אין איין וועגס געכאַפּט אַ בליק, אַזוי פאַרביי־גייענדיק, אויף זייערע רונדע, נאַקעטע אָרימס; אויף דער גלאַטער, ראָזלעכער הויט וואָס האָט געאָטעמט מיט יונגקייט. ער האָט געוווסט, אַז אַזאַ מין קוק שאַדט אים צום בלוט־דרוק, וואָס איז געשטיגן צוזאַ־מען מיט דער עלטער — אָבער זיך אָפּזאָגן דערפון האָט ער ניט גע־קאָנט. עפּעס אין אים האָט געמאָנט, פאַרלאַנגט אַ דין-וחשבון. אַ פאַרדרוס, אַ נאָגנדיקער האָט אים געטאָטשעט: — דוכט זיך: קיינ־מאָל ניט יונג געווען (דאָס האָט ער געטראַכט וועגן זיך) און אוועק־געהאָרעוועט אַלע יאָרן אויפצובויען אַ פּאָזיציע אין לעבן — וואָרים פּ. מ. דזשאַן האָט אויפן לעבן געקוקט ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד — זיך ארויפגעדראַפּעט גאַנץ הויך אויפן לייטער... קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט אָפילו זיך ארומצוקוקן...

די עטלעכע און פופציק יאָר האָבן זיך אָנגעזען. דער קאָפּ — גרוי און ערטערווייז שוין אויסגעקראַכן. דער פּנים קאַרבירט — ווי דאָס זאַלץ-וואַסער וואָס האָט צעפרעסן דעם דאַך האָט אים אויך ניט אויסגעמיטן. עס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ פישערס פּנים, אויף וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער זון־אונטערגאַנג... מיט זיין גאַנצן געשטעל האָט ער דערמאָנט די אַלטע געביידע: די צייט האָט ביידע ניט געשאַנעוועט. אָבער אינעווייניק איז זייער געבוי געבליבן פעסט, סאָליד. דאָס בלוט האָט אין אים גערוישט, אָט ווי עס רוישן די ניי־מאַשינען צווישן די ווענט פון דער אַלטער געביידע.

קוקנדיק אויפן הו-האַ, אויף די ציפערן פון זיין באַנק־ביכל, וועלכע ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק און זיי תמיד געהאַט פאַר די אויגן, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרשפּעטיקט.

— טאַקע פאַרשפּעטיקט? אַלט געוואָרן, האַ? האָט ער גע־פרעגט זיך אַליין און באַלד דערויף אָפּגעענטפערט:

— ניין, ניט פאַרשפּעטיקט...

נאָר דאָס זענען דערוויי̈ל געבליבן רייד. און פ. מ. דזשאָן האָט זיך אליין געוואָלט באַווייזן, אז ניין — ער האָט טאַקע נישט פאַר-שפּעטיקט. זיין פרוי און די קינדער וואָס זענען שוין דערוואַקסן האָט ער אין דעם חשבון ניט אריינגענומען. זיי האָט ער באַטראַכט ווי עפּעס וואָס געהערט זיך אָן מיט דער פאבריק. ניט מער: דאָס איז געווען דער טייל וואָס ברענגט ניט אריין קיין ריווח. געהייסן האָבן זיי ביי אים: די טשעקיסטן... — די, פאר וועמען ער האַלט אין איין שרייבן טשעקן...

— אָט פּונקט ווי איך וואָלט נישט געהאַט קיין „קלאָדינג-פּעק-טאָרי", נאָר א באַנק...

די דאָזיקע חכמה האָט ער תמיד איבערגעחזרט פאַרן רויט־האָריקן בעני — זיין מייסטער.

דער דאָזיקער בעני האָט לכתחילה געכאַפּט דעם אָנבליק ווי ער וואָלט געווען א דירעקטער יורש פון א פּאַרשיקטן, וואָס איז נאָר וואָס אראָפּ פון אן ענגלישער ארעסטאַנטן־שיף. נאָר ער האָט זיך גאָר גיך פאַרשטאַנען דערויף, און אָנגעטאָן א פּאָר ברילן, הינטער וועלכע די פלינקע אויגעלעך האָבן אלץ נאָכגעקוקט.

די דאָזיקע ברילן האָבן פון אים אראָפּגענומען יעדן חשד, אז ער האָט א וועלכן ניט איז שייכות צו אָן ארעסטאַנטן־טראַנספּאָרט, וועלכן די ענגלישע קרוין האָט געשיקט אין דער אויסטראַלישער קאָלאָניע. בעני, וואָס האָט געקענט זיין „באָס" ווי די רויטע זומער־פּרענקלעך צעוואָרפן איבער זיינע הענט — אָט דער דאָזיקער בעני האָט א לאַך געטאָן מיט אלע זיינע זומער שפּרענקלעך, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט.

— לאַכסט, רויטער ממזר, וואַרט ביז דו וועסט האָבן א ווייב, ערשט דעמאָלט פּרוביר לאַכן... און וואָס ער האָט נישט דערזאָגט, האָט ער אין געדאַנק א שמועס געטאָן מיט זיך:

— צו וואָס דאַרף ער חתונה האָבן, דער ממזר — אז דער „שאָפּ" איז פול מיט יונגע מיידלעך...

ביי דעם דאָזיקן איינפאַל האָט ער דערפילט, אז ער איז דעם בעני מקנא. דערביי האָט געגורקעוועט א פאַרדרוס:

— איך בין דאָך דער באָס. און ווער איז ער?!

* * *

מר. דזשאָן האָט זיך ניט פאַרמאָסטן גרויס. וואָרים עלוואַ איז ניט געווען פון די שענסטע אין „שאָפּ“. זי איז אויך ניט געווען פון די בעסטע אַרבעטערינס. כאָטש זי איז געווען פלייסיק, האָבן די אַנ־דערע מיידלעך פאַרדינט מער. אויך האָט מען איר נישט אַרויסגעגעבן קיין אַרבעט אהיים, אויפן „וויק־ענד“ ווי די אַנדערע. דאָס האָט אויך באַדייט אַ פּאָר דאָלער ווינציקער די וואָך. עלוואַ איז אייגנטלעך געווען אַ דורכשניטלעך מיידל, וואָס איז אָנגעקומען אין לאַנד מיטן עמי־גראַנטן־שטראָם, און דאָס איז געווען איר ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ. פּ. מ. דזשאָן איז ניט געווען זיכער ביי זיך, און דעריבער איז זיין בליק געפאַלן אויף עלוואַן. ווי אַ מיידל אין רייפן עלטער איז זי געווען אַפּילו אָנציִענד. ער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל ווען ער בלייבט שטיין ביי איר מאַשין, נעמען אירע הענט ציטערן; דער פּאָדעם רייסט זיך און זי אַליין ווערט רויט און בלאַס.

אויף מר. דזשאָנס טיש זענען געלעגן עטלעכע פּאָר „סלעקס“. אַז דער רויטער בען איז אַריינגעקומען נעמען דעם נייעם אָרדער פאַרן צושניידער, האָט אים דער „באָס“ אַזוי זייטיק אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט עס גענייט די „סלעקס“?

בען האָט אַ קוק געטאָן אויפן „באָס“, אויף די הויזן, און ניט זייענדיק קיין פעלער, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז עלוואַס נומער...

— ס׳איז דאָ אַן אָנקלאַגע, כ׳וויל זי זען...

עלוואַ איז ניט דרייסט אַריין אין „אָפיס“. די אומזיכערקייט פון שטיין פּנים אל פּנים מיטן באָס, און דאָס געפיל, אַז עפּעס קען זיין ניט אין אָרדנונג, אַז אַ געפאַר לויערט אויף איר פּאָסטן — האָט זי דורכגענומען מיט אַן אינערלעכער שרעק. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער, און דער יונגער, מיידלשער בוזים האָט זיך באַוועגט שנעלער ווי געוויינטלעך.

— דיין אַרבעט איז ניט גענוג פּינקטלעך, — האָט ער צו איר אַ זאָג געטאָן כמעט רואיק, כאָטש ער האָט געפילט ווי עס טריקנט אים אין האַלדז, און זיינע אויגן וואַנדלען אַרום איבער עלוואַס קערפּער.

— די קונים באַקלאָגן זיך...

עלוואַ האָט געזען, אַז דאָס איז דער סוף. זי האָט גאָרניט גע־קענט אַרויסברענגען פון זיך כדי זיך צו פאַרטיידיקן. אַ פייכטקייט האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

פּ. מ. דזשאָן האָט עס באַמערקט:

— כ'וועל זען, אז דו זאָלסט באַקומען לייכטערע אַרבעט און מער פאַרדינען. קום אַרויף שבת פאַר מיטאָג, וועל איך דיר אַרויס־געבן אַ פּעקל אַרבעט אַהיים...

— אַ דאַנק — האָט עלוואַ קוים אַ שעפּטשע געטאָן און איז צוריקגעגאַנגען צו דער מאַשין.

— כ'וועל מער פאַרדינען — האָט עס אַ זינג געטאָן אין איר — מער פאַרדינען...

שבת. פ. מ. דזשאָן איז געזעסן ביים ביוראָ־טישל פאַרטיפט אין פּאַפּירן, רעכענונגען, צאָל־ליסטעס, אָרדערס. כאָטש דאָס אַלץ האָט געקענט טאָן דער בוכהאַלטער, האָט ער אומעטום אַריינגע־שטעקט די נאָז.

— פרעמדע פינגער זענען צו שיטער...

אין פאַבריק איז געווען שטיל. די ניט געוווינטע שטילקייט האָט ממש גערדריקט און יעדעס שאָרך פון פּאַפּיר האָט אָפּגעקלונגען, ווי בלעכן וואָלטן געציטערט. אין שענקל, איבערן טיש זענען געשטאַנען פּאַפּקעס מיט פּאַפּירן און אויף יעדער פון זיי איז געווען אָנגע־שריבן דאָס יאָר. ער האָט געקוקט אויף די רוקנס פון די „פיילס" און געזען אין זיי ניט קיין פאַרשריבענע, ווערטלאָזע אַרכיוון — נאָר זיינע אייגענע יאָרן זענען אויסגעשטעלט איינס ביי איינס. איין טאָג ענלעך צום צווייטן. איין יאָר נאָכן אַנדערן. עס איז געווען איין גרויס געיעג נאָך שטייגן. די באַפרידיקונג פון קריגן אַ באַשטעלונג. דאָס אונטערשטעלן אַ פיסל דעם קאָנקורענט. אַריינשטעלן אַ פוס אין די גרעסטע וואַרן־הייזער. דערגרייכונגען. דורכפאַלן. אַ דראַפּען זיך אויף אַן אומזעבאַרן לייטער נאָך עפּעס וואָס ביי יעדן שטאַפּל האָט עס אַן אַנדער נאָמען. חובות. אָרדערס, נעכט ביי דער מאַשין. אַ פאַבריק. אַ הויז. אַ קאַר. פאַרטיעס. קינדער—סטודענטן. כבוד. און וואָס העכער מען שטייגט פון דער ערד, אַלץ אומזיכער פילט מען זיך — ווייל מען פילט נישט דעם פעסטן באָדן. פ. מ. דזשאָן איז שוין כמעט ביים העכסטן שטאַפּל. מען זעט שוין גאָרניט פון אונטן — נאָר וואָלקנס אַרום, אָבער נאָך דעם וואָס ער בענקט איז ניטאָ גאָר אויבן...

די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן און פ. מ. דזשאָן האָט זיך צוריקגעקערט מיט ביידע פיס אויף דער האַרטער, אומברחמנותדיקער, און דאָך היימישער ערד. די ערד — אויף איר איז ער געגאַנגען זיכער. מיט איר איז ער דאָך צוזאַמען אַזוי פיל יאָרן. אַצינד האָט ער געוווּסט נאָך וואָס ער איז די אַלע שטאַפּלען צוריקגעפאַלן.

ער האָט זיינע אויגן, וואָס זענען די גאַנצע צייט סיי ווי געווען אָנגעשטעלט אויף דער טיר — אויפגעמאַכט. אויפן שוועל איז געשטאַנען עלווא.

ס'איז גוט, וואָס דו ביזט געקומען. ער האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און נאַטירלעך.

— אָט האָסטו, האָט ער אָנגעוויזן אויף א פעקל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. זי איז צוגעקומען נענטער און ער האָט איר דערקלערט, וואָס זי האָט צו טאָן.

ווי צופעליק האָט זיך זיין האַנט אראָפּגעלאָזן אויפן קערפּער פון מיידל. זי האָט א ציטער געטאָן, אָבער זיך נישט גערירט פון אָרט. פ. מ. דזשאָן האָט זי צוגעדריקט צו זיך.

— דו ביזט אזא צאַרטע — האָט ער איר אריינגערוימט אין אויער — דאַרפסט פאר מיר קיין מורא ניט האָבן — און זיינע פיבערדיקע פינגער האָבן זיך אריינגעגליטשט דורך די אויסגעשניטענע אָרבל-לעכער און גענומען צערטלען איר קערפּער. עלווא האָט א היץ באַשלאָגן. אלץ איז געשען אזוי אומדערוואַרט און פּלוצלינג. די צערטלעכקייטן, זיין הייסער אָטעם, די פינגער וואָס זענען אומעטום. ס'איז איר געווען דערווידערט. זי האָט געהאַט א פאַרלאַנג זיך ארויסצורייסן און אנטלויפן. דער באַוווסטזיין אָבער, אז ס'איז דער באָס, דער מענטש וואָס צאָלט איר יעדע וואָך אוים א לוין פאר וועלכן זי און איר פאַמיליע קענען לעבן — דער געדאַנק האָט איר אָפּהענטיק געמאַכט. דורך דעם וואָס זי טוט איצט, פאַרזיכערט זי זיך דעם אַרבעטס-פּלאַץ...

— וועסט גוט פאַרדינען ביי מיר — האָט ער איר פאַרזיכערט — אויב דו וועסט האָבן שכל און וועסט שווייגן...

דער רויטער בען, וואָס האָט גערעדט ענגליש ווי א געבוירענער אויסטראַליער, און א חוץ דעם געקאָנט אריינוואַרפן א גריכיש אָדער איטאַליעניש וואָרט ווען ס'איז נויטיק געווען — איז אין סך־הכל געווען א גאַליציאַנער, פון ארום קאָלאָמיי. אויף זיינע פלייצעס האָט ער אויסגעטראָגן כמעט די גאַנצע פאַבריק. אָנגענומען מענטשן, זיי אהיים געשיקט. געזען אז די באַשטעלונגען זאָלן געליפערט ווערן צו דער צייט. טאָמער האָט מען א בעסערן ארבעטער געדאַרפט דערלייגן א דאָלער, ער זאָל ניט אַנטלויפן ערגעץ אַנדערש — האָט עס שוין בען „געפיקסט". זייענדיק איבערגעלאָדן מיט ארבעט, האָט ער באַמערקט ווי דער אַלטער (אזוי האָט ער הינטער די פלייצעס גערופן פ. מ. דזשאָן) האָט זיך גענומען צופיל אינטערעסירן מיט די מייד-

לעך. יעדע פּאָר טאָג האָט ער אַן אַנדערער גערופן צו זיך אין ביוראָ. דאָס מאָל זענען עס געווען די שענערע מיידלעך.

— ווי די מעשה זאָל ניט זיין — האָט בעני, וואָס האָט דער־שמעקט אַ קרומקייט — אַ באַלעבאָס בלייבט אַ באַלעבאָס — מאָרגן קען איך זיין אינדרויסן. האָט ער דעריבער, ווי עס מאַכט זיך — גענומען פאַרצייכענען צו זיך אין ביכעלע אריין ד נעמען פון די מיידלעך און די דאַטעס.

— עס קען אמאָל צונויץ קומען — האָט ער זיך אַ ווונק געגעבן אַ געדאַנק. נאָר געקרענקט האָט עס אים, ווייל דער אַלטער מאַכט אים אַ תל פון דער פאַבריק. וואָרים נאָך די וויזיטן אין פּ. מ. דזשאָנס ביוראָ, האָבן זיי גענומען צו אים קוקן עזה׳סדיקער, ווי איינער זאָגט:

— בעני, ביזט שוין ניט דאָס וואָס געווען. מיר האָבן אַ צד אין טיש...

אפילו ביים אַננעמען אַ נייעם מענטשן האָט פּ. מ. דזשאָן אריינ־געשטעלט אַ וואָרט, וואָס פריער האָט ער זיך גאָר פאַרלאָזט אויף בענין. איז עס געווען אַ מיטליעריקע פרוי — איז דער באַלעבאָס געווען בעז. ער האָט זי געזעצט צום מאַשין, געזען וואָס זי קען מאַכן און אויפן שטעל באַרעכנט וויפל איר פּראָדוקציע קען באַ־טרעפן און צו עס לוינט זיך. דאָס אַלץ האָט ביי בענין פאַרנומען ניט מער ווי ביז מיטאָג. אַרום מיטאָג־צייט האָט בען געלאָזט פאַלן איין וואָרט:

— סאָרי... עס טוט מיר לייד...

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן, אַ וויש געטאָן די אויגן און איז אוועק.

נאָר טאָמער איז עס געווען אַ יונגע פרוי און פּ. דזשאָן האָט באַמערקט נאָך איר נייען, אַז זי איז אַ קנאַפּער פאַכמאַן, און לויט בענים בליק, אַז ער גייט איר משלח זיין, האָט ער פון דער זייט בענין געלאָזט ווויסן:

— כ׳וויל זי זאָל בלייבן...

בעני האָט עס אַראָפּגעשלונגען און זיך גענומען פאָרען אַרום דער פרעמדער. געוויזן ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן די טיילן; ווי אויס־צודרייען אַ פאַסיק און אַז די נייע האָט עס קוים באַנומען, האָט ער צו איר צוגעזעצט אַ מיידל, וואָס רעדט די זעלבע שפּראַך, און איר געבעטן:

— ווייז איר צו...

נאָר דעם באַלעבאָס איז ער דאָס ניט מוחל. פאַרשטעלט, פּ. מ. דזשאָן זאָל אייגנטלעך יאָ זען, און ס'זאָל הייסן, אז ער באַהאַלט זיך — האָט בעני ווידער פאַרצייכנט א דאַטע אָדער געמאַכט א סימן ביי א פריערדיקן נאָמען.

פּ. מ. דזשאָן איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס דער גאַלי־ציאַנער פאַרצייכנט. דאָס האַרץ זאָגט אים, אז דער רויטער ממזר שנאַפּט עפּעס. פרעגט ער אים אין שפּאַס:

— וואָס פאַרשרייבסטו דאָרטן בעני, מיינע פאַרדינסטן?

— אָ ניין, מר. דזשאָן — מיינע עבירות...

— צו וואָס דאַרפסטו עס? צאָלסטו דען טעקס דערפון?

— דאָס ניט. כ'דאַרף אָבער וויסן ווי לאַנג צו טרייסלען מיינע טאַשן ביים תשליך...

— ביזט א רויטער ממזר... נישט אומזיסט זענען אַלע גאַלי־ציאַנער דאָקטוירים, נאָר דו איינער ביזט אַ שניידער.. — בלייבט פּ. מ. דזשאָן נישט שולדיק. און געפילט האָט ער, אז דער שטאָך האָט בענין געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ.

* * *

דער פרוי דזשאָן האָט זיך איינגעגעבן. זי האָט בייגעקומען דעם מאַנס איינגעשפּאַרטקייט, מיט געדולד — אַ ביסעלע ווייבער־שע ביטערקייט. עס איז געווען די זשמורדנע אַרבעט פון אַ מויל־וואָרף, וועלכער גראָבט איין טונעל נאָכן צווייטן אין דער טיפעניש פון דער ערד. אויבן־אויף האָט מען, דוכט זיך, גאָרנישט אָנגעזען. קליינע קופּקעלעך פריש אויסגעגראָבן ערד. אָבער אונטן, אין דער טיפעניש, זענען געווען אומצאָליקע טונעלן; איינער איינגעגלידערט אין צווייטן; שמאָלע, לאַנגע, געדרייטע — אַ לאַבירינט, פון וועלכן מען קאָן זיך נישט אַרויסדרייען. אָט אַזוי האָט זי געאַרבעט, ביז ער האָט נאָכגעגעבן. פּ. מ. דזשאָן האָט אַליין באַשטעלט די רייזע־קאַרטן פאַר דער פרוי און טאָכטער, זיי זאָלן מאַכן אַ רייזע אַרום דער וועלט. און אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען זי האָט שוין גע־ווּסט, אַז אַלץ גייט גלאַטיק צו, האָט ער איר געלאָזט וויסן:

— סורפּרייז — אָט האָסטו אַ וועלט-רייזע!

זי איז געווען גליקלעך איבעראַשט, און פּ. מ. דזשאָן האָט טאַקע הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער האָט אָט די איבעראַשונג צוגעטראָגן זיין פרוי.

פרוי דזשאָן איז געווען בארוישט פון גליק. סיי פון דעם — וואָס נאָך אָט די אַלע יאָרן צוזאַמענלעבן קען זי נאָך אַלץ אַזוי צופירן — ער זאָל מיינען, אַז דאָס איז זיין אייגענער אויפטו; סיי פון דעם, וואָס די פרויען פון קרייז אין וועלכן זי חברט זיך, וועלן איר מאכן אַ פיינע פּאַרטי, כאָטש אַנדערע וועלן עס איר ניט פאַרגינען.

— מעג זיי די גאָל פּלאַצן, אַבי איך פּאָר...

ניט מער — פּ. מ. דזשאָן האָט געהאַט זיינע אייגענע פּלענער.

— טאָ זאָל איר דער זיג וויל באַקומען...

פּ. מ. דזשאָנס פאַרבינדונגען האָבן זיך שוין פון „שבת פאַר מיטאָג" אַריבערגעטראָגן אויך אויף די וואָכעדיקע טעג. דער קרייז האָט זיך אויסגעברייטערט. די יאָרן, אָט די עטלעכע און פופציק יאָר, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס — האָט ער ווי ניט געשפּירט. דאָס בלוט האָט קוואַליק גערוישט אין אים מיט די אַלע פרילינגען, פון אָט די יונגע מיידלעך, וואָס האָבן זיין שוועל באַטראָטן. עפּעס ווי זייער יוגנט, וואָלט אים באַנייט. וועגן דעם האָט ער אַ טראַכט געטאָן, זיצנדיק שבת ביים ביורא-טיש (וויל דאָס איז אייגנטלעך געווען דער איינציקער טאָג, ווען ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אַ טראַכט צו טאָן — וואָרים אַ גאַנצע וואָך האָט מען דעצידירט, ווי אויף אַ שלאַכט-פעלד...).

איז אָט:

— מענטשן פאָרן אויף „האָלידייז", זיך אָפּפרישן הייסט עס. זיי פאָרן אין אַנדערע געגנטן, אַפילו אַנדערע לענדער. און וואָזשע טוען זיי דאָרט? זוכן אוואַנטורעלעך... אונטערכאַפּן עפּעס אַ ווייבל... עפּעס וואָס זאָל אַ שוים טאָן דאָס בלוט. די טיפּשים זעען ניט, אַז די שענסטע איבערלעבונגען קען מען האָבן דווקא ביי זיך אונטערן נאָז...

און אַ צופרידענער מיט זיין אייגענער חכמה, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן:

— אַז מען האָט, פאַרשטייט זיך — שכל...

ווען ניט די בלאָנדע קאַטי, וואָלט די פרוי דזשאָן, פונדעסט-וועגן ניט דערגרייכט דאָס איריקע אַזוי שנעל. צו קאַטין האָט פּ. מ. דזשאָן געדאַרפט אי צייט און אי געדולד. די פרוי און דאָס דער-וואַקסן כלה-מיידל, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די שטובן — זיי זענען אים געשטאַנען אין וועג.

— אין פּאָר געזונטערהייט — האָט ער זיין פרוי אָנגעווונטשן, און האָט א „גוד טיים"...

קאַטי, אַ שלאַנק מיידל מיט א בלאָנדן קאָפּ האָר וואָס האָט זיך געכוואַליעט ווי א צייטיק קאָרן-פעלד, איז אין פ. מ. דזשאָנס פאַבריק אריינגעפאַלן צופעליק — לויט א צייטונגס־אַנאָנס. שוין דעם ערשטן טאָג האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז בעני דאַרף זיך ניט באַמיען אריינצופירן איר אין דער ארבעט, און דווקא האָט זיך אים דאָס מאָל געגלוסט וואָס לענגער צו בלייבן ביי איר זייט. איר מאַשין הערט גאָרניט אויף צו שטעפּן און מיט די צוויי הענט פיטערט זי אין די ציינער אריין שטיק נאָך שטיק פון פעקל צוגע־שניטענע געוואַנטן, נאָר די מאַשין־ציינער — ווי זיי וואָלטן איינ־געשטאַנען ביי א הונגעריקער חיה, פאַרצוקן עס.

— ווי זי סמאַליעט — האָט זיך בעני ניט געקאָנט אָפּוווּנ־דערן.

געזאָגט האָט קאַטי, אַז זי שטאַמט פון פוילן. אָבער אַז מען האָט גערעדט איטאַליעניש, איז עס איר ניט פרעמד געווען. אַז זי האָט זיך פאַרגעסן, איז מעגלעך געווען אַז א פראַנצויזיש וואָרט זאָל פאַרבלאָנדזשען אין איר פויליש. אַז מען איז צו איר צוגע־שטאַנען וועגן איר לעבן אַמאָל, האָט זי אָנשטאָט אַן ענטפער, זיך צעלאַכט מיט א פולן מויל געזונטע פערלמוטערנע ציין. דאָס דאָ־זיקע געלעכטער איז אייגנטלעך געווען דער פונק, וואָס האָט אָנ־געצונדן פ. מ. דזשאָן.

— אין דעם דאָזיקן מיידל ליגט פאַרבאָרגן עפּעס א געהיי־מער כוח. וועט מיר געלונגען אָט די דאָזיקע קראַפט אונטערטעניק מאַכן — ערשט דעמאָלט וועל איך וויסן אַז מיינע עטלעכע און פופציק אָפּגעלעבטע יאָר זענען ניט געווען אומזיסט...

ער האָט אריינגעקוקט אין דער רעגיסטראַציע-קאַרטע פון אָפיס. פאַרגליכן אירע יאָרן מיט איר האַלטונג, מיט איר געשטעל און איבערהויפּט מיט איר פּנים — און ווי ער וואָלט עפּעס געהיימ־נישפולעס אַנטדעקט, האָט ער ווי ניט מיט זיין קול אויסגערופן:

— זי בלאָפט!

ער האָט געפילט, אַז קאַטי האָט דאָ אָפּגעטאָן א גוואַלדיקן שפּיצל, און זיך געלאָזט פאַרשרייבן מינדעסטנס מיט א יאָר דריי־פיר עלטער ווי זי איז. דאָס אליין האָט אים שוין ניט צורו געלאָזט און גערופט:

— פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? וואָס איז זי אויסן דערמיט?

אים איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אַ יונגע פרוי, וואָס האָט וועדליק אים געהאַלטן נאָך אין בליען — זאָל אָנגעבן איר ריכטיקן עלטער.

— אַז יעדע פון זיי גנבעט אַראָפּ פון עלטער — מעגן מיר דאָס האָבן די גוטע יאָר — טאָ פאַרוואָס גיט זי צו?

בעניען — דעם רויט-האָריקן גאַליציאַנער האָט עס אויך אַ ציי געטאָן צו קאַטין.

ער האָט זיך עס געגעבן צו פאַרשטיין אָט ווי:

— זי פאַרמאָגט דעם כוח צוציען מענטשן, און זיי אונטער-וואַרפן איר ווילן. אַזאַ פרוי קען מען ניט פאַרבייגיין גלייכגילטיק. אָדער מען מוז זי ליב האָבן — אָדער האַסן, ווייל מען קען זי ניט ליב האָבן... זי פאַרמאָגט פערזענלעכן צויבער...

לויט דער באַנעמונג פון פ. מ. דזשאָן, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די קאַטי איז אים אריין אין נאָז, און די אַנדערע מיידלעך אין שאָפּ זעט ער ניט מער.

— מיטאַמאָל אַלע פאַרגעסן? אַ סטאַטעקל געוואָרן? — וווּנ-דערט זיך בעני, כאָטש ער באַנעמט גאַנץ גוט:

— דער אַלטער שטעלט אויף איין קאָרט — קאַטי...

עס האָט אים באַנק געטאָן, וואָס איין טאָג וועט ער איר נאָמען דאַרפן פאַרצייכענען אין זיין ביכעלע (דער פּנקס — האָט ער דאָס ביכעלע גערופן) נאָך דעם ווי אין דזשאָנס אויגן וועט פינקלען דער בליק פון דעראָבערער.

— אַ ווייבערשער אַלעקסאַנדער מוקדון — האָט בעני אַ ברום געטאָן, און ווייל ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— טו העל וויטה הים! — דאָס האָט ער שוין צוגעגעבן אין ענגליש.

ביי אַ צופעליקער קאַווע, אין אַן איטאַליענישן עקספרעסאָ-באַר — אָט די קאַפע-הייזער, וואָס האָבן זיך מיט גוואַלד ממש אריינגעריסן צווישן די אויסטראַלישע מילק-באַרס און „פּאַבס" (ביר-הייזער), מיטברענגענדיק דעם אייראָפּעאישן שטייגער — האָט בעני אומדירעקט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— זיי פאַרזיכטיק מיטן אַלטן...

קאַטי האָט ניט געענטפערט. זי האָט נאָר אַ בליצל געטאָן מיט די אויגן און קוים אַ שמייכל געטאָן, פון וואָס בעני האָט

ארויסגעלייענט אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען. ער האָט לאַנג דערנאָך ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם בליצל פון אירע אויגן. עס איז געווען דער פּאָספאָר־גלי פון קאַצן-אויגן, איידער די קאַץ וואַרפט זיך אויף איר רויב... דער דאָזיקער גלי איז אויך פאַר אים געווען אַ וואָרע-נונג, אַז מיט קאַטין איז גוט צו זיין פריינד, אָבער פאַרגעסן דאַרף מען זיך ניט...

פ. מ. דזשאָן האָט ענדלעך זיך אַנטשלאָסן איינצולאַדן קאַטין אויף שבת פאַר מיטאָג — ארויסצונעמען ארבעט. צו ערשט האָט ער זי געוואָלט איינלאַדן צו זיך אַהיים.

— קאַטי — האָט ער צו זיך געזאָגט — פאַרדינט אַן אַנדער צוגאַנג, ווי די פריערדיקע.

נאָר ביי זיך אין „אָפּיס" האָט ער זיך געפילט זיכערער, און אויך זי — האָט ער געוווסט פון דערפאַרונג — וועט זיך פילן ניט אַזוי זיכער ביי זיך. וואָרים אין „אָפּיס" איז ער דאָך דער באַלע-באָס...

— קענסט אריינקומען נאָך אַ פּעקל ארבעט שבת פרי — האָט ער איר מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט פאַרגעלייגט.

— אַ שיינעם דאַנק אייך, פּ. מ. דזשאָן — האָט קאַטי אָנגע-שטעלט אויף אים איר בליק — אין רו-טאָג דאַרף מען פאַרברענגען און ניט ארבעטן. אויב איר ווילט מיר זען, קען איך סיי ווי ארויפ־קומען — נאָר געדענקט: ווי גלייכע. שבת בין איך מער ניט אייער געצאָלטע ארבעטערין — האָט זי אים געדראָט מיט אַ פינגער...

פ. מ. דזשאָן האָט ניט געוווסט וואָס צו זאָגן. ווי ביי אַ פאַר-שעמט יינגל, האָט זיך ביי אים דאָס מויל ניט געעפנט. אַ היץ האָט אים באַשלאָגן און ער איז רויט געוואָרן ווי אַ „קריי־פיש".

— איר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אריינלייגן — זי פאַרשטייט אַן עסק... און אין געדאַנק איבערגעחזרט:

— ווי גלייכע...

* * *

שבת אינדערפרי, ווען די מאַשינען רוען און די שטילקייט צעלייגט זיך איבער אַלע ווינקלען, האָט זיך געהערט דאָס קלימפּערן פון גלאָז. דאָס האָט פּ. מ. דזשאָן אויסגעפּאַקט די פלעשער וויין, וועלכע ער האָט איינגעקויפט צו דער געלעגנהייט, און דעם טעם פון וועלכן ער האָט נאָך אַליין ניט געוווסט. בלויז פון די גאָלד-

גלײשטע עטיקעטן און דעם פּרייז וואָס ער האָט באַצאָלט — האָט ער פאַרשטאַנען אַז זיי דאַרפן גוט זיין.

— זאָל זי זען אַז פ. מ. דזשאָן איז ניט קיין יינגעלע. כ׳וועל זי האַלטן ביים וואָרט: — ווי גלייכע...

אַז קאַטי איז געבליבן שטיין אין טיר פון „אָפיס”, איז די האָפערדיקייט פון פ. מ. דזשאָן מיט איינמאָל אויסגערינען. אַ פּרעסטל האָט אַ קיצל געטאָן זיינע גלידער, ביז צו די וואָרצלען פון די האָר. זיינע אויגן האָבן אומגעדולדיק גענומען אַרומוואַנדערן, ווי ער וואָלט איר אַראָפּגענומען אַ מאָס. די גלייכע, אויסגעשניצטע פיס; די רונדע פאָרמען פון אירע ברוסטן האָבן אים אויסגעזען ווי זי וואָלט אונטערן בלוזקעלע צייטיקע באַרנעס באַהאַלטן... דער ראָזער, מיידלשער האַלדז האָט זיך מיט אַ סאַמעטענער קילקייט צונויפגע־גאָסן מיט איר פולן, צוזאַגנדיקן בוזים...

פ. מ. דזשאָן איז געוואָרן באַרוישט — נאָך איידער ער האָט פאַרזוכט דעם וויין.

— העלאָ, מיסטער דזשאָן! — האָט זי אַ לאַך געטאָן — אָט בין איך טאַקע דאָ...

— וווּנדערבאַר, וווּנדערבאַר — האָט פ. מ. דזשאָן ניט גע־וווּסט וואָס צו זאָגן. ער האָט געדאַרפט צייט, צו באַקומען די זיכער־קייט אין זיך, און אין זיינע כוחות. האָט ער דעריבער אַ לאַך גע־טאָן און פאַרגעשלאָגן:

— אַזאַ באַגעגעניש איז ווערט מ׳זאָל צוליב איר אויסטרינ־קען — און נישט וואַרטנדיק אויף דעם, וואָס קאַטי וועט דערויף זאָגן — האָט ער אָנגעגאָסן די גלעזער.

— גוד לאַק, קאַטי...

— צום געזונט, מיסטער דזשאָן...

אַז פ. מ. דזשאָן האָט אַרויפגעשטעלט אַ פרישע פלאַש, האָט קאַטי אַ לאַכעדיקע, אַ צערויטלטע געפרעגט:

— האָט איר אַ וויינקעלער אונטן?

— ניין, ניט אונטן — נאָר דאָ אין ביוראָ־טיש...

און זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

אַ שווערע, הייסע וואַרעמקייט האָט געראַשט אין פ. מ. דזשאָנס גלידער. די הענט זענען געוואָרן שווערער, דערפאַר אָבער דריים־טער. ער האָט געגלעט קאַטיס נאַקעטן אָרעם, איר שוואַנען־האַלדז. איר הויט, ווי שווער־געוועבטער זייד האָט זיך געגליטשט צווישן זיינע פינגער. זיינע פייכטע, פעטע ליפּן זענען צוגעפאַלן צו איר

האלדז, ווי ער וואָלט אַ דורשטיקער געווען, און דער האַלדז — אַ קאַלטער קוואַל.

קאַטי האָט געלאַכט און ווידעראַמאָל אָנגעפּילט די גלעזער, און עס איז אונטערגעטראָגן.

— ווי גליכע — האָט איר פינגער אים געוואָרנט.

זיינע פאַרגלייזטע אויגן האָבן געזען דעם שפיגל ווי אַ ווייטן, פאַרטויעטן פענצטער. דער קאָפּ האָט זיך געוויגט ווי די רינגען אין רוקן-ביין וואָלטן מיטאַמאָל לויז געוואָרן.

— קאַם אָן — האָט אים קאַטי געמונטערט — ביזט דאָך אַ מאַן. לאָדסט איין אַ פרוי צו זיך און אַליין פינטלסטו מיט די אויגן ווי „טשיקן". אויב דו קענסט טרינקען ווי אַ מאַן — דאַן קענסטו אויך ליבן ווי אַ מאַן...

— צום געזונט — און פּ. מ. דזשאָן האָט אַראָפּגעלאָזן נאָך אַ גלאָז. ער האָט פאַרגלייזט די אויגן. די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך איבערגעקערט און דער קאָפּ איז געבליבן ליגן אויפן שרייב־טיש, ווי אַן אונטערגעשניטענער.

קאַטי האָט אים אָוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אויפגע־שפּיליעט דעם קראַוואַט, לויז געמאַכט די שוך־בענדלעך און אים אונטערגעלייגט אַ פּעקל אַרבעט צוקאָפּנס. ער איז געלעגן מיט אַן אָפן מויל און געשנאָרכט.

אַליין האָט זי זיך צוגעקעמט ביים שפּיגל, צוגעפּודרירט די צעפלאַמטע, רויטע באַקן. זי איז אויך געווען היפּשלעך צעוואָרעמט פון דעם וויין, נאָר ניט פאַרלוירן די קאָנטראָל. דאָס איז געווען די דערפאַרונג פון פרימיטיוון וואַלד־לעבן בשעת דעם קריג, פון טרינקען רויען ספּירט. אָפיצירן פון פאַרשידענע זיגער־אַרמייען זענען שוין אויף דעם וועג אַריינגעפאַלן. זי האָט אָנגעקוקט איר „באָס".

— אָרימער, אַלטער פּ. מ. דזשאָן...

* * *

מאָנטיק פרי איז פּ. מ. דזשאָן געקומען שפּעטלעך. בעני האָט זיין באָס ניט דערקענט. די קנייטשן טיפער געוואָרן, ווי אַן אַקער וואָלט מיטאַמאָל איבערגעפּאָרן איבערן פּנים. די קישעלעך אונטער די אויגן זענען געווען פולע, וואַסערדיקע. די האָר וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסצוקריכן, האָבן זיך אַצינד געפּלאָנטערט

גרויע, פאַרשטויבטע ווי אויסגעדראַשענע שטרוי אין ווינט. זיין בליק האָט געהאַט אין זיך דעם אויסדרוק פון אַ געשלאָגענער חיה, וועלכע האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס, אָבער האָט נאָך ניט די זיכערקייט צו וועלן איר די פיס דינען, אויב זי וועט פּרובירן לויפן.

פאַר בעניין איז געשטאַנען אצינד אַן אַלטער מענטש, וועמען אַלע זיינע יאָרן זענען מיטאַמאָל צוריקגעקומען געזעגענען, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אָפּשיידן פון אים.

בעני האָט פאַרגעסן די פרימאָרגנדיקע הייטערקייט, וועלן פון קאַטים שמייכל איז אים ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ:

— איר דאַרף מען אין פּנקס ניט פאַרשרייבן...

ווען ער איז אצינד געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן באָס, איז דער דאָזיקער געפיל פון נצחון ווי אויסגערונען, און אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען.

— וואָס איז מיט אייך, פּ. מ. דזשאָן? — האָט בעני מיט אַן אויפריכטיקן טרויער אין שטים געפרעגט — זענט איר קראַנק? כ'וועל אַ רוף טאָן דעם דאָקטאָר.

— כ'בין אַל־רייט — האָט פּ. מ. דזשאָן רואיק אַ זאָג געטאָן, און אַרויפגעלייגט פאַטערלעך זיין האַנט אויף בעניס אַקסל.

— די צייט, בעני, איז ניט קיין זייגער — מ'קאָן עס ניט צוריקדרייען. אַ מענטש דאַרף וויסן אויף וועלכן שטאַפּל פון לייטער צו בלייבן שטיין. טאָמער רייסט ער זיך צו הויך וועדליק זיינע כוחות — פאַלט ער אַראָפּ...

און אַז בעני האָט פאָרט ניט פאַרשטאַנען און געזוכט פון פּ. מ. דזשאָנס פּנים אויסצודרינגען דעם באַדייט פון די ווערטער, האָט דער באַלעבאָס געפרוווט אַ שמייכל טאָן, כאָטש עס איז אים ניט לייכט אָנגעקומען — און מיט אַ פינגער, ווי ער וואָלט בעניין געוואָרנט, האָט ער צוגעגעבן:

— בי יור אייזש... (פיר זיך וועדליק דיין עלטער) און איז אַריין צו זיך אין „אָפיס".

ארעלע לעבט!

פארטאָג. אין מיטן מארק קריכט אראָפּ א ייד פון א פויערישן וואָגן און נעמט זיך ארומקוקן. דער פויער טוט א לאנגן גענעץ, טאַפּט נאָך א מאָל דאָס זילבער־געלט וואָס ער האָט אריינגעקראָגן פאר דער „יאָזדע", ציילט עס איבער צו ס'איז טאַקע אזוי פיל ווי ער האָט פארלאנגט, און פאָרט אוועק.

אליין בלייבט שטיין דער ייד. זעט ער עמיצער קומט אים אנטקעגן. אז יענער קומט צו נעגטער, טוט דער פרעמדער א פרעג:

— א ייד?

— א ייד.

— א היגער?

— אוודאי א היגער, וואָדען?

דערלאנגט דער פרעמדער אים א צעטעלע מיט א נאָמען. לייענט דער ייד, לייענט און דערלאנגט ס'צעטעלע צוריק:

— ניטאָ דאָ הי אזעלכער... — און נעמט זיך פּאַוואָליע גיין זיין וועג.

פארדריסט עס שוין דעם פרעמדן. גיעשלעפּט זיך א גאנצע נאכט אויפן פויערישן וואָגן און דאָ, עפּעס ווי דעם יידן וואָלט די נאכטיקע „יאָזדע" גאָרניט אנגעגאנגען.

— קענט איר טאַקע ניט גבריאל לוריען?

— זייט ניט קיין עקשן, פעטער, אז מען זאָגט אייך, ניטאָ ביי אונדז אזא מין איינער, קענט איר זיך אויף מיר פארלאָזן.

— וואָס הייסט: ניטאָ? — פארלירט דער פרעמדער דאָס געדולד — דער בחור, אָט דער גבריאל איז א בלאָנדער, אפילו ניט קיין בלאָנדער, נאָר באַוואָקסן מיט ווייסע, שטרויענע האָר, אָט ווי א וויסרוסישער שייגעץ, און תמיד טראָגט ער אזא מין פעלצל, א קורצן — ווייזט דער פרעמדער אָן ביז וואנען עס דערגרייכט ביי גבריאלן ס'פעלצל — און א בעקער איז ער, א בעקער־יונג...

— טע... טע... טע... — צעלאָזט זיך דער ייד, און הויבט אויף די האנט, אָפּצושטעלן דעם פרעמדן. — האָט איר דאָך גלייך גע-

קענט זאָגן אַז איר זוכט האָורילאַ „קאַזשוך"! אַן איינפאַל אַ ביסל פון אַ פרעמדן — און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף אַ הויז, אויף וועלכן אַ קוימען האָט זיך געקריכערט — דאָרטן וועט איר דעם תנא־ברא געפינען...

און אין דער אמתן טאַקע:

אַז מען טוט אַ זאָג: גבריאל לוריע, מיינט עס אַ יונגערמאַן, אַן אייִדעם אויף קעסט; מיט גאָלדענע פענסנע; מיט אַ זייִדענעם טלית אויף שבת; מיט אַ געלאַסענעם גאַנג; מיט שטאַרק־פאַרבריטע טיי און „פריקוסקע" נאָך מיטאָג; מיט אַ בלאַט פון דער הויפּט־שטאָט, וווּ עס ווערן געשריבן אי די וועלט־נייעס, אי די אַלע פאַר־פירעכצן פון גראַפינעס מיט פּראָסטע דאָרפישע שקצים, וועלכע פאַרמאָגן דעם כוח פון אָגערס...

אָבער אַ בחור, אַ בעקער־יונג, וואָס חברט זיך מיטן קיילער אַסטראָווסקיס זון — מעג יענער זיין זיך טאַקע אַ סטודענט — אַזאַ איינעם וועט מען אָנטרויען אַזאַ לייטישן נאָמען?

האָורילאַ „קאַזשוך" האָט עס געהאַט אין דר'ערד. ס'האָט אים עפּעס געאַרט וואָס מען רופט אים אַזוי? אסור. אַז אין שול אַריין האָט ער ניט אַריינגעשמעקט. כאָטש טו אים אָן אַ „פּאָסטראָ־נאָק" ווי אַ פערד און שלעפּ אים אויף ס'כוח. אַפילו ניט צו קיין יאָרצייט. פון אויפרופן אים האָט מען גאָרניט געקענט חלומען, כאָטש שיט אים אָן אַ שטוב מיט גאָלד.

— קען מען זיין אַ לייט — האָבן יידן צוגעלייגט קאָפּ צום ענין — אַז מען חברט זיך מיט אַסטראָווסקים בן, דעם סטודענט, וואָס איז דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט אַן „אַנאַרכיסט", און דאָ, אין דער היים, חברט ער זיך מיט האָורילאַ „קאַזשוך" — קיין שענערע חברים קען ער זיך ניט אויסזוכן. אַפילו זיין טאַטע, דער קיילער, וואָס פירט מסחרים מיט יידן און האָקט אַ יידיש ניט ער־גער פון די אַנדערע קצבים, אַז ער אַליין טענהט דאָך:

— פעלן אוים ערלים אַרומצוקריכן אין די וועלדער, דאַרף עס נאָר זיין האָורילקע...

אויף זיכער, וואָס איז אַזוינס אַן אַנאַרכיסט, האָט קיינער ניט געוווּסט. געוווּען אַפילו אַן עלטערער ייד, אַ שוסטער, אַלטער שרה־ראַדזשעס, וואָס איז אָפּגעווען אַ שיינע פּאָר יאָר אין לאָנדאָן און געוווּפן האָט מען אים „סאָקאָוואָנצעטי" צוליב עפּעס אַ לאַנגער מעשה, וועלכע ער האָט דערציילט וועגן צוויי חברה־לייט, וועלכע מען האָט אומזיסט און אומגישט הינגעריכטעט אין טשיקאָגאָ, ווייל

ס'איז ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט. וואָס עס מיינט הינגעריכ־טעט, האָט קיינער אויף זיכער ניט געוווסט. פאַרשטאַנען האָט מען אָבער, אַז נאָך דעם ווי מען האָט זיי הינגעריכטעט — האָבן זיי שוין מער ניט געלעבט. אָבער „סאַקעוואַנצעטי", אָדער אַלטער שרה־ראַדזשעס האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, אַ חוץ פאַרשטייט זיך וואָס ער האָט אין די שיך געהאַקט הילצערנע פלעקלעך אָנשטאָט אייזערנע. אָבער פון דעם איז נאָך געווען צו דערליידן.

אָבער סוף־כל־סוף איז מען דערגאַנגען, אַז אַנאַרכיסטן וואַרפן באָמבעס, רייסן אויף בריקן, טוען אָן מעשים. און אַלץ צוליב דעם, ווייל זיי האָבן פיינט מלכות.

נאָר ניט גבריאל, און ניט וואַצעק האָבן קיין באָמבעס ניט געוואָרפן. מען האָט אפילו ניט געזען זיי זאָלן טראָגן אַ מעסער מיט זיך, אָדער אַ קינדזשאַל. און די פּאָליציאַנטן זענען דווקא גע־ווען אַריינגייער צו אַסטראָווסקין דעם קיילער, געטרונקען דאָרטן בראָנפן, געשטאָפּט זיך מיט קאָלבאַס און אַרויס גאַנץ.

נאָר אַז אַ שייגעץ גייט ניט אין קלויסטער אַריין, אפילו ניט „פּאַסכא", און אַ בעקער־יונג טרעט ניט אַריבער די שוועל פון בית־מדרש — און דער שייגעץ לערנט עפּעס דעם בחור פון ביכלעך לייענען און שרייבן — טאָ וואָס קענען זיי אַנדערש זיין אַז ניט קיין אַנאַרכיסטן?

אַז מען האָט די צוויי ניט געזען אפילו אין וואַלד צוזאַמען מיט די שניידער־געזעלן און פריקאַזשציקעס זינגען לידער וועלכע מען טאָר ניט...

זענען אַלע געווען זייער אַנטוישט אין די צוויי אַנאַרכיסטן, וואָס טוען גאָרניט אָפּ קעגן מלכות.

— טאָ ווער־זשע איז געווען יענער פרעמדער וואָס איז פאַר־טאָג געגאַנגען זוכן האָורילקען?

— טאַקע ווער? הלמאי האָט ער זיך ניט געפרעגט אויפן רב, נאָר אויף דעם תנא־ברא?

די מעשה איז נאָך געווען מער ווי קשה, וואָס קיינער האָט דעם פרעמדן מער ניט געזען, בלויז איין ייד, און יענער איז שוין אויך ניט געווען אין גאַנצן זיכער ביי זיך, צו ער האָט טאַקע גע־רעדט מיט אַ פרעמדן, אָדער דאָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט.

— און דאָס צעטעלע? אַז איך האָב אַליין געהאַלטן דאָס צעטעלע אין האַנט מיט האָורילקעס נאָמען. בלייבט אַ קשיה:

האוורילקעס א מחותן איז דאך ניט אליהו הנביא, ער זאל נעלם ווערן ?

— טאקע אזוי. אבער ווו איז ער, וועד איז ער — אז אריינגיין צו איטשקע דעם בעקער איז ער אריין, אבער ארויס — ניט...

איטשקע דער בעקער האט געשווירן אז מעגן אים די קישקעס זיך איבערדרייען מיט די געדערים אין איינעם — ער האט קיינעם ניט געזען, ניט אריינגיין און ניט ארויסגיין. וואס — בלינד איז ער?

איז געבליבן, אז משה-חיים „וואליק" האט דא אפגעבאקן איי-נעם פון זיינע ליגנס...

נאר משה-חיים איז ניט געווען קיין בעקער. ער איז געווען א בלעכער, און א גוטער בלעכער דערצו. פון די אמתע בלעכערס, וואס לאזן זיך ניט שפייען אין קאשע, האט ער קודם דערקלערט, אז איטשקע איז אן אויסגעווייקטער הערינג, וואס וויים ניט ווער ס'האט אים געשלייערט, און וויים ניט די נפקא־מינא צווישן א יידענע און א מאנצפארשוין; אז ער ליינט די פלעכטלעך אויף די חלות אויף דער לינקער זייט — דאס איז איין מאל אוועק. און ס'איז גריילעך מעגלעך — נאר דאס האט ער שוין געזאגט מעשה־סוד — אז איטשקע איז יד־אחת מיט האוורילקען, מחמת ער האט א טאכטער וואס מעג שוין האבן אייגענע בענטש-לייכטער... איר שפילט זיך עפעס מיט משה-חיים „וואליק" דעם בלעכער...

ניט אפטוענדיק דער שטאט גארניט ניט, אבער טאקע גארניט, ווי אויף צו להכעיס, איז גבריאל לוריע פארשוונדן.

שטאט איז געווען ביז גאר אנטוישט. ניט דערפאר וואס האוו-רילע האט אויסגעפעלט צום מנין, נאר אנטרונען ווערן און ניט איבערלאזן אפילו עפעס מען זאל האבן וואס נאכצוזאגן וועגן בחור.

דעמאלט, פארשטייט זיך, האט משה-חיים „וואליק" פארציילט בסוד־סודות, נאר אזוי אז אלע זאלן שוין געוויער ווערן — אז דער פרעמדער האט געבראכט „אינסטרוקציעס". און ווי באלד אינסטרוקציעס, האט האוורילקע געמוזט פארשווינדן. דאס האט זיך שוין יא געלייגט אויפן שכל.

נאר וואס מיינט: „אינסטרוקציעס"? ווי ברענגט מען זיי ? און אז מען ברענגט זיי — ווו באהאלט מען זיי ? אז דאס איז א זאך, וואס מען דארף זיך היטן דערמיט, האט מען פונדעסטוועגן יא פארשטאנען. קיין פעפקעס זענען די יידן נאך אלעמען ניט גע־

ווען... אוודאי איז ביי איטשקע דעם בעקער אין טוכלען שפייכלער דאָ געװוג אָרט, דאָרטן קען מען אפילו אַ הארמאַט באַהאַלטן.

האָט מען גענומען פאָרשן. נאָר פאָרזיכטיק, פארשטייט זיך, ביי איטשקע דעם בעקער: צי האָט ער ניט צופעליק, דאָס הייסט אַ מאָל, ביים איבערלייגן אַ זעקל מעל, אָדער גאָר צווישן די קלעפּ־קעס האָלץ וואָס טריקענען זיך אין דרויסן: צי האָט ער טאַקע ניט געפונען קיין אינסטרוקציעס?

האָט איטשקע אָנגעשטעלט אויף די פרעגער זיינע פאַרמעליקטע ברעמען און געהייסן זיי גיין ניין איילן אין דר'ערד, זיך דאָרטן שטעלן דיבאָם און אים לאָזן צורו. ער האָט פיינט אַז מען דולט אים אַ קאָפּ מיט משה־חיימס מעשיות.

ביז ס'איז געקומען אַ בריוול, אַז האָורילקע איז אין לאָנדאָן. מיט נצחון האָט איטשקע אַלעמען געוויזן דעם קאָנווערט, מיטן טריוואַקסענעם „פעטשאַט" מיט דער ענגלישער קרוין. האָט שוין משה־חיים געוואָלט וויסן:

— און וואָס שרייבט ער מכוח „סאַקאָוואַנצעטי"?

— גאָרניט.

— טאַקע גאָרניט?

מען האָט געמיינט אַז האָורילקע איז געוואָרן אַ לייט, מען זאָל הערן פון אים, ווי ער קערט אַ וועלט ווי עס פאַסט פאַר אַן אַנאַרכיסט: מיט באָמבעס, מיט אויפרייסן, מיט „סאַקאָוואַנצעטי"...

מען האָט גאָר פאַרגעסן אַ פרעג צו טאָן: ווי קומט דער בחור קיין לאָנדאָן, אָן אַ פּאַס, אָן געלט, בלויז מיט דעם שעפּסענעם פּעלצל, און די ווייסע, פלאַקסענע האָר וואָס הענגען איבער זיין פּנים.

עפּעס האָט ווער יאָ אַ מורמל געטאָן, אַז מען וואָלט אפשר געקענט געוויער ווערן פון אַסטראָווסקיס יורש, נאָר גיי פרעג אים אַז יענער שטודירט אין די אויסלאַנדס.

נאָר משה־חיים „וואָליק" האָט די גאַנצע מעשה פאַרענטפערט מיט איין וואָרט: אינסטרוקציעס...

איטשקע דער בעקער האָט גבריאלס בריוול קיינעם ניט גע־וויזן. מיט וואָס איז זיך דאָ צו באַרימען? אַז דאָרטן, אין לאָנדאָן, אַזוי שרייבט גבריאל מיט זיינע קאַטשערעס, שטרייקט מען און מען גייט צו מיטינגען, און מען נעמט אָן רעזאָלוציעס. די קייסאָרים האָט מען אין דר'ערד, נאָר צו פּיקן איז ניטאָ. זוכט ער, הייסט עס,

אַ וועג, אַרויפֿצוכאַפּן זיך אויף אַ שיף, אָפּאַרבעטן די רייזע און אָנקומען אין אַ ווייט לאַנד...

איטשקע דער בעקער האָט דעם בריוול פֿאַרשטעקט הינטערן פּאַרמעליקטן שפּיגל און דאָרטן איז ער פֿאַרגעלט געוואָרן פֿון אַלט־קייט.

* * *

פֿרילינג. ביי ביידע זייטן גאַס גרינען צעוואַקסענע פּאַלמעס און וואַרפֿן אַ קילן שאָטן. פֿון די שמאָלע בייטן, ביי די אייזערנע שטאַכעטן קוקן אַרויס בלומען, וואָס נעמען זיך ערשט צעבליען. נאָר דער ריח פֿון מיסטער לוריעס בעקעריי פֿאַרשמעקט די לייגאָן־סטריט.

כאָטש זי געפֿינט זיך אין אַ זייטיק געסל און צו דער לייגאָן-סטריט האָט זי ניט מער ווי אַ פֿענצטער, דינט עס פֿאַר אַ טיר אויך, אויב מען וויל דווקא. זעמל, באַשייטע מיט מאָן, ציבעלע-פּלעצלעך און אַנדערע פֿרישע געבעקסן — אָט די אַלע ריחות גיבן זיך אַ מיש אויס צוזאַמען, טאָ וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן שוין די פּאַלמעס מיט די בלומען, אַז די נאָז-לעכער ווערן ממש צעריסן און אַ פֿייכטקייט נעמט זיך צונויף אין מויל. מעג מען אָפּעסן דאָס בעסטע אָנבייסן, דערשפּירט מען עפּעס אַזאַ הונגעריקן צי אין מאָגן — כאָטש צע-רייס זיך.

אַלץ וואָס גבריאל לוריען בינדט מיט דאָרטן, מיט דער אַלטער היים, איז די געוווינטשאַפֿט פֿון זיצן אין דער פֿרי אויפֿן טרעפּל און זשמורען די אויגן אַנטקעגן דער זון. קיין מאָל איז אים אַפֿילו ניט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס וואָס לייט רופֿן אָן די אַלטע היים, האָט דעם ווערט איבערצוקלערן.

— ביי מיר איז עס ניט ווערט קיין ציבעלע... — אַזוי פֿאַר־זיכערט גבריאל.

— טוט דיר טאַקע קיין מאָל ניט דאָס האַרץ אַ טיאַכקע? — דאָס וויל וויסן פֿריידע, זיין יידענע.

— ביי אַ יידענע טיאַכקעט דאָס האַרץ. נאָך וואָס זאָל איך בענקען: נאָך איטשקע בעקערס „ליעזשאַנקע", דעם בעקער־אויוון, וווּ איך בין ווינטערס אָפּגעשלאָפֿן... אָדער דעם האָורילקע „קאַ-זשוך", וואָס יעדער האָט מיר אַנטקעגן געטראָגן...

נאָר זינט מען האָט צעמורשטשעט דעם דייטש און די מלחמה איז אריבער, האָט עס אָנגעהויבן טיאָכקען, כאָטש קראַפּיר. פון אָנהויב האָט ער געמאַכט אַ שווייג — מען ציט אים עפּעס ביי דער צונג? נאָר אין קאָפּ האָט זיך ניט געקאָנט פּאַטויפּען אַז אין ראָקיטנע זענען ניטאָ מער קיין יידן. קיין קראָמען. און איטשקע דער בעקער איז אויך ניטאָ.

— טאָקע קיינער ניט געבליבן?

אַזוי טענהט גבריאל צו זיך אַליין, זיצנדיק פאַרטאָג אויפן הינטערשטן גאַניקל. זיינע פלאַקסענע האָר זענען נאָך ווייסער געוואָרן. פאַרמעליקט אָדער ניט פאַרמעליקט — ווייסער.

— וועסט עפּעס העלפן מיט דיין קרעכצן, מיט דיין אַרומקריכן אין הינער-פּלעט. אַלעמען האָט דער בראַך געטראָפן. אַ לעבן האָט דיר ניט געאַרט, יאָ ראָקיטנע, ניט ראָקיטנע — ברענען מעג עס, האָסטו געענטפערט. נאָר אַז קיינער איז ניט געבליבן, האָט זיך עס אין דיר אָפּגערופן...

אין „וועלפער" האָבן אים שוין אַלע געקענט, מחמת יעדן טאָג איז ער אַרויפגעקומען לייענען די רשימות פון יידן, וואָס דאַרפן אָנקומען פון אייראָפּע. אויף יעדער רשימה האָט ער געקוקט מיט האָפענונג. אפשר דאָך.

אין לייען־זאַל פון דער יידישער ביבליאָטעק האָט ער געמישט צייטונגען. געזוכט נעמען. אויסגעלייענט די רובריק ווו מען זוכט קרובים, טאָמער טרעפט ער אָן אויף אַ היימישן נאָמען. נאָר נעבעכטיקע טעג. ראָקיטנע איז ווי אויסגערונען. די וועלט איז אים ענג געוואָרן.

— אוים הייסט עס, אוים. ניטאָ שוין אפילו וועמען צו שעלטן אויך....

מישנדיק די בלעטער וועלכע זענען אָנגעקומען פון די דייטשע פּליטים־לאַגערן האָט ער באַמערקט עפּעס אַ היימישן שאָטן. עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ, אַזש ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים טיש.

— ווי איך בין אַ ייד, ס'איז ער, אַרעלע... — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך, און די אויגן זענען פאַרלאָפן מיט פייכטקייט. ווי איינער, וואָס גייט דאָ עפּעס אָפּטאָן, האָט זיך גבריאל פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט און פאַררוקט די צייטונג אין בוזים.

אין שטוב איז ער אַריינגעפאַלן אין איין אָטעם. — ס'איז דאָ, פריידע, ס'איז דאָ!

דאָס ווייב האָט אים אָנגעקוקט, אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך שוין לאַנג געריכט דערויף, אַז גבריאלן וועט דער קאָפּ נעמען טראָגן און ער וועט ניט וויסן וואָס ער רעדט.

נאָר גבריאל האָט איר אָפּגעשטופּט, אַרויסגעשלעפּט די צע־קנייטשטע צייטונג, איר אויסגעגלעט אויפן טיש און אַ וויז געטאָן מיטן פינגער:

— דאָ, לייען אויפן קול, זעסט?

— אוודאי זע איך, אהרן בלומקינד, דאָס שרייבט ער דאָך. איז וואָזשע האָט ארעלע געשריבן?

— מיט צען יאָר צוריק האָבן מיר פארלוירן דעם נאָמען מענטש. אונדזער דור איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע פייערן פון לעבן און טויט. פארשידן זענען געווען אונדזערע נעמען: ביעזשעניעץ, זאַפּאַדניק, זאַ־קאַ, קאַצעטלער, רעפּאַטריאַנט, די־פּי... מיט יעדן פון די נעמען איז פארבונדן אַן אַ שיעור לײַדן און פּײַן, וואָס וועט אונדז תמיד נאָכגיין און אפילו די צייט וועט עס ניט קענען פאר־ווישן.

— ...שטעכל־דראָטן, אָן אַ שיעור דראָטן, צווישן וועלכע עס לויפט אַרום דער אומזעבאַרער טויט — עלעקטרישע שפּאַנונג. דאָן הינט: גרויע, געפלעקטע, מיט וועלפישע ציין. בלוט ־ דורשטיקע, גרייט יעדע רגע זיך צו וואַרפן אויף אונדז; זיי ווערן געפירט אויף רימענס פון זעלנער באַצייכנט מיט האַקנקרייצן, מיט רויטע שטערנס. עס באַגלייטן אויך אַ וואַלד מיט באַגנעטן, קורצע, שפּי־ציקע... דאָן גרענעצלאָזע וועלדער פאַרהילטע אין שניי. אײַז־קאַלטע טייגעס... תליות, אַפּעל־פּלאַץ און רויכערדיקע קוימענס.

— און ענדלעך פרייהייט. אָן אַ שיעור פרייע, זאָרגלאָזע, הונגעריקע טעג. הונגער: פיזישער נאָך ברויט, קאַרטאָפל. און גייסטיקער — נאָך אַ וואַרעם מענטשלעך וואָרט, מענטשלעכע באַ־ציאונג. עס פעלט דאָס געפיל אַז מען איז ווידער אַ מענטש — איינער פון אַ סך.

— דאָס ערשטע איז ביסלעכווייז געקומען. דאָס געוויסן פון דער וועלט האָט גענומען פליסן דורך פושקעס קאָנסערוון אין די לײַדיקע מאָגנס פון די באַפרייטע. קאַלט איז עס געווען און מעכאַ־ניש. ס׳האָט געפעלט דער געטלעכער פונק, וועלכער זאָל דערנענ־טערן מענטש צו מענטש. עס זאָל אומוואַרפן די גרענעץ־סלופּעס און אויפעפענען ברייט די טירן פאַר די דורך ניסים לעבן גע־בליבענע.

— קומט, וואַרעמט זיך אָן ביי אונדזער פייער. זאָל דער פאַר-לוירענער גלויבן אין מענטש זיך ווידער צו אייך אומקערן.

אָבער דאָס געוויסן פון דער וועלט איז געבליבן ווי די נדבה-פושקע — קאַלט און קאָנסערווירט. פינף יאָר שפּעטער — זיצן נאָך אַלץ די די־פּי אין די לאַגערן. אַ טייל פון אונדז דערגייען צום לעצטן שטאַפּל, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון באַגריף מענטש. די סטאַדיע הייסט — עמיגראַציע.

פאַר געוויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג פון די לענדער, וווהין עס גייט די אויסוואַנדערונג, איז אַן אימיגראַנט נאָך אַלץ ניט קיין מענטש. ער איז אַ „גרינער".

און אָט, נאָך יאָרן אומוואַנדלען פון לאַגער צו לאַגער שיינט אויף די האָפענונג צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד. די האָפענונג קומט דורכן צויבער־וואָרט — וויזע, אַריינפאַר-דערלויבעניש. אָבער שווער איז דער וועג פון אַ די-פּי צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מיט דער וויזע אין טאַש קען ער ניט פּראָסט און פּשוט אַריינפאָרן אין האַפן און נעמען אַ שיף. פאַר אים זאָרגט די „אירא". זי האָט צייט. מען פאָרט פון לאַגער צו לאַגער. טראַנזיט הייסט עס...

* * *

גבריאל האָט ניט געהערט מער דאָס פּאָרלייענען.

— אַרעלע, איטשקעס דעם בעקערס. געקראָכן צו מיר ווינטער אויפן אויוון, אויף דער „ליעזשאַנקע", דער קאַראַפּוז. ס'איז וואַרעמער ווי אין בעט — מאַכט ער — לאָז אַרונטער אונטערן „קאַזשוך", זיך געבעטן. אַ שרייבער געוואָרן אַרעלע... ער לעבט... ער לעבט...

גבריאל האָט ניט געזען מער דאָס ווייב, דעם טיש, דעם צימער. ער איז גאָרניט געווען מער אין מעלבורן. צוריק אין ראַקיטנע. זיין ראָקיטנע וואָס האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען — האַווריל „קאָזשוך"...

א מיידלס טרוים

דער פּליטים־לאַגער איז געווען אַ שטאָט ממש. דריי־פיר שטאָ־פּיקע בלאָקן אָנגעפּיקט מיט מענטשן. מיט טרעפּ — אויף וועלכע מאַמעס האָבן נאָכגעיאָגט קינדער מיטן עסן.

לויפט אַ מאַמע מיט אַ שיסעלע געקעכץ:

— בנימעלע — גוואַלד בנימעלע — שלינג שוין אַראָפּ!

שפּרינגט בנימעלע איבער די טרעפּ, ווייל ער איז דאָך פלינקער ווי די מאַמע, און די מאַמע אַ פאַרסאַפּעטע לויפט נאָך דעם תכשיט, וואָס וויל בשום אופן ניט אַראָפּשלינגען ס׳לעפעלע עסן, כאָטש צע־ריים זיך. אַן אַפּעטיט האָט ער דווקא נישקאָשע — נאָר ער וויל, אַז די מאַמע זאָל זען די גרויסע טובה וואָס ער טוט איר.

צווישן די בלאָקן האָבן זיך געוויסט געוואַשן וועש, ווי ווייסע זעגלען אויף אָנגעצויגענע דראָטן. קופּקעלעך מיסט — ווי עס פירט זיך — האָבן ביי די בלאָקן אויך ניט געפעלט. וואָרים אַז אַ יידענע האָט אַרויסגעוואָרפן פון איר פענצטער, וואָס איז געווען צופעליק אויפן פערטן שטאָק, אַ שעכטל פול מיט קאַרטאָפל־שאָלן אין דער מיסט־פּאַס אונטן, און זיי זענען געפאַלן דערנעבן, איז עס איר שולד?

איבער די ברייטע גאַסן האָבן זיך באַוועגט מענטשן; סוחרים האָבן אויסגעשריען די נייעסטע סחורה — ערשט אַריינגעבראַכט מיט אַ „לינקן" טראַנספּאָרט פון דער שווייץ. פּאָליציי — אין היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, און סתם פּראַנטן, אין אויסגע־פּאַסטע אָפיצירן־שטיוועלעך „פּאָקסטראָט", האָבן זיך געדרייט ביים לאַגער־טויער. שייך צו זאָגן: אַ שטאָט מיט יידן, וועלכע וואַרטן דער גורל זאָל זיי דערפירן צו אַ ברעג. און דערווייל איז אַ מענטש — ניט מער ווי אַ מענטש, און ביז אַ קרעטשמע דאַרף מען אויך אַ טרונק בראָנפן. זעט מען צו מאַכן אַ לעבן. יאָ, אפילו אַ טרונק בראָנפן האָט מען ניט געדאַרפט גיין זוכן, וואָרים אין אַ קעלער האָבן עטלעכע „ספּעציאַליסטן" פאַרלייגט אַ ברויעריי און געטריבן ספּירט. עלע וואָס — עס איז ניט געווען אַזוי איי, איי, איי, און

זיך געפילט אביסל — איז ניט געפערלעך. א לייטישן טרונק בראָנפן האָבן זיי פונדעסטוועגן געמאַכט.

נאָר מרימען איז עס אפילו ניט אָנגעגאַנגען. זי האָט טאַקע געוויינט דאָ; געטרונקען די קאַווע פון דער אַלגעמיינער קיך; גע־געסן דאָס ווייסע ברויט מיט פוטער און ניט מער. זי האָט קיינעם ניט געזען און אין ערגעץ זיך ניט געמישט.

באַלד נאָך פרישטיק האָט זי געזאָגט דער מאַמען א תירוץ, אַז זי מוז גיין עפּעס דערליידיקן, און איז אַרויס פון איר צימער. וואָס פאַרא געשעפטן זי האָט עס, האָט די מאַמע ניט געקענט דער־גיין:

— אַז אין די רייען נאָך פּראָדוקטן שטייט זי אַליין. די פּראָ־דוקטן־קאַרטן נעמט זי אָפּ ביים בלאָק־לייטער, נו — און ביים פאָרן אין די אויסלאַנדס האָלט עס נאָך ניט — טאָ וווּ לויפט זי אַרום, די יונגע ציג?

זי האָט זיך אָבער פאַרגיטיקט מיט דעם, וואָס יעדן טאָג זאָגט מרים אַן אַנדער תירוץ — ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן. פאַרט אַ מאַמע.

רחל־לאה האָט אָפּגערוימט פון טיש, גענומען אירע צוויי עמער הערינג און זיך געלאָזט איבער די בלאָקן פון לאַגער. שלעפּנדיק די עמער איבער די טרעפּן, פון איין שטאָק אויפן צווייטן, האָט זי ניט אויפגעהערט צו רימען די סחורה אירע:

— שמאַלץ־הערינג! פרישע שמאַלץ־הערינג! טייערע שמאַלץ־הערינג!...

ווען עמעצער שטעלט אָפּ רחל־לאהן, און טוט צו איר א שטייגער, א זאָג, ווי א מענטש רעדט צו א מענטשן, אַז אין אירע יאָרן דאַרף מען ניט אַרומגיין מיט עמער הערינג איבער די שטאָקן; און אַחוץ אַלעמען: שפּירט מען פון די הערינג א ניט גאָר גוטן ריח — וואָלט זי יענעם אָנגעקוקט ווי משוגע:

— ס'הייסט: זי, רחל־לאה זאָל ניט האַנדלען מיט הערינג, טאָ ווער זשע דען זאָל האַנדלען?

זינט זי געדענקט, האָט זי געהאַט צו טאָן מיט הערינג. נאָכן קריג, אַז זי איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין, און דערזען אַז די מלוכה האַנדלט אַליין מיט הערינג, מאַכט אויף אירע אייגענע קראָמען, האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט:

— א מלוכה וואס נעמט אוועק דאס ביסן ברויט ביי א יידענע און פארנעמט זיך מיט פארקויפן העריגג פון א פאס ארויס, איז א קאבצאנסקע מלוכה. טא וואס קען מען שוין ביי איר דערלעבן?

און טאקע נאך איידער זי האט באוויזן ריכטיק אפצוכאפן דעם אטעם, האט זי מיט מרימען זיך אריבערגעפעקלט אלע גרענעצן אזש קיין דייטשלאנד.

מרים האט זיך אין דער מאמעס געשעפטן ניט געמישט. ניט זי האט געזאגט: ניט האנדלען, ניט זי האט געזאגט: יא פארקויפן. זי איז אפילו ניט געווען טשעקאווע צו וויסן פון וואנען די העריגג קומען צו דער מאמען. אין לאגער איז קיין טייך ניט געווען, און האנדלען טאר מען ניט. די דייטשן אליין פגרן פאר א העריגג...

געלט האט זי פונדעסטוועגן יא גענומען ביי דער מאמען. דא אויף א ניי קלייד, דא אויף א פאר שיך, ווייל ס'איז א נייע מאדע אויף שיך. נאר איינזיצן אין שטוב — דאס האט זי ניט געוואלט.

באלד נאכן פרישטיק האט זי זיך געגעבן א פארב צו די ליפן, א פודער צו דאס נעזל און אנטוענדיק דאס היטעלע זיך געדרייט פארן שפיגל. רחל-לאה האט געוואלט בלויז פארשטיין איין זאך:

— ביזטו ערשט 18 יאר געווארן. דאס בלוט שפראצט דאך פון די ליפן, טא פארוואס פארשמירסטו זיי מיט פארב?

דערויף האט מרים גלייך ניט געענטפערט, נאר בלויז א שמייכל געטאן. נאר אז רחל-לאה האט פארט געוואלט פארשטיין דעם שכל דערפון, האט זי זיך אפגערופן:

— וואס קען א פארמלחמהדיקע מאמע פארשטיין?

רחל-לאה האט — דעם אמת געזאגט — טאקע ניט פארשטאנען.

* * *

מרים איז אריבערגעלאפן עטלעכע גאסן, געכאפט דעם טראמוויי, ווי עס טוען געוויינטלעך פארנומענע מענטשן, וואס איילן זיך און זיך געלאזט צום שטאט-טייל, וווּ עס געפינען זיך די ביוראען פון דער „באזאצונגס-מאכט".

אויף די ציכטיקע גאסן מיט צעגרינטע בוימער און בלומען-בייטן אינמיטן האט זיך גארניט אנגעזען, אז דערנעבן, א וואסערע פאר גאסן ווייטער ליגט א שטאט אין חורבות. עס הענגען אויסגעברענטע פארזשאווערטע באלקאנען אויף האלב-פארקוילטע ווענט.

א רער, אן איבערבלייב פון א באַד־צימער קוקט אין הימל אריין, ווי דער פעריסקאָפּ פון אַן אונטערוואַסער־שיף...

אויף די ציכטיקע גאַסן שפּאַנען אַרום אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציי מיט ברייטע אָרעם־בענדער, ברוינע גלאַנציקע שיך און שווערע רעוואָלווערן אין לעדערנע שיידן. יעדע רגע בלייבן זיי שטיין פאַר אַן אַנדער לימוזינע, עפענען ברייט אויף די טירן און גיבן אָפּ כבוד די מיליטער־לייט, וואָס פירן דאָ אָן מיט דער אָרדענונג.

מרים שפּאַצירט איבער די גאַסן. אָבער אַצינד גייט זי לאַנג־זאַם. זי האָט צייט. א זייטיק אויג קאָן זיך דוכטן אַז אויך זי אַרבעט דאָ ערגעץ־ווו, און באַלד וועט זי פאַרשווינדן אין א טיר, אויף וועלכער ס'איז מיט שוואַרצע בוכשטאַבן אָנגעשריבן דער נאָמען פון אַמט. אין דעם אַרום דערפילט זיך מרים, ווי זי וואָלט שוין געווען א טייל פון דעם לאַנד, פון וואַנען אָט די מיליטער־לייט שטאַמען. און דאָ טאַקע וויל זי דערגיין ווי די מענטשן פון יענעם לאַנד באַ־נעמען זיך. און דער עיקרשט טאַקע: — וועלכע סאָרטן פרויען זיי גוסטירן...

ווייזט אויס, אַז יעדן טאָג איז זי עפּעס געוויער געוואָרן, געלערנט. ווייל מיט דער צייט זענען אירע ברוינע קאַשטאַן־האָר העלער געוואָרן; נאָך העלער — ביז זיי האָבן באַקומען דעם קאָליר פון גאָלדיקן בלאָנד, אָט ווי צייטיקער קאָרן. אַזוינע האָר פאַרמאָגן מערסטנס די פרויען, וועלכע פאָרן דאָ אַרום אין די שפּיגל־לאַקירטע לימוזינעס, באַגלייטע מיט הויכע, ברייט־פּלייציקע מיליטער־לייט.

אייגנטלעך זענען די לימוזינעס געווען דער אָביעקט פון איר אַנטציקונג. עפּעס האָבן זיי פאַרמאָגט אין זיך אַזוינס, וואָס אָטעמט מיט רייכקייט, ברייטהאַרציקייט. מרים האָט געהאַט איר אייגענע, אינעווייניקסטע שפּראַך צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די לימוזינעס. און זיי האָבן איר דערציילט וועגן די ברייטע גלאַטע וועגן ווו זיי לויפן מיט שווינדליקער שנעלקייט; וועגן די מענטשן וואָס זעצן זיך צום רעדל און מיטאַמאָל באַהערשט זיי א זאָרגלאָזיקייט, ווי זיי וואָלטן פליגל באַקומען, און באַרוישט פון דער מעגלעכקייט צו פליען — לאָזן זיי זיך אַוועק איינצונעמען די ווייטקייט.

מרים האָט געוווסט אַלע נעמען פון די פירמעס, וועלכע באַ־שאַפן אָט די אויסגעקינצלטע, שיינענדיקע מאַשינען. זי האָט זיי געקענט דערקענען, ווי א געניטער פערד־געיעגן שפּילער דערקענט די פערד אין זייער געלויף צו דער מעטע. איר בליק האָט קיין זאַך ניט פאַרזען. די פיינע, לעדערנע געזעסן — האָט זי פאַרשטאַנען אַז זיי

מוזן זיין באקוועם. די ביינערנע הענטלעך, דעם ראַדיאָ אינעווייניק און די ניקלנע אַנטענע — דרויסן. אַפילו מיטן ציגאַרעטן-אָנצינדער האָט זי זיך אָנטציקט, ווען זי האָט דערזען ווי מען באַנוצט אים.

שפּעטער — ווען זי איז געזעסן אין פינצטערן קינאָ-זאַל, געזען אויפן לייוונט די פאַרליבטע פּאָרלעך זיך טוליען אין די ווייך-געבעטע, שנעל-לויפנדיקע אויטאָס, איז זי געוואָרן אַ טייל פון דעם — וואָס קומט פאָר אויפן לייוונט. די זיידענע האָר מיט וועלכע דער ווינט שפּילט זיך זאָרגלאָז — זענען געווען אירע האָר; און דער יונגערמאַן ביים זייט וועלכער רירט כמעט ניט אָן ס׳רעדל און האָט די אויגן אויפן מיידל ביים זייט — דאָס איז טאַקע געווען דער יונגער מענטש וועלכן זי האָט דערוואַרט, אין אָט דעם ווייטן לאַנד...

אין דעם אויגנבליק איז זי צופרידן געווען, וואָס זי האַלט זיך ווייטער פון די בחורים אין לאַגער. זי דאַרף זיין פריי, פריי. אויב ניט — וואָס זשע וועט זי יענעם זאָגן. אַז יענער וואַרט דאָרטן אויף איר — אין דעם איז מרים אינגאַנצן זיכער געווען.

✶ ✶ ✶

דער ים — ווערליק פאַר אַ ים — איז געווען טונקל-גרין און רואיק. ער איז געלעגן אַ מידער, געדרימלט און געלאָזן די מענטשן זיך שיפלען איבער אים. אַ דאגה האָט ער. פלינקע דעלפינען האָבן אים געשניטן מיט זייערע שוואַרצע רוקנס, באַגלייטנדיק די שיפן. די ווייסע שיפן, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זייער פאַרנעם, מיט זייער גרויס אין האַפן — האָבן אויפן רוקן פון ים אויסגעזען ווי נאָר וואָס פון איי אויסגעפּיקטע, פּוכיקע גענזלעך, אויפן שטעטלשן טייכל. שווימענדיק צו זייער באַשטימונגס-אָרט, האָבן זיי איבער-געלאָזט אַ ווייסן, שוימיקן שליאַך.

דער ים גופא איז צו דעם געבליבן גלייכגילטיק. זיינע כוואַליעס האָבן מיט מאַמישער ווייכקייט געוויגט די שיפן.

די פּריש - געפאַרבעטע שיף, „גענעראַל איקס״ איז געשוווּמען מיטן כוח פון אירע אַכט טויזנט מעכאַנישע פערד (אַזוי האָט בפירוש געשריבן דער שיפס-ביולעטין) צום יונגסטן קאָנטינענט, וועלכער ווערט אויף די לאַנד־קאַרטעס באַצייכנט מיטן נאָמען: אויסטראַליע.

שוין אַרום דריי וואָכן ווי די געזאַלצענע כוואַליעס לעקן אַרום די זייטן פון דער שיף „גענעראַל איקס״, איבערלאָזנדיק ברויגע

זשאווער-פלעקן. די פּאַסאַזשירן — אַט די פּליטים, וועלכע האָבן מיט האַרץ-ציטער אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון קאָנסולאַטן, און מיט פאַרשידענע המצאות געזוכט אַ וועג, כּדי אַרויס פון די לאַגערן — זענען אַצינד געזעסן אויפן דעק — גלייכגילטיקע. קינדער, ווי מחנות בינען פון וועלכע מען קען זיך ניט אָפּזאָגן, האָבן זיך גע־פּלאָנטערט אומעטום, ווו מען דאַרף זיי ניט. אויף דראָטן האָבן זיך געטריקנט קינדערשע הייזלעך און ווינדלען. קאַנען מיט טיי, וועלכע די פּליטים האָבן באַלד אינדערפרי פאַרגרייט צוזאַמען מיט שטיקער ברויט פון קיך אַרויס, טאָמער פעלט נאָכער אויס, זענען געשטאַנען אַרום די ליגנדיקע. דאָס ברויט האָט זיך געטריקנט אויף דער זון, אָן וועלכן ניט איז נוצן און האָפענונג אַז עמעצער וועט עס נאָך נעמען אין מויל אַריין.

די אָנגעשטרענגטע רייזע-צוגרייטונגען, דער נערוון־פיבער צו-ליב די אַלע פּאַפּירן, שטעמפּלען, מעדיצינישע אונטערזוכונגען וועלכע זענען נויטיק געווען, האָט אַצינד נאָכגעלאָזט און אָנשטאָט דער שפּאַנונג האָט זיי באַהערשט אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט; זי האָט זיך אָנגעזעצן אויף די ניט ראַזירטע פּנימער, צעקנאָדערט אָנטועכץ; רויטע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן; אויגן בלאָנדזשענדיקע, וואָס זוכן אַ פּונקט וווּ זייער בליק צו פאַרהאַלטן. דער בליק האָט געזוכט עפּעס סטאַבילעס, שטאַנדהאַפטיקס, עפּעס וואָס וויגט זיך ניט — און ניט געפינענדיק דעם פּונקט — ווייטער געבלאָנדזשעט איבערן כוואַליעדיקן האָריזאָנט.

מרים איז געלעגן אויפן הינטערשטן דעק און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. איר קערפּער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ברוינער, און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן אירע בלאָנדע האָר. יעדעס גליד האָט זיך אויסגעטיילט, געבעטן ממש באַוווּנדערט צו ווערן צוליב דעם אייגענעם רייץ. עס איז געווען האַרמאָניע פון פאַרב, פון ליניע; פון צוזאָגנדיקער ווייבלעכקייט...

ווי אין לאַגער — אין וועלכן זי איז געווען אַ דרויסנדיקע, אַזוי האָט אויך דאָ די שטימונג פון די פּאַסאַזשירן: זייער אָפּגע-לאָזנקייט, זייער גלייכגילט איר ניט דערגרייכט. זי האָט עס באַלד ניט צוגעלאָזן צו זיך. זי איז געשוווּמען אין איר אייגענער לוקסוס־שיף; באַזעצט די שיף מיט אייגענע פּאַסאַזשירן — הויכע, ברייט-פּלייציקע מענער, מיט זון-פאַרברוינטע פּנימער, אין ברייט־ראַנדיקע טעקסאַס-קאַפּעלושן; מענער וואָס שמייכלען מיט ווייסע ציין ווען זי איז אין זייער מיט. זיי דערציילן איר וועגן די פאַרמס און וויין־

פעלדער; ווענן די פּאַלירטע לימוזינעס, וועלכע וואַרטן אויף זיי אין האַפן, און ווי נאָר זיי קומען אָן — טוען די לימוזינעס איר א טראָג אוועק איבער גרינע פליינען, איבער געדרייטע ווענן ביים ברעג פון רווישיקן אָקעאַן... אין נייעם לאַנד וועט עס זיין אויס מרים רחל־לאהס די ערינגג-הענדלעריגס — עס וועט זיין ווי אין יענעם פילם, אין וועלכן זי, מרים ווערט אָפּגעוואָרט אין האַפן פון אַט דעם בחור מיטן ברייטן הוט, אין דער אָפּענער מאַשין. און אפשר וועט עס נאָר זיין עמעצער פון אירע מיט־פּאַסאַזשירן אין דער לוקסוס-שיף? זי קען זיך נאָך אַלץ ניט באַשליסן, וועמענס אָנבאָט אָנצונעמען...

דערווייל איז דער ים געוואָרן טונקעלער, אָנגעכמורעט, און אויף די שפּיצן כוואַליעס האָט זיך באַוויזן א ווייסער שוים. פּלוצ־לינג איז די זון פארשוואונדן הינטער א וואָלקן, און דער ים האָט זיך צעברומט מיט טויזנטער קולות. חוצפּהדיקע כוואַליעס זענען אפילו ארויפגעשפּרונגען אויפן דעק און אראָפּגעשווענקט די שטי־קער ברויט און די טיי-קאַנען. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך קוים דער־שלעפּט ביז צו די געלעגערס און אָנמעכטיק אַנידערגעפאַלן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א שטורעם.

מרים איז געלעגן אויף איר בעטל, מיטן טאַשן-טיכל צוגע־דריקט צום מויל. נאָר אַז עס איז שוין ניט געווען קיין ברירה, האָט זי ארויסגעצויגן א דיקן, פּאַפּירענעם בייטל און איינגעגראָבן אין אים דעם קאָפּ. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געדרייט רעדער — שוואַרצע מיט ווייסע רייפן ארום; רעדער פון „שעווס”, פון „ביוקס”, פון „סטודעבייקערס”. זי האָט זיי געפּרוווט אויסצאָרטירן, איינפאַסן יעדעס ראָד אויף איר אָרט. זי האָט געוואָלט פאַנאַנדער־פלאָנטערן דעם רעדער-געפּעכט וואָס איז אַצינד געווען רויט און גרין און ווידער שוואַרץ. נאָר אַט האָט א כוואַליע א הויב געטאָן די שיף, איר א וויג געטאָן ארויף און אראָפּ, ווי זי וואָלט זיך אראָפּגעגליטשט פון א באַרג און די רעדער זענען זיך צעלאָפן אי־בערלאָזנדיק די לימוזינעס, ווי קינדער מיט באָרוועסע פיס צו טאַפּ־טשען אין וואַסער. טיף אין איר האָט זי געפילט, ווי עפּעס רייסט זיך דאָרט אָפּ. בליי גיסט זיך אָן אין קאָפּ און באַלד וועט ער אָדורכ־זעצן די שלייפן און זיך אויסגיסן. מיטאַמאָל טוט דער מאָגן א שווים צו ביזן האַרצן און אײדער וואָס-ווען, איז ער שוין צוריק ביי די פוס-טריט. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אַצינד געצויגן אראָפּ... אראָפּ...

אין אַן אויגנבליק, ווען מרים האָט באַוויזן אַרויסצוקריגן דעם קאָפּ פון בייטל, האָט זי מכבד געווען די נייע מדינה:

— אויסגעריסן האָט זי געמעגט ווערן, איידער נאָך איך האָב געהערט פון איר...

— אַ פּייער מעג אַריין אין אַלע לימוזינעס מיט די בחורים אין איינעם...

דוכט זיך, אַז זי איז געגאַנגען דורכן לאַגער ווי אַ זייטיקע, קיין מענטשן ניט דערקענט. גאָרניט געהערט וואָס עס טוט זיך דאָרט. נאָר אָפּגעשפּאָרט אַ היפּש ביסל קללות האָט זי, ווייזט אויס, און אַציינד איז עס איר צונויף געקומען.

נאָר אַ פרישע כוואַליע האָט אַ שטויס געטאָן די שיף פון זייט, און מירם האָט זיך אַ קאַלער געטאָן צום וואַנט און צוריק, ווי זי וואָלט געווען אַ וועלגער־האָלץ...

* * *

עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך מיטאָג, ווען די זון האָט זיך ענדלעך באַוויזן אויפן פערטן שטאָק, אין אַרבעטס-זאַל פון דער פירמע „טען ענד טען". צוערשט איז זי געפאַלן אויפן מאַשין־ברעטל, דאַן אויף דעם גאָלדענעם אויפשריפט: „זינגער" און צו־לעצט געבליבן הענגען אויף מרימס האָר, וועלכע זענען נאָך אַלץ בלאָנד געווען. מרים האָט זי קוים באַמערקט — די זון. זי האָט געדריקט אויף דעם פּעדאַל, וואָס האָט איר תמיד דערמאָנט דעם פּעדאַל וואָס טרייבט אַ קאַר. צווישן אירע פינגער זענען געפלויגן שטיקער סחורה, וועלכע האָבן ביים פאַרלאָזן די מאַשין אָנגענומען די פאָרם פון מענער־הויזן. פון איר זענען זיי געלאָפן צו דער דאַמפּ־פּרעס וועלכע האָט זיי געגעבן אַ שטיקל פּנים, אַ קנייטש, אַ פאָרם. ערשט דאַן — צו רחל-לאהן, וועלכע האָט נאָך אַלעמען צורו גע־לאָזט די הערינג און אָנשטאָט דעם אָנגענייט קנעפּלעך און אויך אַ בלוי קוויטל מען זאָל וויסן אַז אָט די הויזן האָט געמאַכט די פירמע „טען ענד טען" און ניט קיין אַנדערע.

שוין אַריבער צוויי יאָר ווי זיי זיצן אַזוי — צוגעבונדן צו דער אַרבעט. רחל־לאה איז צופרידן, הלואי ווייטער:

— מען פאַרדינט אַ פונט. מ'כאַפּט אַריין אַן „אָווערטיימ" אויך. מ'שפּאָרט אַ גראָשן. נאָר אַז מען האַנדלט מיט הערינג, זעט מען כאָטש אַ פרישן מענטשן. מ'קען אַ וואָרט אויסריידן. און ווע־

מען זעט מען דאָ? דעם דאָרן פּרעסער, דעם שניידער-יונג פון אַמאַליקן שטעטל נאָטע „פּאָלע", וואָס הייסט שוין דאָ אפילו מר. לאַיאָן, נאָר איז דער אײנגעגער שלימזל...

אַז זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז זי איז אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער וואָס האָט שוין באַדאַרפט איר צושטעלן אייניקלעך, ווער־ליק די וועלט פירט זיך — האָט זי אַ שטילן קרעכץ געטאָן, נאָר זי האָט זיך געכאַפּט:

— וואָס דאַרף אַ זייטיקער וויסן וואָס עס קוועטשט מיר...

מרים האָט געשוויגן. נאָר מיט יעדער פּאָר הויזן, וואָס זי לאָזט אַרויס אין דער וועלט אַריין — האָט זי געפילט — גייט מיט אַ שטיק פון איר טרוים. עפּעס האָט איר טרוים באַקומען די דינקייט פון אַ פּסחדיקער מצה: עס איז גאַנץ, ווען מען קוקט דערויף, נאָר קוים רירט מען זיך צו, קרישלט עס זיך...

אַז באַלד פון אָנהויב האָט זיך די זאַך געטאָן אַ שטעל אַוועק נאָך אַנדערש, ווי מרימען האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ס'דאַרף זיין.

אַז די שיף איז אָנגעקומען אין האַפן, האָט מען זיך ניט גע־לאָזט אַרומקוקן אפילו. די פּאָרט־אַרבעטער האָבן אָנגעלאָדן דעם באַגאַזש אויף אַ לאַסט-אויטאָ, און עפּעס אַ מענטש מיט אַ בלעכל אין לאַץ וואָס רעדט דוכט זיך יידיש, האָט אַלעמען צונויפגענומען, איבערגעציילט און מיט אַן אויטאָבוס געבראַכט אין עמיגראַנטן־הויז.

— אַלץ וועט זיין אָ-קעי — האָט ער געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן.

— די קינדער וועלן זיין אָ-קעי אין דער „קאָנטרע", און דאָס מיידל — האָט ער אַ וויז געטאָן אויף מרימען, זאָל מאָרגן אַריינ־קומען אין אָפיס. זי וועט זיין אָ-קעי... אַזוינע מיידלעך לאָזט מען דאָ סיי ווי לאַנג ניט זיצן, מען פאַרצוקערט זיי...

זי האָט באַלד געזען, אַז ס'איז ניט דאָס. נאָר פאַרקערעווען דעם דישל, דאָס האָט מען שוין ניט געקענט. סיי ווי: ס'איז דען דאָ וווהין צוריקצופאָרן?

אין די ערשטע חדשים האָבן בחורים דווקא געהאַט אַן אויג אויף מרימען. זי איינגעלאָדן אין אַ קינאָ; אַרויסגענומען טאַנצן, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. געפּרוווט אַ שמועס טאָן מכוח דאָס, מכוח יענץ. נאָר זי האָט אַלץ געוואַרט אויף יענעם. דאָס הייסט: ביין האָט זי ניט געזאָגט, געשמייכלט אפילו — נאָר געשוויגן.

האָבן די בחורים דערווייל ס'געדולד פאַרלוירן. זענען זיי דען ניט גערעכט:

— אז מען שמועסט מיט אַ מיידל תכלית, און יענע קוקט אין ים אַריין, קענען דאָך די נערוון פּלאַצן...

דערווייל האָבן זיי — איינס ביי איינס — חתונה געהאַט...

* * *

די ראַסל־סטריט איז געלעגן אַ זוניקע — צעשמייכלט מיט טויזנטער שפּיגלען פון שויפענצטער. אַ פּאָליציסט אין אַ קאָרקן־העלם און ווייסע הענטשקעס האָט רעגולירט דעם פאַרקער. נייע „האָלדנס" האָבן זיך געריסן פאָרויס דורכן גרינעם ליכט, געוואָלט וואָס שנעלער אַריבערקומען. אַלע „פאָרדן" האָבן געפּערכעט, גע־קרעכצט, ממש געבעטן זיך:

— לאָזט אונדז צורו. ווי לאַנג איז דער שיער אונדז צו פּיי־ניקן, אַרויסיאָגן די געדערים? נאָר מ'האָט זיי געהערט ווי דעם קאַטער, און געיאָגט פאָרויס און ניט געלאָזט איינזינקען אין ווייכן, צעגליטן אַספּאַלט. האָט דער כעס אין זיי געזאָטן, דאָס אויל גע־ברענט און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט געדיכטע קנוילן רויך.

גייענדיק פון דער אַרבעט, קוקט מרים אויף די לאַנגע שורות אויטאָמאָבילן, וואָס רוקן זיך לאַנגזאַם דורך דער „טראַפיק" און פאַרשווינדן. זי באַטראַכט זיי, באַגלייט זיי מיט איר בליק, אָבער יענע זעען איר אַפילו ניט.

די מאַשינען, ווי האַרעפּאַשנע פערד, ווילן וואָס שנעלער אַרויס פון שטאָט און אַהיימציען, ווי די מידע מענטשן הינטערן רעדל.

קוקט מרים אויף די לימוזינעס, וואָס זענען אַציננד ניט מער ווי פאַרהאָרעוועטע מאַשינעס, וואָס פירן מענטשן, און ביידע — שטופּן זיי זיך אין געדראַנג.

און אַז רחל־לאה וויל פאַרשטיין:

— וואָס איז עס פאַר אַ תכלית צו שטיין און קוקן אויף אויטאָ־מאָבילן, אַז דאָס ליכט האָט זיך שוין דריי מאָל געטוישט און מ'האָט שוין געקענט זיצן אין טראַמוויי אַהיימצופאָרן.

טוט מרים אויף איר אַ קוק. דאַן באַקומט איר פּנים דעם אַמאָ־ליקן שמייכל און זי טוט אַ זאָג צו זיך, ווען זי לאָזט זיך גיין מיט דער מאַמען:

— וואָס קען אַ פאַרמלחמהדיקע מאַמע פאַרשטיין...

דעם אמת געזאָגט — רחל־לאה האָט טאַקע ניט פאַרשטאַנען...

צו וואס איז געגליכן א מענטש?...

א זאַלקינישער טאָג הויבט זיך אָן אזוי:

ארום האַלב־נאָך זעקס דערהערט מען א רוישן פון וואסער, וואָס לויפט מיט אימפעט איבער געדרייטע רערן און צעשפריצט זיך אין שניידיק־קאַלטע טראָפּנס איבער די ווענט, אויסגעלייגטע מיט ווייסע קאַכל; איבערן פּאָל מיט מאזאיקעס אין רינט אָפּ דורכן ניקלנעם אָפּפלוס־רינג.

א באַוואַקסענער קערפּער שפּרינגט דאַן אונטער פון איין פוס אויפן צווייטן, פון הנאה וואָס דער וואסער־שטראָם שלאָגט דאָס לייב און ער ווערט רויט, צעהיצט.

א צעשויבערטער, גרוילעכער קאָפּ טרייסלט אוים די וואסער טראָפּנס פון די האָר און דאָס וואסער שטעלט זיך אָפּ.

דאַן ווערט שטיל. א דיקער האנטוך רייבט דאָס האָריק לייב מיטן כוח פון מוסקולירטע הענט.

מיט איין שפּרונג איז שוין זאַלקין אין די הויזן, און איידער ער באַוויזט זיי נאָך ווי געהעריק צוצוקנעפּלען, פאָרט ער דורך מיטן קאַם דורך די פּאַטלעס האָר וואָס ווילן קיינמאָל נישט ליגן דאָרט, ווו זאַלקין לייגט זיי אוועק. זאַלקין און זיינע האָר זענען אביסל קידער־ווידער. די האָר — הייסט עס — הגם גרוילעכע, קרייז־לען זיך טשופּרינאַוואטע ווי זיי וואָלטן ערשט געווען א יאָר פינפ־אונצוואנציק, ווען זאַלקין אליין שלאָגט שוין אָן א פופציקער.

אָפּגעכאַפּט דעם פרישטיק, דערלאַנגט ער א מיש דורך די צייטונגען — און אז די וועלט איז נאָך אלץ די זעלבע, אָט ווי נעכטן, אייערנעכטן — טוט ער א שפּאַן דורך די צוויי גאסן וואָס טיילן אים אָפּ פון זיין מעבל־פאבריק.

דערווייל איז נאָך שטיל. די זעגן שטשירען די שטאָלענע ציין; די הובל־מאַשין האַלט גרייט די בלאנקע מעסערס; די בויערס טראָגן אויף זיך נאָך דעם האַלץ־שטויב פון נעכטן. אז די נאָז־לעכער דער־

פילן דעם ריח פון צעשניטענעם האָלץ, קליי און פּאָליטור, דערפילן זיי זיך ביז גאָר נאָנטע מחותנים מיטן ארום.

דערהוויל הייסט עס — איז נאָך רואיק. נעמט זאַלקין דורכ־קוקן די צייכענונגען פון טישן, שאַפעס, קאָמאָדן. ער פאַרגלייכט זיי מיט די באַשטעלונגען און לייגט זיי אוים מיט א סדר — וועלכעס פריער, און וועלכעס שפּעטער צו מאַכן. וואַרים איינס ווייס ער: — ווי נאָר דער זייגער גיט דעם אַרבעטס־סיגנאַל, נעמט עס באַלד לויפן, רוישן. ער ווערט דאַן א טייל פון דעם אַ מעכאַניזם — ווי ער, זאַלקין וואָלט ניט געווען א מענטש פאַר זיך, נאָר צוגעטשע־פּעט צו א טראַנסמיסיע, א מאָטאָר וואָס באַוועגט אים און איינ־קלאַנגט מיט אָט דעם מעכאַניזם, וואָס באַשאַפט שענק און טישן, און קאָמאָדן.

זאַלקין באַטראַכט דורך דער אָפענער טיר די פאַבריק, און פסקנט אויפן אָרט:

— ניט הערלייגט צו אויסטראַליע, זאָלן מיר האָבן אזא יאָר...

אויפן שרייב־טיש, צווישן פּלענער און פּאַפּירן שטייט דער קאַלענדאַר. ער גיט עס אכטונג אויף זאַלקינס טעג. ער ווייס אלע זיינע גענג, קאָפּ־פאַדרייעניש, טרעפונגען.

און אָט דערמאָנט ער זאַלקינען, אז עס איז שוין צוואַנציק יאָר.

— בחור איינער — טוט ער א ווייז מיטן פינגער צום קאַלענ־דאַר, ווי ער וואָלט געהאַט מיט אים א דין־תורה — דו זאָגט עס מיר? מיינסט איך האָב חרטה, פּרוביר זיך מאַכן געפּגרט און פאַר־געסן — צוואַנציק יאָר, איז צוואַנציק יאָר. ביינאַכט ווערט טאַקע זיין א שמחהלע, פאַרוואָס זשע ניט?

אז אונהזערס א מענטש איז דורכגעקראָכן דורך אלע צרות און נאָך באַוויזן מיטצוברענגען א שטיקל אימפּעט — איז פאַרוואָס טאַקע ניט מאַכן קיין שמחהלע?

נאָר דער קאַלענדאַר, ווי יעדער קאַלענדאַר אויף זיין אָרט וואָלט געטאָן — האָט עקשנות'דיק געשוויגן, אָנווייזנדיק בלויז אויף דער דאַטע.

אייגנטלעך האָט זאַלקין ניט דערוואַרט פון קאַלענדאַר קיין תשובה. נאָר ס'איז גלאַט גוט צו הערן די אייגענע שטים אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט.

— א מענטש בלייבט אזוי לאַנג א מענטש ביז ער פאַרגעסט ניט זיין נעכטן. וואָס געווען, ווי געווען. הייבט ער אָבער אָן זיין

נעכטן פון דעם היינט, פונקט ווי ער וואָלט מיט דעם אלעם געבוירן געוואָרן — און טוט זיין נעכטן א שפיי אין פנים — אזא מענטש, ברודערקע איז ניט ווערט מען זאָל אים א האַנט דערלאַנגען. וואָרים וואָס פאַרא ווערט האָט שוין דער מענטש ביי אזא מענטש.

טאָ צו וואָס איז געגליכן אזא מענטש?

אָט — א שטיק האָלץ, דורכגעבויערט מיט א מיליאָן לעכלעך.

אזא האָלץ האָט ווייזט אוים ביי זאַלקינען קיין ווערט ניט געהאַט.

✶ ✶ ✶

נאָכן מבול האָט זיך ישראל זאַלקין ארומגעזען, אז: ער איז געבליבן לעבן. צוליב וואָס? די דאָזיקע פראַגע האָט אים גענומען מאַטערן פון ערשטן טאָג אָן, זינט די וועלט איז ווידער געוואָרן וועלט, און א ייד קען זיך איבער איר באַוועגן, ווי א ייד.

ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט: ווי אזוי איז ער געבליבן לעבן? וואָרים ער האָט גאָרניט מיטגעהאָלפן דערצו.

אָבער: צוליב וואָס? — דאָס האָט שוין געפאָדערט אן ענטפער דירעקט פון אים. ער האָט געדאַרפט זיין לעבן ברענגען צו עפּעס א ברעג. געבן זיין לעבן עפּעס א ציל, א סיבה.

א ביטערקייט האָט געפרעסט ישראל זאַלקינען — ווייל קיין ברעג, קיין ציל איז ניט געווען צוזען. און מיט א הנאה פון זעלבסט־פייניקונג האָט ער נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט: צוליב וואָס? !

✶ ✶ ✶

ישראל איז געזעסן אויפן הילצערנעם בעטל. זיינע נאַקעטע, ביינערדיקע פיס האָבן זיך געבאָמבלט איבערן ראַנד, ווי דער אומרו פון א זייגער. די מאַזאָליעס האָבן צעקרימט די פינגער און א ווייטאָגדיקע מידקייט האָט געצויגן צו רו, רו... ער האָט געוויגט די פיס כדי דער ווינט זאָל זיי קילן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען, שאַרפע, שפּיציקע — ווי שטעכל־דראָט. ער האָט זיך זיי באַמיט אויסצוסיידערן, מילדערן, פאַנאַנדערקלייבן — נאָר אויף צולהכעס האָבן זיי זיך נאָך מער פארפּלאָנטערט. עס איז ניט געווען קיין פריער און קיין שפּעטער. פּראָג און טאַשקענט; לאָדזש און ווין, בייערן — עס זענען געווען זאַכעס; צוגן; סאַמאַפאָרן און

געדרייטע, שמאָלע שטעגן אין די בערג. אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געמישט ווי אין א מולטער. אָט שטייט זיין מאַמע איבערגעבויגן איבערן מולטער. צוויי שאַרפע האַקמעסערס האַלט זי אין די הענט און לויפט פליקט מיט זיי איבערן טייג. פון אַלע זייטן נעמען די אָפּגעהאַקטע שטיקלעך טייג זיך פאַרוואַנדלען אין פאַרפל. קיילעכ־דיקע, לענגלעכע. זיי פאַלן אין מיטן, אין די זייטן און די מאַמע לויפט, לויפט מיט די צוויי האַקמעסערס אין מולטער.

ווי פאַרפל אין מולטער — אַזוי לויפן זיינע געדאַנקען און ער האָט גאָר ניט קיין עצה זיי צו קאָנטראָלירן.

ישראל האָט אַריינגערוקט זיינע פינגער אין די צעפּאַטלטע האָר און זיך פעסט איינגעקלאַמערט אין זיי, ווי ער וואָלט וועלן אויפהאַלטן דעם לויף פון די געדאַנקען.

נעבן אים איז געלעגן זיין רוק־זאַק. א זאַק פון פויערישן לייוונט מיט צוויי קניפּלעך אין די עקן. זיינע איינגעפאַלענע זייטן האָבן עדות־געזאָגט, אַז אין אים איז כמעט גאָרניטאָ. און דער כמעט — דאָס איז געווען ישראלס גאַנצער פאַרמעגן. — אויפן רוק־זאַק ליגט דער שטויב פון אַלע וועגן אייראָפּעס — האָט זיך עפּעס א געדאַנק פאַרט באַוויזן אויסצופּלאָנטערן.

— צום טייוול, צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט אָט די פּאָעטישע אויסדרוקן — האָט ער א שיפּע געטאָן צווישן די ציין, און אַריינ־געשפּיגן אין די דאָלאָנען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אָט דעם געדאַנק צעררייבן. נאָר צווישן די פינגער האָט א ברי געטאָן דער רויטער שראַם, אויסגעריבן פון דער שטריק פון רוק־זאַק.

— צום טייוול — פּאָעזיע — וואַנדערסטו א מידער איבער וועגן. ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. דו האָסט ניט קיין אַנונג וווּ וועט דיר מאָרגן דער צוג אַרויסוואַרפן. וועסטו נעכטיקן אין א באַרג־הייל אָדער אויף א נאַקעטער, הילצערנער נאַרע, און איבער־בלייבעכץ פון עפּעס א טראַנזיט־פונקט. און פונקט אַזוי איז מיט א קיי. ערגעץ וווּ וועט עמעצער אָנגרייטן א הייסע זופּ, א ניט מוזטו זיך באַנוגענען מיט א קאַלטן טרונק וואַסער פון א דאָרפישן ברונעם.

און דאָ, אין מיטן דערינען פּאָעזיע: שטויב פון די וועגן אייראָפּעס . . .

די פאַרביטערטקייט איז אין אים אַריינגעדרונגען ווי א גיפט. זיינע שיך: צעדרייטע, מיט פאַריסענע נעז האָבן אויף צולהכעס אַרויסגעקוקט פון אונטערן בעטל, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים גע־רייצט. זיי האָבן אים דערמאָנט די נעגל וועלכע האָבן צעוווּנדיקט

זיינע פּיס. אויפן צונג האָט ער שוין גרייט געהאַט א ביטערע קללה, נאָר ווי פון זיך אַליין האָט זי זיך עפּעס פאַרהאַלטן צווישן די ציין.

נעבן אים איז געזעסן זיין פרוי.

— פרוי? יאָ, פרוי. אזוי האָט ער בפירוש איר איינגעמאָלדן אין לאַגער-ביורא. א בלאַסער שטראַל איז געפאַלן אויף זיין מידן פּנים, ווי עס וואָלט וועלן באַלייכטן די פרישע סיטואַציע, אין וועל־כער ער האָט זיך מיטאַמאָל געפונען:

אין זיין לעבן איז אריין א פרוי.

* * *

דער צוג פון פראכט-וואַגאָנען האָט זיך געוויגט איבער די רעלסן, ווי א גרויסע וויג פאַר די מידע מענטשן-קינדער. ביי די זייטן פון וועג — וועלדער געדיכטע, בלעטערדיקע. די זון איז פאַרשוואונדן צווישן די ביימער אזוי געשווינדט, ווי דער צוג; ווי זי וואָלט זיך ערגעץ ווו געאיילט. דער צעגליטער, בלעכענער דאך האָט אויפגעהערט צו היצן די לופט און עס איז געוואָרן קיל. ישראל האָט אוועקגעלייגט זיינע מידע ביינער אויפן אלטן פּאַלטן, אונטערגעלייגט דעם רוק־זאַק צוקאָפּנס און געדרימלט. אויף איינער א סטאַציע איז אין בין־השמשות צוגעקומען נעבן זיין פּעקל, נאָך א קלומיקל. ישראל האָט קיין אַכט ניט געלייגט דערויף. דאָס הוידען פון צוג האָט אים איינ־געוויגט. עס איז געוואָרן שטיל. בלויז דער מאָנאָטאָנער לויף פון רעדער אויף רעלסן, וואָס שלעפּערט איין.

ישראל האָט דערפילט נעבן זיך אן אָנגענעמע וואַרימקייט, ווי א קאַץ וואָלט זיך צוגעטוליעט צו אים. אָט די קאַץ, די היימישע, וואָס פלעגט אין קאַלטע ווינטער-נעכט אריינקריכן צו אים אין בעט. די קאַץ האָט אים דערמאָנט זיין היים, זיין בעט. א חלום? ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, און דערפילט, אז די וואַרימקייט איז א לע-בעדיקע, פולסירנדע. זי קומט ניט פון דרויסן נאָר פון אינעווייניק אין בעל־חי. די קאַץ — די היימישע קאַץ. נאָר ווי קומט אהער די קאַץ, אז דאָס שטעטל איז ניטאָ מער, און אויך ער איז ניטאָ מער — אָבער די קאַץ איז דאָ. זי איז וואַרים, טוליעט זיך צו אים. ער פילט אפילו איר מרוקענדיקן אָטעם אין זיינע האָר.

— ניין — האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן — ס'איז ניט קיין חלום, איך בין דאָ . . . דאָ . . .

און די ווארימקייט איז דאָ — נאָר די קאץ איז ניטאָ. און מיט־אַמאָל איז ישראלן אלץ קלאָר געוואָרן, פּונקט ווי אין פינסטערן וואגאָן וואָלטן זיך אָנגעצונדן טויזנטער לאָמפּן. פון דער דאָזיקער קלאָרקייט איז א ציטער אדורך זיין קערפּער. ער האָט דערפילט, אז אינעווייניק אין אים נעמט עס זידן, נעמט עס רודערן, אז עפּעס וועט באלד ארויסשפּייען פון אים ווי א ווולקאַן, וועלכן ער האָט יאָרן לאַנג געטראָגן אין זיך און ניט געאָנט. די דאָזיקע יונג־בחורישע קראפט האָט זיך געטאָן א ריס, ווי א פרילינגס-טייך, וועל־כער צערייסט דעם אייז און נעמט אלץ מיט מיט זיך, וואָס עס טרעפט נאָר אָן. דער געדאַנק, אָט דער אינסטרומענט, מיט וועלכן ישראל האָט זיך געגרויסט, אז ער קען דורך אים קאָנטראָלירן זיין קערפּער; אז ער באשטימט די מאָסן, ער האלט דאָס מענטשלעכע אויבן אָן. די אינערלעכע אויסברוכן און דאָס רייסן זיך פון ווולקאַן אין אים, האָט ווי מיט איין דריק אויף א קנעפּל אויסגעלאָשן דעם מוח. עס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א ווערטלאָזער מאַשין, וואָס האָט א רגע פריער וווּנדער באוויזן.

אכטאונצוואנציק דרימלדיקע יאָרן האָבן אומגעוואָרפן די אלע לאָגישע באריערן, וועלכע ישראל האָט אויפגעשטעלט. אברים האָבן זיך פארפּלאָנטערט, זיך אָפּגעטיילט און צוגעפאלן צו זיך. עס האָט געדויערט א רגע, א וווּנדערלעכע רגע צווישן טרוים און וויר־קלעכקייט ווען קערפּערס שליסן זיך צוזאמען און שאפן די הארמאָ־ניע פון גליק.

ווען ישראלס קאָפּ האָט דערפילט דעם האלב־פוסטן רוק-זאק הינטערן קאָפּ, איז ער ווידער געווען אין קאָנטראָל פון זיין געדאנק. אצינד האָט עס געארבעט, ווי פריער. דער געדאנק האָט ארויסגערוקט די השערה, אז אן עוולה איז געשען, נאָר ניט געוווּסט געגנוי: ווער, וועמען עס האָט בעוולט. זיין געוויסן, וועלכן ער האָט יאָרן לאַנג געפּיטערט מיט ביכער, מיט טעאָריעס, מיט ווי אזוי, און ווען, און ביי וועלכע באדינגונגען; און מיט וועלכע רעכטן — אָט די אלע באגריפן האָט דאָס רויִק לעבן געטאָן א קער איבער, ווי די קו — וועלכע לאָזט זיך מעלקן און צום סוף, מיט איין שטויס — קערט זי אויס דאָס שעפל מיטן מילך.

דאָס געוויסן האָט געהאַט איין טענה צו ישראלן: די מאָראַל איז באַעוולט געוואָרן. און דאָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו אין דער נאכט-שטילקייט.

— מאַראַל — האָט ער אין געדאַנק א שמייכל געטאָן — וואָס איז אזוינס, מאַראַל, אַט היינט? יאָרן לאַנג האָבן זי מענטשן גע־פּרייזדיקט. ליגט זי דאָך צעטראָטן אויף אלע וועגן, דורך וועלכע ער איז אדורך. אומעטום האָבן זיינע אויגן זי באַגעגנט: זי איז געווען א באַשפּיגענע, אַט די פּשוטע, מענטשלעכע מאַראַל. צו מוז ער, ישראל, זיין בעסער ווי אלע?

די געדאַנקען האָבן אים אָן אויפהער געמאַטערט, און צוזאַ־מען מיטן לאָקאָמאָטיוו־פייף, נישט געלאָזט איינשלאָפן.

— א מענטש וואָס פאַרמאָגט א נעכטן, א פאַרן מבול — אזא מענטש דאַרף זיין בעסער ווי אלע...

מיט דעם געדאַנק איז ישראל איינגעשלאָפן.

אינדערפרי איז דער וואַגאָן געווען באַגאָסן מיט ליכט, יונגן, זוניקן. עס איז געפאַלן אויף די פּנימער און אויך זיי געמאַכט יינגער. דעמאָלט האָט ער דערזען אַן אָוואַל פּנים מיט ווייכע, שמייכ־לענדיקע אויגן, קורץ געשוירענע האָר און א קינדערישן שפּילעוו־דיקן שמייכל אַרום מויל.

— דאָס איז עס — איז אים קלאָר געוואָרן — אצינד וועט שוין זיין: צוליב וואָס. אז ער וועט בלייבן מיט איר...

* * *

עס האָט א פייף געטאָן. דאָס איז שוין ניט געווען קיין לאָקאָ־מאָטיוו - פייף, וואָרים באַלד האָט זיך די פאַבריק צעזונגען מיט אירע שלייף־מאַשינען, בויערס און זעגן. ישראל האָט זיך א כאַפּ־געטאָן, צעגוייפגעשאַרט אויף שנעל די צייכענונגען, פּאַפּירן און, איידער ער איז פאַרשלונגען געוואָרן אין ראָד פון פּראָדוקציע, האָט ער נאָך באַוויזן א זאָג טאָן:

— שוין צוואַציק יאָר אדורך, טאַקע צוואַנציק?...

אנטוישונג

ביי די פראַמאַנס האָט זיך עס געטאָן אַביסל.

אויבנאויפיק האָט מען דאַכט זיך גאָרניט אָנגעזען. מר. פראַמאַן האָט זיך געטרונקען ווי יעדן אָוונט זיין גלאָז טיי, וואָס האָט זיך דורכגעלויכטן ווי בורשטין און צוגעביסן אַ קיכעלע. זיין פרוי האָט אָנגעדרייט די טעלעוויזיע, נאָר איר באַליבט פּראָגראַם, איבער וועלכער זי האָט אַזוי פיל ארומגעריסן זיך מיטן מאַן און מיט דער טאָכטער און צום סוף טאַקע אויסגעפירט — די פּראָגראַם איז איר מיטאַמאָל געוואָרן לאַנגווייליק. דער שמייכל פון יונגן מאַן אין וועלכן זי איז געווען פאַרקאָכט, איז אַצינד געווען ווי אַ שטיק אייז. האָט זי צוריק אַרונטערגעדרייט ס'קנעפּל און ס'איז געוואָרן שטיל — אַזש מען האָט געהערט מר. פראַמאַנס יעדן זופּעלע טיי, און דאָס קייען פון טרוקענעם קיכל.

— זיך צעכראַמשטשעט אַביסל — האָט זי אַ ברום געטאָן און אַרויס אין צווייטן צימער.

מר. פראַמאַן איז דאָ איבערהויפּט ניט געווען שולדיק — און אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען די שולד זיינע, און דאָס האָט איר געקרענקט. געוואָלט האָט זי, אַז ער זאָל דווקא יאָ שולדיק זיין — עמעצער מוז דאָך טראָגן די שולד, אַניט קען דאָך אַ מענטש פּלאַצן פון דריקן עס אין זיך.

און דאָס גאַנצע געטואַכץ, וואָס אויבנאויף האָט זיך עס ניט אָנגעזען נאָר האָט גענורקעוועט אין דער טיף, און גענעסן לעבע-דיקע שטיקער פון דער מרס. פראַמאַן — איז געווען די זיבעצן-יאָריקע עווא.

אין איינעם אַן אָוונט, אַהיימגעקומען אַ צעשמייכלטע, אפילו פריער ווי מען האָט איר דערוואַרט — טאַקע אין מיטן פון מר. פראַמאַנס גלאָז טיי מיט קיכעלעך, און אַזוי זיך, דרך - אַגבדיק אַ זאָג געטאָן:

— מיר גייען חתונה האָבן...

מר. פראמאן האט אויפגעהויבן די אויגן פון גלאז טיי, דאס קיכעלע איז געבליבן אין האנט — האלבוועגנס, ווי עס וואלט גע־האנגען אין דער לופטן. א סימן: מר. פראמאן האט דערהערט עפעס ביז גאר וויכטיקעס...

די מאמע האט אויף א רגע אוועקגענומען די אויגן פון עקראן, אוןביידע האבן זיך אנגעקוקט ווי זיי וואלטן עפעס געהערט און פארהערט, און געוואלט עס אראפלייענען פון אנדערנס פנים.

— מיר גייען חתונה האבן — האט עווא איבערגעחזרט, און דאס האט שוין ניט איבערגעלאזט קיין שום ספוק.

די מאמע האט ניט געוואלט דעם שידוך. ווען מען פרעגט זי, וואלט זי באשטימט פארזיכערט, אז זי האט גארניט קעגן דעם, אז עווא זאל חתונה האבן — אזוי צוזאגן, אין פרינציפ פון דער זאך גופא. געוווסט האט זי, אז ווי נאר ס'פייגעלע באקומט פליגל, טוט זי זיי א צעשפרייט און פארלאזט די נעסט, ווערדליק דער דרך פון דער וועלט. ווי א באוווסטזיניקער מענטש (מאלט אייך: ריוועטשע פראמאן איז געווען זייער א באוווסטזיניקער מענטש נאך פון די צייטן ווען זי אליין האט געפירט ליבעס) האט זי פארשטאנען, אז דאס איז א געזעץ פון דער נאטור:

— דער מענטש ווען ער ווערט רייף, צייטיק הייסט עס — דעמאלט נעמט די צייטיקייט ריידן ווערטער און דעמאלט טאקע איז די ליבע פון א מאמען ניט גענוג. זי קען ניט אויספילן אלע בלויזן, וועלכע באווייזן זיך אין דער נשמה.

אט נעמט זי אליין: דאכט זיך, זי איז שוין געווען א מאמע. דערצויגן א קינד, געהאט שכל און פונדעסטוועגן נאך אלץ ניט געוואלט צורה לאזן די לעגענדע, וועלכע די גריכן האבן אויסגע־טראכט וועגן ריזן, וואס מען רופט זיי: אנדריגענוס.

„צוערשט — אזוי דערציילט די לעגענדע — האט גאט באַ־שאפן ריזן, וועלכע האבן אין זיך געהאט אי מענלעכע, אי ווייב־לעכע איינגעשאפטן. האבן זיי געבראכט אויף דער וועלט פונקט אזוינע ריזן, ווי זיי אליין — און די דאזיקע ריזן, מיט זייער געוואלדאָווּנעם כוח האבן אנגעהויבן חרוב מאכן די וועלט, וועלכע גאט האט מיט אזוי פיל מי באשאפן. האט זיך גאט דערשראקן פאר זיין אויפטו, דעמאלט האט ער די ריזן פאנאנדערגעטיילט אויף מענער און פרויען און זיי צעשאטן, אויסגעמישט איבער דער וועלט. זינט דאן זוכן זיך די באזונדערע טיילן ארום, און טיילמאל טרעפן זיי זיך — זיי שאפן ווידער א גאנצעס. רופן עס מענטשן אן: ליבע”.

די מעשה איז ריווטשען תמיד געווען צום הארצן, און מידל־ווייז — פילנדיק זיך ניט מער ווי א טייל פון עמעצן, האט זי פרובירט עמעצן צופאסן. נאר יעדעס מאל איז עפעס ניט געווען ווי ס'באדארף צו זיין. ס'האט ניט געפאסט. ערשט אז זי האט אנגעהויבן צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דער געשיכטע — האט זי חתונה געהאט.

אפילו דאן — האט זי אויך ניט געוואלט אויפגעבן דעם גדאנק צו אנטפלעקן דעם סוד פון אייביקער ליבע.

טא וואסזשע האט איר פארט געארט, וואס עווא וויל חתונה האבן? דער געדאנק, אז שוין מיט דעם אליין וואס עווא האט חתונה — ווערט זי א באבע.

די אפגעלעבטע יארן האבן נאך נישט געקארבט איר פנים, ניט איר קערפער. ער האט נאך אלץ געהאט די יוגנטלעכע באלאנסירטקייט וואס שאפט דעם אפטישן רעפלעקס פון שיינקייט. באבע — דאס איז דער צושטאנד וואס דייט אן אויף אלטקייט, דערינערונגען. — לעבן מיט דערינערונגען — אט דעם געדאנק האט זי בשום אופן ניט געוואלט צולאזן.

דער טאטע איז געווען גלייכגילטיק. אים איז הייסט עס געווען — אלץ איינס. אים וואלט ניט געארט, אז עווא זאל זיך נאך א פאר יאר ארומדרייען אין זיין שטוב. אלעמאל, ווען זי צעלאכט זיך מיט א הילכיק, געזונט געלעכטער — דערהערט ער אן אפקלאנג פון זיין יוגנט.

אט אזוי האט איר מאמע אויסגעזען: א יונגע, א פריילעך־צעדצאפלטע — א שטיק קוועקזילבער. חברה האבן די קעפ פארלוירן, ווי נאר זי האט אויף זיי א קוק געטאן — זי האט געקאנט דעם געפיל אויסנוצן פאר זיך: זי זאל האבן אלעמען און קיינעם ניט.

נאכאלעמען — ווען מען איז שוין געווען זיכער, אז ריווטשע איז פארטאן אין שפילעריי און ניט מער, ווי א זומער־פייגעלע — האט זי זיך א שטעל געטאן מיט אים אונטער דער חופה.

פארוואס דווקא מיט אים?

אט דאס האט ער אייגנטלעך געוואלט דערגיין דורך די אלע יארן. צייטנווייז באווייזט זיך אפילו א פלעמל וואס נעמט אויפטויכן און באלייכטן דעם טונקעלן ווינקל אין זיינע געדאנקען. דעם אמת מוז ער זיך אליין זאגן: פון צופיל אריינטראכטן וועט אים קיין געזונט ניט צוקומען, איז דעריבער גוט געווען אט דער צושטאנד פון ניט וויסן...

און אזוי האָט ער טאַקע אָפּגעמאַכט ביי זיך:

דער שידוך איז געווען די אויפלייזונג פון דער אנדריוגענום לעגענדע — זיי האָבן זיך געפונען.

דערוויילן איז עווא פון א רויט־האָריק מיידעלע מיט צעפּעלעך, מיט זומער־שפּרינקלעך ווי קלייען — איבערגעוואַקסן אין א יונגער פרוי; אָט ווי א פאַרמאַכטער, גרינער קנאָספּ טוט זיך נאָך א זומער־רעגן פּלוצלינג א צעעפן און מען דערזעט א צאַרטע בלום, מיט רויט־סאַמעטענע בלעטער ארום א גאָלדן הערצל...

דעמאָלט האָט מר. פראַמאַן דערזען ריוועטשען, ווי זי וואָלט טאַקע אויפסניי געבוירן געוואָרן.

וואָרים אָט איז ריוועטשע:

דער שטאָלצער גאַנג; דער בויגעוודיקער קערפּער ווי יעדער אבר רעדט ממש ווערטער, און א זשמורע מיט די אויגן טוט זי, אזש ס'פאַרכאַפּט ביים האַרצן...

זיין גלייכגילטיקייט צום שידוך האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט אויף קלאָר געוווסט: זיין וואָרט האָט סיי ווי קיין האפּט ניט...

זאָגן אָבער, אז ער האָט ניט געהאַט זיין אייגענעם מיין, וואָלט געווען א פאַרזען. אוודאי האָט ער געהאַפּט:

— עוואס מאַן ווערט זיין א מענטש מיט א דימענטענעם כאַ־ראַקטער — א דימענט, וואָס קען שניידן גלאָז. א האַנט, א שטאָ־לענע וואָס קען א קלעם טאָן מיטן צוים, און ס'צעהיצט פערדל זאָל ווערן סטאַטעטשנע ווי א לעמעשקע... אָט ווי איינער פון די יינגלעך וועלכע לויפן ארום אויפן טעלעוויזיע־עקראַן און צוימען ווילדע־פּרעריע־פערד

מיט באַדויערן האָט מר. פראַמאַן א קוק געטאָן אויף זיינע הענט. זיי זענען געווען ווייך, שמאָל, ווייבלעך...

— אָט אזא מאַן — האָט ער ווייטער געשמועסט מיט זיך אליין — אזא מאַן וואָלט אויסגעטאָן אין לעבן דאָס, צו וואָס דו האָסט ניט געטויגט. איז ניט איך, אָבער ער וואָלט שוין אָפּגענומען פאַר מיר אויך...

און מיט אומעט טוט ער א טראַכט: וויפל מאָל א שטייגער האָב איך געפּרוווט זיך אָננעמען מיט גאַזלעוואַיע און קערן וועלטן? געזידלט זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין: — ביזט א בהמה בצורת

פערד. א גאָרניט שבי גאָרניט. פונקט זעראָ. און אַלץ צוליב ריוועטשעס נענג. געמיינט, אַז דו זעסט זיי ניט. האָבן אַנדערע געהאַט פשוט רחמנות אויף דיר. ביי אַנדערע האָט אַ חוזק־שמייכל געזאָגט:

— פראַמאַן, דאָס ביזסטו טאַקע מיט איר געשטאַנען אונטער דער חופּה?

האָסט געקלאַפּט אין טיש — שייך צו זאָגן — שמשון הגיבור:

— מאָרגן, שוין מאָרגן וועל איך אַ סוף מאַכן — האָדי!

נאָר הלמאַי זאָל איך ליגן זאָגן — צו דעם מאָרגן איז קיינמאָל נישט געקומען.

און מר. פראַמאַן ציט אונטער דעם סך־הכל:

— ביזט אויסגעשטאַנען אירע קאַפּריזן; די טערן — ווי שייך — פאַמיליעס־סצענעס אָן טרערן? — זענען געווען טרערן; נשמה־צאַפּלונגען; שלאָפלאָזע נעכט וואָס האָבן די נערוון דערשיטערט, אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. און די אַנדערע, די פאַרשאָלטענע אַנדערע... פאַרוואָס די פאַרשאָלטענע — יענע האָבן דאָך דאָס ניט מיטגעמאַכט — די גליקלעכע אַנדערע...

דאָס צו זען נאָכאַמאָל ביי זיין אידעם, מיינט אַריינקוקן אין אַ שפּיגל און זען די אייגענע יאָרן צוריקמאַרשירן.

פאַר פראַמאַנען האָט עס באַדייט: רייסן אייגענע ווונדן...

עליע איז ניט געווען דער טיפּ מענטש. אַזוי דווקא, אַ פיינער בחור, אַ שטילער. אַראָפּגעקומען ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין לאַנד און זיך גענומען איינאָרדנען. אַזאַ מין בחור — טראַכט מר. פראַמען — אַט ווי ער אַליין. וואָלט ער געהאַט דעם כוח אַ קלאַפּ צו טאָן אין טיש, אַט ווי אַ טאַטע איז מחויב צו טאָן:

— ס'וועט קיין שידוך ניט זיין!

וואָלט ער זיך ניט געלאָזן בעטן, און טאַקע געוויזן וואָס אַ טאַטע קען — נאָר גיי מאַך... איי וואָלט ער געדאַרפט אַ בחור וואָס זאָל אויסגלייכן אויך זיינע, פראַמאַנס חשבונות. נאָר קריגט ער אַריין אַזאַ מין חתן ווי דער עליע איז — איז אויס מיט זיינע האָפענונגען, אויס מיט אָפּנעמען זיך פאַר די אַלטע יאָרן. פאַרשפּילט דעם לעצטן שאַנס.

— הא ריוועטשע, ווי מיינסטו? אַ ניי־געקומענער, אַפילו ניט קיין אייגענעם שאַפּ...

— אַט דאָס איז עס דאָך — מאַכט ריוועטשע — אדרבה, רעד דו מיט איר. ביזט אַ טאַטע אָדער ניט?

— איך? — פארווונדערט זיך מר. פראמאן — איך? א מאמע קען גיכער געבן צו פארשטיין דער טאכטער, ווען עס גייט אין תכלית...

* * *

די זיבעצן-יאריקע עווא האט אויסגעזען עלטער ווי אירע יארן. איר גאנץ געשטעל איז געווען א שטיק פרילינג, וואס מ'האט פאר־געסן פארזומערן. דעם קאפ קופער־רויטע האר האט זי געטראגן מיטן באוווסטזיין פון א פרוי, וואס ווייס זיך אליין אפצושאצן. בלויז אין איר בליק, אין די בלויע אויגן האט זי געהאט עטוואס קינדי־שעס. די אויגן האט די נאטור געלאזן ניט פארענדיקט; ערב-פרי־ליגנדיק, ווי אויף קאטאוועס. די געשטאלט פון א פרוי, און די אויגן — קינדערשע. הווקא די דאזיקע קינדערשע־נאיוויטעט אין איר בליק, וואס האט זיך ניט געוואלט אפזאגן פון דער פריווילעגיע צו זיין קינדיש — האט איר צוגעגעבן חן.

צום פראבלעם: חתונה, איז זי צוגעגאנגען אן קאמפלעקסן. און באטש אינדערהיים האט מען וויניק צייט אפגעגעבן פאר איר דער־ציאונג, איז זי שוין ווי ניט איז דערגאנגען, וואס ארום איר קומט פאר.

דאס קינד האט אין זיך איינגעזאפט יעדעס ווארט; יעדע באַ־וועגונג, יעדן בליק — א שוואם וואס זאפט אין זיך איין וואסער און בלייבט אויבנאויף אומפארענדערט. אלץ אין איר איז געווען אנגעשפיצט אין איין ריכטונג — צו דערקענען דאס אומפאר־שטענדלעכע. מיטן קינדערשן שכל האט זי געזוכט א פארבינדונג צווישן דער מאמעס נערוועזקייט, דעם טאטנס אומעט. דעם טרויער וואס איז געלעגן אויף זיין גרוי, אנגעכמורעטע פנים, און די פרעמדע, וועלכע באווייזן זיך און פארשווינדן ווי שאטנס. ווייסט אויס, אז קיין גרויסע חכמה איז אין דעם ניט געלעגן, ווארים ביסלעכווייז האט זי געפונען דעם פאדעם צום קנויל. פראסט און פשוט — עווא איז דערגאנגען א טאלק.

זי האט ניט געפילט קיין האס צו דער מאמען, און ניט קיין רחמנות אויפן טאטן. ער האט בלויז אין אירע אויגן פארלארן דעם אנזען פון איינעם, וועלכן מען מוז פאלגן.

ניט מער — זי איז געווען צופרידן מיט זיך אליין, ווייל זי האט געוווסט עפעס אזוינס, פון וואס אירע שול-חברטעס האבן אפילו קיין אנונג ניט.

צו אירע זיבעצן יאָר האָט זי פאַרלאַנגט די פולע באַוואוּנדערונג פון מענער, זי האָט געוואָלט זיין א פרוי — נאָך דער חתונה.

אין עליען האָט זי געזען דעם בחור וואָס קען אירע האָפע-נונגען, פאַרלאַנגען פאַרווירקלעכן. זי האָט זיך צו אים אויף אַזוי פיל צוגעוווינט, אַז עס האָט זיך איר געגומען דוכטן, אַז אָן אים זענען איר די טעג צו לאַנג; ניט אריבערצוטראָגן. שטענדיק זיין מיט אים — דאָס איז אַלץ וואָס זי וויל...

אויפן טאַטנס רייד האָט זי געהאַט אן ענטפער, ניט קיין שאַרפן אָבער א געגנוג קלאָרן:

— וואָס ווייסטו פון ליבע? האָסטו דען אמאָל ריכטיק געליבט? ביי דיר איז אַלץ געלט און געלט — תכלית. און אז עליע איז א נייַגעקומענער, איז וואָס? און אז ער האָט נאָך ניט קיין ביזנעס איז וואָס? וועט ער נאָך האָבן...

חתונה האָבן איז עפּעס העכערס. עפּעס — וואָס דו וועסט שוין קיינמאָל ניט פאַרשטיין.

פון עוואָס ארט ריידן וועגן חתונה־האָבן, האָט די מאַמע פאַר־שטאַנען, אַז זי לייענט איר לעבן ווי פון א בוך ארויס. דער מאַמען האָט זי טאַקע געענטפערט גאַנץ קורץ:

— ערשטנס: וועל איך אויפמאַכן דאָס מויל און נעמען ריידן, און צווייטנס:

— כ'וועל אוועקגיין פון שטוב און דו וועסט מיך מער ניט אָנקוקן...

די מאַמע האָט עוואָס דראָונגען געגומען ערנסט.

* * *

עוואָס אומגעדולד צו זאַמלען לעבנס - דערפאַרונג, וואָס איז נויטיק צו בויען אן אייגענע נעסט; דער פאַרלאַנג מיטאַמאָל אַלץ אריבערצושפרינגען האָט איר דערפירט צו דער עקשנות, וועלכן די עלטערן האָבן זיך ניט געקאָנט אנטקעגנשטעלן.

אויספירן ביי די עלטערן — דאָס איז געווען א ציל פאַר זיך אליין...

* * *

עליע, דער יונגער בחור, וועמענס שאָטן ס'איז געפאַלן אויף דער פאַמיליע פראַמאַן, און אויפגעוועקט אין איר זכרונות פאַר־

מויערטע הינטערן שטויב פון דורות — אים אַליין האָט די גאַנצע מעשה געשמייכלט. אין שוואַן האָט ער געזען אַ שיין מיידל, מיט וועלכער מען קען אַ פאַרבראַכטן אָוונט ניט באַצייכענען ווי אַן אָפּקומעניש. אין איר באַגלייטונג האָט מען זיך אַליין געפילט ייִנגער, שטיפערישער, דרייסטער.

ער האָט זי לייכט אָנגענומען ביים אָרעם און זי האָט אָנגעבויגן איר קופּער־רויטן קאָפּ צו זיין אַקסל, אין מיטן פון דער רוישיקער שטאָט; פון פינקלדיקע נעאָן־ליכט און העל־צעלויכטענע אויסשטעל־פענסטער; צווישן די אייַלנדיקע מענטשן, וועלכע יאָגן אַרויף און אַראָפּ דער גאַס, — זענען זיי געווען אַליין. דער פּולס פון דער גרויסער שטאָט האָט געקלאַפּט נאָרמאַל, נאָר זיי האָבן עס נישט געפילט. זיי זענען געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך, מיט אָפּפילן דעם וואַרימען שטראָם וואָס פליסט דורך זייערע פינגער. זיי האָבן בלויז געפילט זייער פּולס.

איר אָרים האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו זיינעם, און ער האָט דערהערט אַ שטיל פליסטערן:

— ווייסט מיט מיר חתונה האָבן?

דאָס בלוט, וואָס איז פריער אַזוי וואַרם געפלאָסן און מיט אַן אָנגענעם געפיל אַרומגענומען דעם קערפּער, האָט גענומען רוישן האַסטיקער. עס איז געפלאָסן פון מוח צום האַרצן מיט אַן אימפּעט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזן קאָנטראָלירן. ער האָט זיך דערזען אין אַן ענגן ווינקל, פון וועלכן עס איז שווער זיך אַרויסצומאַנעווורירן. אים האָט זיך נישט געגלוסט צעשיידן מיט דער פרייהייט, און ס׳איז אים אויך אַ שאָד געווען צו פאַרלירן שוואַן. זיינע געפילן צו שוואַן ביז היינט — דאָס האָט ער אויף טשעקאַוועס גענומען זיך אַליין אויפן פאַרהער — זענען געווען חברישע, אפשר עטוואָס מער... די באַגעגענישן? אָנגענעמע, אָבער צופעליקע.

די סיטואַציע אין וועלכער ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען איז טאַקע:

— ניט אַראָפּצושלינגען, און ניט אויסצושפּייען...

תמיד, ווען ער האָט געקלערט וועגן מאַכן אַן ערנסטן שריט אין לעבן, האָט ער געהאַט וועגן דעם טעאָריעס. באַטראַכטונגען, אָן פּראַקטישע אויספירן. אָט טראַכט אַ מענטש.

— טאָ וואָס שאַדט עס? ס׳איז גוט אַ מאָל צו טראַכטן אויך...

צו מאַכן אָט דעם שריט האָט אים געפעלט צוויי זאַכן: דער ווילן דערצו, און אויך אַ מיידל, וועגן וועלכער ער זאָל זאָגן:

— מען דארף ברעכן טעלער...

עווא האָט דערפילט, אַז אין עליען קומט עפּעס פּאָר. דער אינסטינקט פון אַ פרוי האָט ארויסגעפילט, אַז ס'איז אים ניט לייכט צו באַשליסן. אַז אין אים האַנגלט זיך דער יאָ מיטן ניין, און ער אליין דארף עס זיין דער ריכטער און פּסקנען. זי האָט זיך אָנגע-שטויסן, אַז אָן איר מיטהילף, וועט אים אויספעלן ווילנסקראַפט זיך צו אַנטשיידן. זי האָט זיך אויסגעדרייט, ארומגענומען עליעס קאָפּ און זיך איינגעזויגן אין זיינע ליפּן. די רונדיקע פאָרמען פון אירע ברוסטן האָבן זיך אָפּגעפּרעסט אויף אים, און ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

דאָס ביסל לופט וואָס איז עליען געבליבן אין די לונגען, האָט בלויז געקלעקט אויף ארויסצוזאָגן די פּאָר זילבן:

— יאָ, כ'על...

* * *

דער עלעקטרישער וואַנט-זייגער האָט געוויזן נאָך צען. עליע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, אויפן טיש געשניטענע סחורות, וועלכע וועלן מאָרגן ארויס אויפן קאָנווייער, און אויסגעלאָשן דעם מאָטאָר פון דער שנייד-מאַשין. אין פאַבריק-זאַל, איינגעהילט אין שאָטנס איז געוואָרן שטיל. אויסער עליען, איז שוין דאָ קיינער ניט געווען. מיט זיין פאַכמענעריש אויג האָט ער באַרעכנט דעם פאַרדינסט פאַר די צוועלף שעה. ער איז צופרידן, וואָס ער פאַרדינט גענוג, כדי זייער היים אויסצושטאַטן און מאַכן אָנגענעמער, באַקוועם.

ער האָט אָנגעטאָן די מאַרינאַרקע, פאַרוויכערט און אויסגע-לאָשן דאָס ליכט. די מידקייט פון טאָג ארבעט האָט זיך געלייגט אויף זיינע פּלייצעס, אויף די מוסקולן פון די הענט און די פיס — ווי גומענע, זענען וויך געוואָרן, און קוים אויפגעהאַלטן דעם קערפּער. דער געדאַנק אָבער, אַז ער גייט אַהיים, צו זיך אַהיים, ווו מען דערוואַרט אים — האָט אָנגעגאָסן ענערגיע אין די גלידער.

עליע האָט אויפגעמאַכט די טיר פון זיין וווינונג. עס איז געווען שטיל.

— צו שטיל — האָט עליע אַ זאָג געטאָן צו זיך מיט פאַר-וווּנדערונג — אַז אַ לעבעדיקער מענטש זאָל זיך דאָ געפינען...

דאָס בריוול אויפן טיש האָט דערקלערט די שטילקייט:

„אוועק אין קינאָ. וואַרים דיר אויף דאָס מיטאָג".

ס'ערשטע מאָל האָט ער די פויסטן געביילט פון כעס, פון אומ-באַהאָלפענעם, נאַטירלעך. עס האָט זיך אים געוואָלט שרייען. עפּעס איבערהדרייען, צעמורשטשן. ער האָט געזוכט צו וואָס אויסלאָזן זיין פּאַרדרוס און ניט געפונען. אין דער שטילקייט פון דער וווינונג האָט ער נאָר געהערט זיינע טריט. אים איז איינגעפאַלן, אַז מיט זיך אַליין קען מען זיך אויך אויסטענהן:

— פיין יינגל, פיין. האָסט זיך אַרויפגעאַרבעט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. פאַר וועמען אַרבעטסטו, אויב ניט פאַר א היים? איז עס דען ניט איר היים אויך? נאָר צוריקגעשמועסט: בחורוויז האָסטו מער אַרומגעפּאַדיעט אַרום איר...

און ווייל מען געוווינט זיך צו אַלץ צו, האָט זיך עליע אויך צוגעוווינט. נאָר יעדעס מאָל ווען ער האָט איבערגעליינט דאָס בריוול, האָט ער דערפילט ווי עפּעס רייסט זיך פון אים אָפּ און ס'נעמט פאַלן טיף... טיף... אַן א ווילן צום עסן, איז ער געשטאַנען ביים קיך און אַנגעוואַרימט דאָס מיטאָג. אָן זיין ווילן, איז אים באַפאַלן דער הילפלאָזער כעס און א מאָדנע פוסטקייט האָט זיך געשאַפן אין זיין מוח.

בלויז איין געדאַנק האָט אים געעקבערט:

— איז עס צופעליק, אָדער האָט זי זיך מיט עמעצן אָפּגערעדט?

ער האָט שנעל דורכגעוואָרפן אין געדאַנק זייערע באַקאַנטע, נאָר אויף קיין איינעם פון זיי איז קיין חשד ניט געפאַלן. די דאָזיקע אומזיכערקייט האָט אים אי געפּריט, אי באַאומרואיקט.

— מיין שיף גייט סיי ווי אונטער, — און ווער קען דערצו העלפן, א גורל זאַך...

ער האָט פאַרלוירן דעם געשמאַק אין עסן. דווקא א גוטן קיי האָט ער ליב געהאַט. א שאַרפס, עס זאָל א ברי טאָן אין די געדערים. מ'זאָל דערפילן א טעם. פון געוווינטשאַפט האָט ער געגעסן. געטאָן די אַרבעט, ווי א מאַשין וועלכער מען שטעלט אָן. ווען דער שטראָם ווערט איבערגעריסן, בלייבט די מאַשין שטיין. אַזוי איז געווען עליע. ער האָט געאַרבעט לויטן פייף פון זייגער, געגעסן לויטן פייף, און אַהיימגעגאַנגען, ווייל דער טאָג אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט.

פון נעפּל האָט זיך ביי אים גענומען אויספיקן א געדאַנק. צור-ערשט א ניט זיכערס. עפּעס אַזוי ווייט איז עס געווען, און אַזוי פרעמד. נאָר וואָס מער ער האָט זיך אין אים אַריינגעטראַכט, אַלץ גלייכער איז דער געדאַנק אים פאָרגעקומען. און אַז ער איז שוין ביי זיך געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס וואָס ער האָט פאַרטראַכט

איז דאָס סאַמע גלייכסטע, האָט ער זיך פאַרגונען אַ רעדט טאָן אויפן קול.

— אַ קינד. דאָס וואָלט געווען אַן אויסוועג. צוזאַמען מיט פליכטן פון אַ מאַמע, וועט אויך אויפקומען די זאָרג פאַר דער היים...

אַנטציקט מיט זיין אייגענעם איינפאַל, האָט ער עס פאָרגעלייגט עוואַן.

— וואָס? אַ קינד? איז עווא ארויס פון די כלים — ווילסט מיר פאַרשפאַרן אין שטוב איך זאָל זיין אַ שקלאַף ביים וויגל, איך? איך בין נאָך אליין אַ קינד — האָט זי זיך גענומען פיעטשען. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס קען דאָ עליע אָנהויבן נאָכטראַכטן וועגן איר, און דעריבער האָט זי זיך גענומען חנדלען:

— לאָמיר נאָך צוּוואַרטן אַ יאָר...

* * *

דאָס לעבן האָט זיך אויף עליען געלייגט שווער. מיטאַמאָל איז ער אַלט געוואָרן, ווי ער וואָלט שוין יאָרן לאַנג געשלעפּט דעם יאָך. די שטיפערייען, וועלכע זענען נאָך נעכטן געווען אַ טייל פון זיין לעבן, און האָבן אויך עוואַן מיטגעריסן — דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען, ווייט — פאַרגאַנגענע צייטן. ערגעץ ווו האָט זיך נאָך געוויקלט אין שלייערס דער בחורישער, זאָרגלאָזער לעבן און ער האָט ניט געוווסט: בענקט ער נאָך אים, אָדער ניט?

זיין איינציק פאַרלאַנג פון לעבן איז געווען: אַ ביסעלע וואַרעמקייט, אַ פריינדלעך וואָרט, רו.

נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט אים געטאַטשעט דער וואָרעם: דאָס ניט וויסן:

— וועט עווא זיין אינדערהיים, אָדער בלויז אַ צעטעלע?

געדוכט האָט זיך אים, אַז עווא איז פאַר אים אַזוי פאַרשטעטערלעך, ווי אַלע אירע געדאַנקען און געפילן, אַלע אירע קאַפּריזן וואָלטן געלעגן אויף זיין האַנט-פלאַך. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך די האַנט איבערגעדרייט, און אָנשטאָט דער קלאָרקייט איז געווען אַ מילך-ווייסער נעפּל פון וועלכן ער האָט נאָר געקענט ארויסזען איין געשטאַלט — עווא. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עווא איז אריינגעוואַקסן אין אים, און זי איז געווען די טרייב-קראַפט, די ענערגיע — דער קערן פון וועלכן עס האָט געשטראַמט די פרייד —

אצינד איז עס אויך געווען דער קערן פון ניט קלאָרקייט, אומזיכער ווי אַ קינד וואָס הויבט ערשט אָן צו גיין — דאָס איז געווען עליע.

אין שטוב איז געווען שטיל. נאָר די שטילקייט, צו וועלכער ער איז שוין געוווינט געווען, האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין געמיט:

— זי איז ווידער ניטאָ...

אין דער פינצטער, האָט ער אָנגעטאַפּט אַ פּאָטעל, און זיך אַנידערגעזעצט.

אים האָט זיך געגלוסט וויינען — ווי אַ קינד וואָס האָט פּלוצלינג זיך אַרומגעזען, אַז עס האָט פאַרלוירן זיין מאַמען אין המון. נאָר די טרערן זענען נישט געקומען. אַלץ אין אים איז פאַרשטיינערט געווען. אפילו די ליפּן האָבן ניט געפילט דער ברי פון דערהרויכערטן פּאַפּיראָס.

עליע האָט צענויפגענומען דאָס ביסל ווילן אין זיך, כדי אויפצוהרייען דאָס ליכט. דאָס צעטעלע איז געלעגן אויפן געוויינטלעכן אָרט. נאָר עפּעס איז ער דאָס מאָל געווען גרעסער און די שריפט, אין אייליק אָנגעוואָרפענע, אַ נערוועזע האָט מער ניט אָנגעוויזן ווי אזוי אָנצווואַרימען דעם מיטאָג.

דאָס איז געווען דער אורטייל, פאַר וועלכן ער האָט זיך געשראָקן. דער סוף... ביים פאַרמשפּטן, וועלכער דערלעבט זיינע לעצטע שעהן אין טויטן־קאַמער טליעט תמיד אַ פונק פון האָפענונג. זיין באוווסטזיין וויל ניט מסכים זיין, אַז קיין רעטונג איז ניטאָ. עפּעס וועט זיך ענדערן. עס מוז! נאָר ווען ער דערהערט ווי מען לייענט דעם ענטגילטיקן אורטייל, דאַן דערשפּירט ער מיטן גאַנצן קערפּער, מיט די בלוטן און געהירן — דעם סוף. דאָס אייגענע איז געשען מיט עליען. דאָס בלוט האָט זיך ממש אָפּגעשטעלט. אונטער די האָרוואָרצלען איז אַ פּראָסט אַדורך. דאָס האַרץ האָט גענומען זעצן ווי מיט האַמערס. אין האַנט האָט נאָך אַלץ געציטערט דאָס בריוול. די אויגן האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן דערפון.

„די אַנטפּלעקונג פון כּוח וועלכן איך האָב מיט נייגער דערוואַרט — די אַנטפּלעקונג האָט אַנטוישט".

ער האָט מער ניט געקענט לייענען. די ווערטער זענען זיך צעשוווּמען. דאָס בריוול אין האַנט האָט נאָך אַלץ געציטערט, ווי אַ פאַרווונדעטער פויגל. ער האָט זיך געקלאַמערט אין עס, ווי אין אַ דינגעם פאָדעם וואָס פאַרבינדט זיי נאָך.

א מעשה מיט א מיידל...

דער קרייז־וועג אנטקעגן פלינדערס־סטיישן האט מיטאמאל א בלענד געטאן מיטן גרינעם ליכט: גיי!

איינגעטלעך האט סעם, איינגעפרעסט אין דער מענטשן־מאסע, זיך שוין פריער געגרייט מיט אלע חושים א שפרונג צו טאן איבערן קרייז־וועג, ווי נאר דער צייכן וועט זיך באווייזן. זיין ציל איז געווען: אדורכשפרינגען די טרעפן פון דער סטאציע, א מיש טאן זיך מיט דער מענטשן־לאווע און אט — אויף דער עלפטער פלאטפארם צו כאפן די באן.

כאפן די באן — דאס איז ניט געווען פאר סעמען קיין ספארט — א געיעג, אט ווי די דרעסירטע הינט וועלכע יאגן זיך נאכן עלעקטרישן האז — כאפן די באן האט געמיינט: אנקומען אהיים מיט פינף מינוט פריער.

אין א רואיקער רגע האט סעם געפרווט זיך אליין פרעגן: וואס אייגנטלעך טוסטו אויף מיט די דאזיקע פינף מינוט? און קיינמאל האט ער זיך ניט געקענט געבן דעם באפרידיקנדן ענטפער, וואס זאל באַרעכטיקן דאס לויפן, שטופן זיך צווישן מענטשן; אויסמיידן און איבעריאגן.

די פארענטפערונג, אז: דאס טוט ער כדי צו האבן א זיץ־פלאץ אין צוג, איז אים אליין אויסגעקומען צום סוף קאמיש:

— צען שעה א טאג שטייסטו אויף די פיס און נאך אן אכט־צען מינוט זענען שוין צופיל?

— אוים. — אזוי האט סעם באשלאסן. מער לויף איך ניט. נאך דעם צוג גייט א צווייטער. אווו ברענט?!

נאר אז ער איז אזוי, ארום נאך פינף אנגעקומען אויפן קרייז־וועג אנטקעגן פלינדערס־סטיישן, האט אים די מאסע אנגעשטעקט מיט איר אימפעט. ווי די קאמפאס־נאדל נעמט וויברירן, ווען זי דערשפירט אן עלעקטרישן פאליוס — אזוי האט דער דראנג פון דער מאסע א באוועג געטאן סעמען.

מעכאַניש האָט ער אַריינגעשטעקט די פּענעם דעם צייטונגס־פאַרקויפער, אַ צענויפגעוויקלט די צייטונג, און ווי תמיד זיך באַמיט צו כאַפּן די באַן וואָס גייט 5.17.

אַז ער איז שוין געזעסן באַקוועם ביים פענצטער, די צייטונג פאַרנאַנדערגעוויקלט, האָט סעם זיך דערפילט ווי אַ זיגער, אַ דע־ראָבערער.

נאָר באַלד איז אים אויסגעקומען, אַז אייגנטלעך האָט ער דאָ — מיט זיין אויטאָ, אַליין גאָר ניט אויפגעטאָן. דאָס האָט אים אַזוי געטראָגן דער כוח פון דער מאַסע. דאָס האָט זי אין אים אויפ־געוועקט דאָס געפיל פון רייסן זיך פאָרויס. דער מענטש און די מאַסע: ווי דער טראָפּן וואָס צעשפּאַלט דעם פעלדז דורך זיין נאָכאַנאַנדיקן פאַלן אויפן זעלבן אָרט — אַזוי האָט דער דאָזיקער געדאַנק גענומען עקבערן סעמען טאַקע דעמאָלט, ווען ער האָט גע־קוקט אויף זיך ווי אַ דעראָבערער. האָט מאַסע אַ ווילן, אַן אויס־דויעריקן; אַ ווילן וואָס קען בויען אָדער אַ שטרעבונג צו דערגרייכן אַ ציל אויף אַ קורצער שטרעקע? די מאַסע האָט אַ ציל: שנעלער ארויס פון דער שטאָט און זיך פאַרנאַנדערשיטן איבער טויזנטער הייזער; ווערן איינצלנע, באַקומען אַן אייגן פּנים; פאַרנעמען אַן אָרט אין דער היים. אויסגעמישט מיט אַנדערע איז דער מענטש פּנימלאָז. פּיס, וועלכע לויפן ווען דאָס גרינע ליכט באַפעלט: גיי! זיי בלייבן שטיין, ווען דאָס רויטע ליכט בליצט אויף: שטיי!

דער פּנימלאָזער מענטש וועלכער גיסט זיך צוזאַמען אין אַ מאַסע, באַשטימט ניט זיינע האַנדלונגען מיטן אייגענעם ווילן. אָט האָט עמעצער פאַרלייגט אַ קייטל איבערן דורכגאַנג, אויפגעהאָנגען אַ ברעטל: געשלאָסן! און שוין שפּאַרט זיך דער מענטש צום אַנ־דערן דורכגאַנג. כאָטש די מאַסע האָט זיך אַליין ניט ליב, ווייל זיך וואָס שנעלער צעשטויבן אויף קליינע טיילעכלעך; ווייל האָבן דאָס געפיל פון צוגעהערן, הערשן, זיין עמעצער — מוז זיך עס צווישן די שטאָטישע שטיינער-בלאָקן צענויפגיסן, און דער דאָזיקער צע־נויפגוס גיט אים אימפּעט, רייסט מיט אַפילו די וואָס ווילן תמיד בלייבן: איך און גייען זייער אייגענעם וועג.

מיט אַזוינע געדאַנקען קומט סעם אָן אַהיים פּונקט צו דער מינוט. ער מאַכט אויף די טיר און נעמט גיין פון צימער צו צימער. דאַן ווערט אים קלאָר, אַז דאָס גאַנצע איילעניש איז ניט מער ווי עפּעס אַן אָנגעשטעלטע זאַך; אַז ער האָט עס איבערהויפּט ניט

נויטיק געהאט. ער האט געקאנט אהיימקומען פונקט א האלבע שעה שפעטער, און ער וואלט גארניט פארזאמט.

* * *

סעם האט איבערגעריסן די רוטין. דאס איז געשען צופעליק. עס איז געווען היים, דערשטיקט צו ווערן. די אנגעגליטע הייזער, ווי באק-אויוונס, האבן צוריקגעגעבן די אנגעזאמלטע היץ. דער רויך פון פארברענטן בענזין, וועלכן די אויטאס האבן געלאזן נאך זיך, זענען געבליבן ליגן ביים טראטואר און ס'האט געאיבלט, ביז ניט גוט ווערן. דאס שווייסיקע העמדל האט געקלעפט צום לייב און אין האלדז איז געווען טרוקן. אפילו אויסצושפייען איז ניט געווען מיט וואס.

די פיס, פון געוווינטשאפט — זיי קענען שוין דעם וועג פון אויסנווייניק, האבן געטראגן סעמען אין דער ריכטונג פון באן־הויף. נאר עפעס איז די מידע מאסע לויז געווארן, שלאבערדיק, אן אימפעט. האט דעריבער דער מעכאניזם וועלכער רעגולירט דעם מענטשנס טואונגען, גענומען אויסשיילן אן אייגענעם ווילן, ווי פון נעפל ארויס.

— א גלאז קאלט ביר...

די פיס האבן זיך מיטאמאל גענומען באוועגן לאנגזאמער. די אויגן — תמיד אנגעשטעלט אויף איין ליניע צווישן רויט און גרין — האבן גענומען זוכן אן אפענע טיר.

סעם איז אריין אין „פאב", זיך געהייסן אנגיסן א גלאז פון דעם ברוינעם, שוימיקן און קאלטן געטראנק, און גענומען עס זופן מיט איין אטעם.

דורך דער שוימיקער גלאז האט ער איר דערזען.

ער האט איבערגעריסן אין מיטן טרינקען און זי אנגעקוקט. זי איז געשטאנען א שעמעוודיקע, א יוגנטלעך־פאררויטלטע, די אויגן אראפגעלאזט.

צו קענען לענגער קוקן אויפן מיידל, האט סעם באשטעלט נאך א ביר. עפעס האט ער אין איר דערזען און מער ניט געקאנט אפ־רייסן דעם בליק.

די גלייכגילטיקייט צום מיידל פון זיינע מיטטרינקער האט אים געוווּנדערט. אפילו א קליין ביסעלע פארדרוס ארויסגערופן:

— אַט שטייען זיי אין קרענצלעך צו דריי, צו פיר; רויכערן, פּאַלן אַריין איינעם דעם צווייטן אין די רייד, און באַמערקן איר אַפילו ניט.

ערשט ווען דאָס גלעקל האָט גענומען קלינגען, און דער באַר-מאַן האָט אויסגערופן: ס'איז צייט, מיינע הערן! ערשט דעמאָלט האָט זיך סעם געכאַפּט אַז ער איז אַ קנאַפּע שעה אָפּגעשטאַנען דאָ אַ...

צומאָרגנס איז ער ווידער אַהערגעקומען. דאָס מיידל איז געווען אויפן זעלבן אָרט, נאָר היינט האָט זי אויסגעזען אַביסל אַנדערש. דער אַנטבלויזטער האַלדז איז געווען ווייסער, אויסגעצויגענער. די האָר פּאַרקאַמט אַרויף און צוזאַמענגענומען מיט אַ ביינערנע האָר-נאָדל. דעריבער איז דער האַלדז נאָך לענגער געוואָרן, נאָך ווייסער.

סעמען האָט עס געצויגן צוצוגיין נענטער, כאָטש אַ גלעט טאָן דעם האַלדז.

אויף דער צווייטער וואָך האָט זיך אים גענומען דוכטן, אַז דאָס מיידל, דאָ אין באַר ווו אַלע טרינקען, זעט קיינעם ניט, נאָר אים — סעמען. זי קוקט אויף אים. דוכט זיך, דער קאָפּ איז שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזן און דאָך האָט זי די אויגן אויף אים. זיי שמייכלען מיט אַ פאַרבאָרגנטער פרייד, פון וועלכער עס ווערט אַזוי וואַרים...

ער האָט פּרובירט צוגיין נענטער, נאָר ווי תמיד איז דער באַר אין דער נאָך אַרבעטס־שעה געווען פול מיט מענטשן וועלכע טרינקען, ריידן וועגן פוטבאָל און פערד-געיעגן; וויקלען ציגאַרעטן, איינרייבנדיק פריער דעם טאַבאַק אין האַנטפלאַך און באַנעצן זיי מיט פייכטע ליפּן.

די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די שמאָלע פענצטערלעך ביים סופית. אין בינטל שטראַלן האָט דאָס מיידל גענומען אויסזען, ווי זי וואָלט פאַרגעסן זיך אָנצוטאָן. שטייט זי אַזוי, די רונדע ברוסטן ראָזלעך צעוואָרעמט אין דער זון, איר אויסגעבויגענע טאַליע מאַכט דעם איינדרוק ווי זי זוכט עפּעס דאָ אויף אַ שטול. און דער שמייכל, אָט דער וואַרימער, אומעטיקער, שעמעוודיקער שמייכל וואָס שפּינט זיך אַרום סעמס נשמה — אַזש ער כאַפּט זיך ביים ברוסט־קאַסטן ווי ער וואָלט עס דערפילט פון אינעווייניק. ער האָט געפילט אַז אָט־אָט שטרעקט זי אויס איר האַנט, נעמט אָן זיין האַרץ מיט איר

ווייכער, ווארימער דין-געשניצטער מיידל-האנט און נעמט עס צערטלען ווי מען צערטל א יונג שניי־ווייס, פוכיק קעצעלע, און מען פילט דערביי ווי ס׳הערצל קלאפט שנעל: טיק-טאק... טיק-טאק...

אונטערן העמד האט ער דערשפירט אז דאס הארץ-קלאפעניש. נאר אפגעקלונגען האט עס ווי האמערס וואלטן אנגעשלאגן אן א קאוואדלע. ער האט זיך ארומגעקוקט. אים האט זיך געדוכט, אז די אלע וואס שטייען ארום מוזן אוודאי אט דאס קלאפן הערן און זיי באקוקן אים מיט נייגער. אבער קיינער האט קיין אכט ניט געלייגט אויף סעמען, און אויך ניט אויפן מיידל.

סעמען איז ענג געווארן. ער האט געוואלט א כאפ טאן דאס מיידל מיט ביידע הענט און ארויסלויפן אין דרויסן. אים האט זיך געוואלט אויסשרייען:

— זעט, בלינדע, וואס איר זענט — אט די שיינקייט וואס בלענדט! זי שטייט דא פאר אייערע אויגן און איר זעט עס ניט...

מיט איין שלוק האט ער אויסגעטרונקען דאס קאלטע, שוימיקע ביר און איז אוועק — אפמאכנדיק ביי זיך מער דא דעם שוועל ניט איבערצוטרעטן.

* * *

זי האט אים געגלעט דעם צעהיצטן שטערן, צו וועלכן פייכטע, שווייסיקע קודלעס האר האבן זיך געקלעפט. זי איז אצינד געווען כמעט נאקעט. בלויז א פאר שיך און זאקן ארויפגעצויגן ביז די קני. איר שמייכל איז געווען דער זעלבער ווי דעם ערשטן טאג, ווען זי האט אים אנגעהאנגען אויף זיין נשמה. ער האט געשטרעקט זיינע הענט צו איר קערפער נאר מורא געהאט עס אנצורירן, טאמער צעשווימט ער זיך ווי א נעפל. ער האט ניט געקענט צוימען דעם דראנג און פון זיך אליין האבן זיך די הענט א צי געטאן צום מיידל. אט האבן די שפיצן פינגער זי דערגרייכט. נאר עפעס א הארטע וואנט, א דורכזיכטיקע אזא שטייט צווישן מיידל און זיינע פינגער. דוכט זיך — ער רירט איר אן, נאר די קאלטקייט פון דער וואנט שפירט ער אין די פינגער.

א גלאז — א גלעזערנע וואנט — ווערט מיטאמאל סעמען קלאר. צווישן אים און דעם מיידל האט עמעצער אוועקגעשטעלט א גלעזערנע וואנט, ער זאל קענען זי אנרירן מיט די אויגן, אבער ניט מער...

א פאַרצווייפלטער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון סעמען. דאָס איז געווען אַ פיינלעכער, פאַרשטיקטער געשריי פון קלעטערער וואָס האָט שוין אָט־אָט דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג פון זיין טרוים, נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן און איז אַרונטערגעפאַלן אין אַ תהום.

דער אייגענער געשריי האָט אים אויפגעוועקט. אַרום איז געווען פינצטער, שטיל — נאַכט.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ ניט אויסגעשלאָפענער; אַ בייזער מיט רויטע פאַרנעפּלטע אויגן. אין אים האָט נאָך אַלץ געצאַפּלט דאָס געפיל פון אַנטוישונג, פון דעם וואָס איז געווען אַזוי נאָענט און דאָך האָט ער עס ניט געקענט דערגרייכן . . .

✶ ✶ ✶

דער רויטער דזשעק, וועמען זיינע פאַבריקס־חברים האָבן גע־רופן „בלו״ — צוליב זיין רויטקייט טאָקע, האָט באַלד באַמערקט, אַז סעם זעט אויס מאָדנע אַנדערש; אַז זיין מאַשין אַרבעט ניט ווי געהעריק; אַז זיין בליק קוקט אויף דער צייכענונג, נאָר ער זעט זי ניט.

מאַנטיק פרי וואָלט עס ביי דזשעקן אויסגעקומען נאַטירלעך. אַ סך מאָל פילט ער זיך אַליין אַזוי. פּאַסירט, אַז מען טרינקט אַביסל צופיל ביר אויס אין אַ זונטיק . . .

ס׳איז אָבער געווען אין מיטן דער וואָך, און דעריבער איז דזשעק צוגעשטאַנען צו סעמען:

— עפּעס דריקט דיר אויפן לעבער, יינגל — שפּיי עס אויס, וועט דיר לייכטער ווערן. פּאַק אַריין אַ פינגער אין האַלדז אַריין — ווייזט ער אים — טיפער, טיפער און אָט באַלד וועט דיר לייכ־טער ווערן . . .

סעם האָט קיין פינגער אין האַלדז ניט געדאַרפט אַריינשטעקן. אָבער צוריקהאַלטן וואָס עס האָט זיך אים צוזאַמענגענומען אויפן לעבער, האָט ער אויך ניט געקענט. קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער. ס׳האָט אים פאַרפעלט לופט. ענדלעך האָט די מעשה גענומען אַרויס־קומען מיט אַ סדר.

דזשעק האָט עס געמאַכט לייכטער פאַר סעמען. ער האָט גלייכ־גילטיק איינגעריבן דעם געלן טאַבאַק אין דער האַנט־פלאַך, אויס־געשפּרייט די טאַבאַק־ פעדעם אין פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, עס מיטאַמאָל

קונציק א פארדריי געגעבן און צוהאלטנדיק עס מיט צווי פינגער
— האט ער אפגעלעקט דעם ברעג.

סעם האט פארענדיקט די מעשה מיטן מיידל. עפעס א לייכט-קייט האט ער דערפילט, און דאך האט עס אים באנג געטאן, ווי ער וואלט זיך מיט עפעס צעשיידט. ער האט זיך אפילו אביסעלע פארשעמט פאר צעלאזן די צונג, נאר ס׳איז שוין געווען צו שפעט. דזשעק האט פארויכערט. מיט אן ערנסטער מינע, ווי איינער וואס גייט דא זאגן ווער וויים וואס פארא וויכטיקע זאך — און דעריבער מוז ער ארום זיך האבן אן עולם, האט ער צוגעוואונקען מיטן האנט און שוין זענען ארום דזשעקן און סעמען געשטאנען נאך א פאר אלטע באקאנטע. דזשעק האט טיף אריינגעצויגן דעם רויך און מיטן טאן פון איינעם וואס וויים אויף זיכער, האט ער א זאג געטאן:

— סעם איז פארליבט...

— גוד או יו — האבן חברה געקלאפט סעמען אין פלייצע.

— אבער דאס איז נאך ניט אלץ — האט דזשעק א מאך געטאן — סעם האט זיך פארליבט אין „קלעאן", אט דאס בילד פון נאקעטן מיידל, וועלכן מען האט געפונען אויף א בוידעם ביים צע-ווארפן אן אלט הויז, פון די ערשטע ציגל-הייזער אין מעלבורן. אצינד הענגט דער פארטרעט, אין זיין נאטירלעכער גרוים אין ביר-סאלון פון „יונג און דזשעקסאן"...

— אפשר הונדערט מאל שוין געטרונקען דארטן ביר, און דעם פארטרעט ניט באמערקט — האט זיך געוואונדערט דזשימי — דאס איז קאמיש. ווער קוקט אויף די ווענט אין א „פאב"? דער עיקר דארף מען קוקן דער בארמאן זאל אנגיסן א פולע גלאז, אן דעם ווייסן שוימיקן „קאלנער"...

חברה האט זיך צעשמייכלט און יעדער איז אוועק צו זיין מאשין...

געטריישאפט

ער האָט געהאַט אַלץ, ווי ס'באַדאַרף צו זיין:

א היים, א טאַטן און א מאַמען. און אז א יידיש יינגל טראָגט דעם יאָך פון אַט די אַלע זאַכן, איז ער מחויב צו גיין אין חדר אריין, און לערנען א שייטל עברי.

איז חיים געגאַנגען אין חדר, נאָר די עברי האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צו אים. ער און דער חדר זענען געווען צוויי וועלטן, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד געפירט מלחמה.

אייגנטלעך איז חיים ניט געווען דער, וואָס האָט די מלחמה געוואָלט. נאָר אַז דער חדר האָט זיך אויף ס'כוח געריסן אין חיימס וועלט אריין, און זי געוואָלט איינגעמען — האָט ער זיך ניט געלאָזן. ער אליין וואָלט שוין אפשר נאָכגעגעבן, נאָר אינעווייניק אין אים, האָט עס זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

און דעם אמת געזאָגט: עס איז געווען מיט וואָס זיך אַנטקעגנ־צושטעלן. זיינע הענט — ברייטע, אָדערדיקע, קרעפּטיקע. יעדער פינגער איז געווען ווי דער שטאָלענער פינגער פון א היי־גאָפּל; און אלע צוזאמען האָבן זיי געקענט געבן א קלעם זיך איין אין א זאַך, איז עס געווען ניט אָפּצורייסן. געאָטעמט האָט ער טיף, ברוסטיק מיט פולע לונגען ווי שמידישע בלאָז־זעק, און געקייט מיט ווייסע פערלמוטערנע ציין. ניט געקייט, נאָר געריבן, ווי די שטיינער פון א מיל צעריבן קערנער. און אחוץ אַלעמען — האָט אים גע־צויגן דער דרויסן. אָט דער וואַלדיקער, וואָס שמעקט מיט פעך פון סאָסנעס; די קאָניטשינע־פעלדער — מיט פרישן סיענאָקאָס. דער חדר איז געווען פאַר אים ווי א טוכלער קעלער, וווּ מען מוז אראָפּ־בייגן דעם קאָפּ. און נאָכאַלעמען האָט דער מלמד אליין געהאַלטן אַז איידער חיים זאָל צעגעמען ס'שטיבל קראָקווע ביי קראָקווע, איז גלייכער אַרויסלאָזן אים דורך דער טיר.

חיים האָט אויך פאַרמאָגט זיין אייגנס א הונט, וועלכן ער האָט געבאָוועט, ווי ער וואָלט געבאָוועט זיך אליין...

דער דאָזיקער הונט איז געקומען צו אים מיטן סאַמע גלייכסטן (הגם אומפאַרשטענדלעכסטן) וועג: זיין אייגענער טאַטע האָט עס אים געבראַכט.

חיים איז דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי א יאָר צען, אפשר עלף. עמיצער האָט זיך דען געגעבן די מי אָפּצוהיטן דעם חשבון?

חיימס טאַטע, דוד־מאיר איז געווען א דאָרפס־פּאָרער. זומער — אין וואָגן און ווינטער אין שליטן איז ער ארומגעפאָרן איבער די דערפער און געהאַנדלט. קיין גרויסע מסחרים האָט ער ניט געפירט. וואָרים זיינע הויפּט־קונים זענען געווען די דאָרפישע באַבעס, וועלכע האָבן אויסגעטוישט שמאַטעס, א בינטל פלאַקס, חזיר־האָר, א מאָל א צענטליק אייער אויף געבלימלטע ליימענע טעלער, גלעזער אָדער רויטע קרעלן.

ווי נאָר ער פלעגט ארויספאָרן אויף א דאָרפישער גאַס, האָט ער זיך באַלד צעזונגען מיט א הייזעריקער שטים:

— באַבי אנוטשי, אנוטשי — און נאָכמאַכנדיק אן עכאָ, האָט ער גערופן: ליאָן, ליאָן! (פלאַקס).

א הויכער, דאַרער ייד איז ער געווען, אָט דער דוד־מאיר; מיט א פּנים פאַרברוינט פון דער זון, צעקאַרבט פון די ווינטן — און עפּעס אינעווייניק האָט אין אים געטליעט א בענקשאַפט, ווי עס טליען קוילן וואָס בלייבן איבער נאָכן נאַכטיקן שייטער. עס איז געווען א ציענדיקע בענקשאַפט, וועלכע ער האָט ניט געקענט באַנעמען. אָט די בענקשאַפט האָט אים אָפּט אראָפּגעיאָגט פון וואָגן און מיט באָרוועסע פיס האָט ער דאַן געשפּאַנט לענגאויס דעם שליאַך; געפילט די פייכטע, פאַרטאָגיקע ראָסע און גערודכט האָט זיך אים, אז דורך אָט דעם נאַקעטן באַריר קוקט ער צו גאָר נאָנט צו דער ערד וואָס גרינט, און פון וועלכער דאָס לעבן שפּראָצט אזוי שטיל, און שיין, און חכמה׳דיק — גאָרניט צו באַנעמען. די נאַסע, שאַרפע גרעזער האָבן זיך פאַרקליבן צווישן זיינע פינגער און געשניטן, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז די ערד קיצלט עס אים און שלינגט איין זיינע טריט.

און אָט די אלייניקע, פאַרטאָגיקע שעהן אויף די שליאַכן מיט דער מוטער־ערד; די ווייס־געפלעקטע סודותדיקע ביערהאָזעס און דעם איינטאָניקן סקריפּ פון וואָגן האָט ער געשפּירט ווי די דאָזיקע בענקשאַפט וואָס האָט צעשפּאַרט זיין הארצן נעמט זיך אויפלייזן, ווי א נעפּל אין די ערשטע זון־שטראַלן. עס איז אים דאַן לייכטער

געוואָרן, פרייליכער. ער איז יינגלעריש אַרויסגעשפרונגען אויפן וואָגן און אַ טרייב געטאָן ס'פערדל:

— אַ נוקאָ, ריר זיך...

אָט אַזוי: צווישן איין רייזע אין די דערפער און אַ צווייטער — האָט ער אַהיימגעבראַכט אַ הינטל, וועלכער איז באַלד אַרונטער אונטער חיימס רשות.

צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן, איז דוד־מאירן קיינמאָל ניט קלאָר געוואָרן. ער האָט אים ניט נייטיק געהאַט. דעם פאַרמעגן וואָס ער האָט אָפּצוהיטן?

— נאָר אָט

אַריינקומענדיק פאַרטאָג אין אַ באַקאַנטן פויערישן שייער, האָט ער דערזען די גרויע וועלפיכע, וועלכע פלעגט אים תמיד פריינד־לעך באַגריסן, אַרומשפרינגען אַרום אים און לעקן זיין האַנט מיט אַ וואַרימער, שאַרסטקער צונג — זי איז אַציַנד געלעגן אויף אַ בינטל שטרוי, די פיס צעשפרייט און אַ חברה קליינע הינטעלעך האָבן זיך געריסן צו איר ברוסט, פיטשענדיק, שטופנדיק איינע די צווייטע. די וועלפיכע האָט זיי געלעקט מיט מוטערליכער ליבע און געקוקט צו דוד־מאירן מיט אַ שולד געפיל, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערן, פאַרוואָס זי קען אים ניט באַגריסן ווי זי איז עס געוווינט געווען.

אַז דוד־מאיר האָט איינעם פון די הינטעלעך אַהיימגעבראַכט, צוגעשטעלט צו אַ שערבל פון אַן אַלטן, ערדענעם טאָפּ מיט מילך — האָט דער חברה־מאַן באַוויזן וואָס ער קען.

און ווייל אַ הונט דאַרף אויך פאַרמאָגן אַ שטיקל יחוס — האָבן טאַטע און זון געפּסקנט, אַז דאָס איז געווים אַ שאָפּן־הונט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך עפּעס וועלפּישעס.

און אַזוי האָבן זיי אים טאַקע אָנגערופן:

— ווילק...

* * *

חיים, דאָס קרעפּטיקע בחורל, איז זיך צעוואַקסן גאָר ניט לויט זיינע יאָרן. איז דער טאַטע נאָר אָנגעקומען פון דאָרף, האָט ער געטאָן אַ שפּאַן אויס דאָס פערד, ווי אַ גענייטער פורמאַן, און רייטנ־דיק עס געפירט צום טייך אָנטרינקען. מיט אַ פריילעך געביל האָט זיך „ווילק" געלאָזט נאָך זיי. ווייל פונקט ווי חיים, האָט ער אויך ליב באַקומען דעם טייך און דאָס קלאָרע וואַסער. ער האָט אַפילו

פרובירט פארפירן א שפילעריי מיטן הונט, וואס האט זיך אפגע־שפיגלט אין וואסער, נאר עפעס איז יענער אים תמיד אנטרונען...

„ווילק" האט אויך באלד געכאפט דעם שניט ווי מען כאפט פיש. אז חיים האט פארוואָרפן די ווענדקע אין וואסער, איז „ווילק" געלעגן אויסגעצויגן ביים ברעג, און פונקט ווי חיים — ניט גערירט מיט קיין אבר. בלויז געקוקט און אפגעווארט.

אָבער ווי נאר דער שווימער האט זיך גענומען אונטערטונקען, איז „ווילק" ארויס מיט א פריילעך געביל: דאס האט ער אפגעפילט, אז א פיש האט איינגעביסן ס׳ווערעמל מיטן האָקן, און וועט זיך באלד נעמען צאפלען אויפן פאָדעם, אויסגעפלאכטן פון האָר, פון א פערדישן עק.

און אזוי ביידע: חיים און „ווילק" האבן זיך אוועקגעלאָזט שווי־מען מיטן שטראָם, זענען עס געווען צוויי קונדייסים וואס פראווען קאטאוועס אין וואסער...

פונדעסטוועגן האט חיים, ארום זיין פערצעטן לעבנסיאר זיך אויסגעלערנט האוונען.

— קיין רב וועט ער שוין ניט זיין — אזוי האט געגעבן דוד־מאיר צו פארשטיין דעם רבין, פארוואס ער שיקט ניט מער חיימען אין חדר — גענוג, אז ער וועט קענען קדיש זאָגן...

ביי קאפל דעם שמיד אין דער קוזשניע האט חיים ערשט דער־פילט, וואס עס הייסט לעבן. מען גליט אן א שטיק אייזן, אזש עס ווערט ווייס, און דאס אייזן נעמט מען קנעטן מיט האמערס: קליינע און גרויסע ביז עס ווערט אן אקער, אדער א פאדקאווע.

אין א מארק־טאג ווערט דער הויף פול מיט פויערים, מיט וועגן. מען ציט אן רייפן אויף רעדער. קאפל שפייט האן אין די הענט, דער האמער זאל פעסטער זיצן — מען זידלט אין דער מאמען אריין דאס אייזן וואס לאזט זיך ניט ציען. אבער ענדלעך גיט דאס היל־צערנע ראד נאך, און א צופרידענער קייקלט חיים אוועק דאס ראד צום פויערישן וואגן. און ווילק? — מיט א פריילעך געביל יאגט ער זיך נאכן ראד, ווי ער וואלט געווען א שותף צום נצחון פון אייזערנעם רייף איבערן ראד.

ווארטנדיק אויף די אפגעשמידטע פערד, רויכערן דערווייל די ווייסרוסישע פויערים מאכארקע און ריידן זיך דורך, מיט קורצע ווערטער. כדי א זאך ליטיש דערקלערן און מען זאל אים טאקע גלויבן אויך, נעמט א פויערל זיך נישטערן אין זייענע פארנעפלטע געדאנקען, זוכנדיק עפעס א פאסיקן אנהויב:

— אז איך בין אהיימגעקומען פון „אוסטרייסקן פלען" — —

האָט זיך דערהווייל א צווייטער אויך דערמאָנט די מעשה:

— עס איז געווען טאקע דעמאָלט, ווען מען האָט אונדז אָפּ־געלאָזן פון „גערמאַנסקן פלען"... און פאַרגעסנדיק אַנטקעגן וואָס ער האָט עס געזאָגט, גייט דערהווייל אוועק א גערייד וועגן דער מלחמה.

חיים ליגט צו און אויער צו די רייד. ער האָט געוואָלט באַ־נעמען, וואָס א שטייגער די מלחמה איז געווען און צוליב וואָס מען האָט זיך געשלאָגן, און מיט וואָס מען עסט עס...

אין סאמע מיטן דערציילן, דערלאַנגט חיים א פרעג:

— א זאַטשעם וואָיאָוואַלי?

האָט זיך דאָס פויערל פאַרהאַקט, פאַרגעסן ווו ער האַלט און א קראַץ געטאָן זיך אין פּאַטיליצע:

— א יאַ קאַק זנאַיו, מוסיט בילאַ זאַשטאָ...

פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געהערט, האָט זיך חיים אויס־געמאָלט אין אייגן, בילדלעך באַגריף, וועלכער האָט זיך פאַטויפעט ביי אים אין קאָפּ, וועגן אָט דער מלחמה:

— א מלחמה איז ווי א טכויר, וועלכער כאַפּט זיך אריין ביינאַכט אין א הינער־שטייג.

אינדערפרי געפינט מען די הינער דערשטיקטע, מיט אויסגע־זויגענעם מארך פון די קעפּלעך.

וואָסזשע טוט א גוטער באַלעבאָס?

שטעלט ער אָן א פאַסטקע, און צומאָרגנס כאַפּט מען דעם טכויר, מען שינדט אים אָפּ און מען פאַרקויפט זיין פעל. א מלחמה איז א אַזאַ מין זאַך, ווו קיינער געווינט ניט..."

★ ★ ★

דוד־מאיר איז מער ניט געפאָרן אין דאָרף. אין קאַפּלס קוזשניע האָט מען אויך מער ניט געאַרבעט. חיים האָט ניט געדאַרפט איבער־פרעגן: פאַרוואָס?

אפילו „ווילק" האָט דערשפּירט, אז עפּעס איז דער סדר פון דער וועלט אַנדערש געוואָרן, און ס'איז גלייכער צו ליגן ביים פאַרקאָן פון גאָרטן און ארויסצוקוקן פון צווישן די שפּאַרעס.

גרויע, פאַרשטויבטע טאַנקן האָבן זיך מיט א געטאַרסקעריי באַוועגט איבערן וועג; נאָך זיי — מאַשינען באַזעצט מיט זעלנער אין שטאָלענע היטלען. הויך, אין הימל רוישן ווייסע, מעטאַלענע פויגל.

— די „יעקעס" פארנעמען ס'לאנד — האט דוד-מאיר אויסגעברומט.

די נייגעריקייט האט חיימען א צי געטאן אין דרויסן, וואָרים עפּעס טוט זיך דאָרטן. אזא מחנה מענטשן, אויטאָס, זעלנער. נאָר דער טאטע האט געהאלטן, אז ס'איז גלייכער אפּצווואַרטן, און זען מיט וואס די „יעקעס" שמעקן.

האט זיך חיים מיט „ווילקן" פאַרטייעט אין הויף, געלעגן זייט ביי זייט און מיט טשעקאַוועס געקוקט וואס אין גאס קומט אלץ פאָר.

באַטש דוד-מאיר האט אָנגעזאגט חיימען ניט ארויסצושטעקן די נאָז אין דרויסן — איז ער אליין אוועק דורך הינטער־געסלעך, זיך צוגעהערט וואס עס קומט פאָר און אין איינוועגס טאקע געזוכט עפּעס אויסטוישן אויף א ברויט.

מיטאמאָל האט זיך פון א זייטיקן הויף באוויזן אן אָפיציר, א שפּאַר ביסל בגלופן. אחוץ זייביידע איז אין געסל קיינער ניט געווען. דוד-מאיר האט דערפילט אן אומהיימלעכקייט און געזוכט אפּצוטרעטן דעם דייטש פון וועג. נאָר קיין אויסוועג איז נישט געווען.

דער אָפיציר האט ארייגעקוקט אין דוד־מאירס דערשראָקענע אויגן:

— יודע?

דוד-מאיר האט געשוויגן.

— ניין, ביזט ניט קיין ייד, ביזט א פויגל — אָ יאָ? ביזט א פויגל?

דוד-מאיר האט געשוויגן.

דער אָפיציר האט אָנגעקלאַפּט אין א פענצטער. א קאָפּ פון א צעשראָקענער פרוי האט זיך באוויזן.

— דו, גיב נאָר א קוק: שטייט דאָ א פויגל?

— דאָס איז א ייד...

— ניין — איז דער אָפיציר באשטאַנען אויף ס'זייניקע — דאָס איז א פויגל — אָט באלד נעמט ער און פילט אוועק...

און כדי צו בלייבן גערעכט און ניט דערלאָזן דער פויגל זאָל אוועקפליען, האט ער אויסגעשאָסן...

ביים קבר האט חיים ניט געוויינט. ער האט געמורמלט דעם קדיש וואס עטלעכע אלטע יידן האָבן אים אונטערגעזאָגט, און איז אוועק אהיים. ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער ערד, „ווילקס" האָריקן קאָפּ צווישן די פיס, און זיי זענען פארשטיינערט געוואָרן.

אין זייער שטילקייט האָט זיך געטראָגן דער אומרו, ווי די שטיל־קייט ערב א שטורעם. אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט, א פּייכטקייט האָט זיך אין זיי באוויזן, און זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען.

אין א טאָג, צוויי אַרום, אין א געפעלדיקן פארטאָג האָט א מי־ליטערישער פאַטראָל געפונען דעם אָפּיציר. זיין פּנים איז קוים געווען צו דערקענען. דער מונדיר — צעפליקט, און טיף אין האַלדז־קנופּ האָבן זיך בלוטיק אָפּגעצייכנט חיהשע ציין.

א שיסעריי האָט אויפגעוועקט די גאסן. מען האָט געיאָגט פון די שטיבער, געניכשטערט — נאָר קיינער האָט ניט געקענט זאָגן ווו עס געפינט זיך א הונט, מיט אָט אזעלכע ציין, א הונט וואָס האָט עס געקאָנט טאָן.

נאָר עמיצער האָט ווייזט אויס אָנגעוויזן...

די זעלנער האָבן ארומגערינגלט דוד־מאירס שטוב און עס אָנ־געצונדן. א טרוקענע, האָט די שטוב געברענט ווי א ליכט — פון אלע זייטן. עס האָט זיך אָנגעכאַפּט א צווייט הויז — נאָר קיינער איז ניט ארויסגעלאָפן לעשן דאָס פייער.

א פּחד איז באַפאַלן די יידן פון שטעטל.

* * *

אין א גרויער, פויערישער סערומינקע, א שטיקל הארטן קעז און א האַלבן ברויט אין א טאָרבע פארוואָרפן איבערן אַקסל — איז חיים געגאַנגען מיטן ברעג טייך, דורך די הויכע איירן. ער האָט אָפּגעזוכט א געדיכטן קוסט און זיך אָפּגעשטעלט. פון שטעטל האָבן זיך נאָך געהערט שיסערייען. ער האָט צענויפגעבונדן דאָס אָנטאָן אין א פּעקל, אריבערגעשווומען דעם טייך און זיך געלאָזט מיטן וואַלד. זיין גיין האָט ניט געהאַט קיין באשטימטן וועג. בלויז איין געדאַנק האָט אים באהערשט: זיין וואָס ווייטער פון דאָרטן...

„ווילק" האָט אין דער בהלה פארלאָרן חיימען. איז ער געלעגן אין די הויכע גראָזן פון דערבייאיקן פעלד, געזען דאָס הויז ברענען און מורא געהאַט ארויסצושטעקן דעם קאָפּ. עס האָט אים א צי געטאָן צום טייך און ער האָט זיך געלאָזט לויפן בארג אראָפּ. לויפנדיק, איז ער געפאַלן אויף חיימ'ס שפּורן. ער האָט זיך אוועקגעלאָזט נאָך זיי. נאָר ערגעץ, צווישן אייר זענען די שפּורן פארשוווּנדן. איז ער ארומ־געלאָפן אין א קרייז, געפּאָרשט מיט דער נאָז די פייכטע ערד, געזוכט

אויפצוכאפן דעם פארלוירענעם שפור. ניט קענענדיק אים געפינען, האט ער א זופ געטאן ס'וואסער, זיך איינגענורעט א מידער אין דער איינענער פעל, און איז איינגעשלאפן. בלויז די אויערן, אנגעשפיצטע זענען געבליבן וואך.

✶ ✶ ✶

דער ווינטער האט זיך געשטעלט א פריער. די פרעסט האבן פארשמידט דעם וואלד און ביינאכט האבן בוימער געפלאצט מיט א קרעכץ. פויערים האבן פארשפארט די שייערן. די שטאלן אויסגעבעט מיט שטרוי, די בהמות זאל ווארימער זיין. עס איז געווען א מורא דורכן וואלד צו פארן, ווייל אלע וועגן האט פארשאטן א טיפער שניי.

אז די נויט האט פארט די פויערים ארויסגעיאגט פון די שטיבער אין שטעטל אריין, זענען זיי געפארן זאלבאדריט, זאלבאפערט.

— אזש פון די פושטשעס זענען וועלף געקומען...

— אפשר גאר פון סיביר — האבן זיך פויערים געצלמט — אזעלכע פרעסט...

נאר ווי כיטרע זיי האבן ניט אנגעשטעלט די פאסטקעס אין וואלד, און ווי פעסט זיי האבן ניט פארמאכט די שטאלן — האט מען דאך געפונען צעפרעסענע שעפסן. געווען אפילו פויערים, וועלכע האבן געזען צענטליקער וועלף, גאנצע סטאדעס פינקלענדיקע אויגן אין וואלד. אז מען האט אבער אזא פויער צוגעדריקט מיט פראגן, האט ער געקאנט באשרייבן נאר איינעם:

— א ברוינער אזא, מיט ווייסע פלעקן און פייערדיקע אויגן. און די האר שטייען ביי אים אויפן רוקן ווי שפילקעס... אזש דאס פערד האט זיך געשטעלט דובאם...

די שרעק פארן וואלף האט ארומגעכאפט די גאנצע געגנט.

— ניט קיין וואלף, א טייוול, א כיטרע שטיק, עפעס גאר ניט קיין חיה — אזוי האט זיך פארענטפערט דער וואלדהיטער, וואס האט שוין עטלעכע מאל געפרובירט שיסן אין וואלף.

אומגעריכט פלעגט זיך די חיה באוויזן ביי א שייער, א שטאל און אזוי אויך אומגעריכט פארשווינדן, איבערלאזנדיק בלוטיקע שפורן.

— גאטס שטראף — האבן פויערים זיך געצלמט און געווארט

אויפן פרילינג, וועט וועלף ווערן געלאסענער, ווייל דער הונגער דאָקו־טשעט זיי ניט אזוי שטאַרק.

* * *

וואָכן, חדשים, יאָרן — ווער קען אויסמעסטן אָט די מוראדיקע צייט, ווען א וועלט גייט אָפּ אין בלוט; ווען יאָרן פאַרגייען ווי א וואָלקן, און איין הגע קען אויסזען ווי אַן אייביקייט?

חיים האָט געפונען א היים ביי אַן עלטערן פויער, אין אַן איינזאַמען כוטאָר. געאַקערט מיט אים, געזייט, ארויסגעפירט ס׳מיסט אין פעלד און געשניטן דאָס היי.

שוויַיגערס — האָט דער פויער חיימען צופיל ניט פאַרנאַנ־דערגעפרעגט, און חיים האָט זיין וועלט געטראָגן אין זיך. ער האָט גענומען פאַרגעסן אין דעם טכויר, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין זיין הינער־שטייג; אָט די מלחמה, וועלכע האָט אים פאַריתומט. ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו בענקען נאָך „ווילקן״, זיין איינ־ציקן חבר.

— וואָלט ער געלעבט, וואָלט ער מיר געוויס געפונען... דער געדאַנק, אַז „ווילק״ איז מיטגעגאַנגען באַגלייטן זיין טאַטן, האָט זיך ווי א שטיק פייכט ליים געלייגט אויף זיין נשמה, ניט אָפּצור־רייסן.

מיט אַלע חושים איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד, ווי זי וואָלט געווען דאָס איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט אין דער וועלט.

אין איינעם א פרילינג האָבן זיך גענומען שלייכן באַנדיטן, פאַרביי די איינזאַמע פויערישע כוטאָרס, דורך די וועלדער איבער דער געגנט. זיי האָבן גערויבט אַלץ, וואָס לאָזט זיך אוועקנעמען ביים פויער. וואָרים דער הפקר איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער מלחמה.

חיימען האָבן זיי פאַרכאַפּט אין מיטן פעלד. פאַרכאַפּט מיט פערד און וואָגן. שוין טיף אין וואַלד, אין זייער באַזע, האָבן זיי זיך ארומגעוויזן אַז חיים איז גאָר א ייד.

— פאַרשטעלט זיך פאַר א פויער, הא? פאַר אַן אונדזעריקן?

געגנוג צרות האָבן אָנגעמאַכט די יידן, אָט צוליב זיי ליגן מיר דאָך איצט אין די וועלדער; געמוזט פאַרלאָזן די היימישע דערפער. אייך זוכט דער דייטש, איז עס דאָך אייער מלחמה, און צו אונדז לאָזט זיך עס אויס...

חיים האָט געשוויגן.

— אויפהענגען אים אויף אַ בוים? — האָט אַ פרעג געטאָן איינער פון דער באַנדע.

— עס איז שוין וואָרים, וועט ער שטינקען. גיב אים בעסער איבער דעם וואַלד, וועלן די וועלף אויך עפּעס פאַרזוכן...

חיים האָט זיך געשטעלט גראָבן זיין קבר. גראָב-אייזנס ערד זענען געפאַלן פון ביידע זייטן. טראָפּנס שווייס זענען גערונען פון זיין שטערן. די הנגעס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט, איינגע-טונקט אין פעך. חיים האָט ניט געטראַכט. מיט אַ פאַרביסנקייט האָט ער געגראָבן טיפער און טיפער, ווייל קיינער האָט ניט געזאָגט:

— גענוג...

ער איז שוין געשטאַנען ביז צו די אַקסלען אין גרוב, און נאָך אַלץ אַרויסגעוואָרפן גרודעס ערד.

ערשט פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָבן די צוויי באַנדיטן וועלכע האָבן אים צוגעהיט, געהייסן אויפהערן גראָבן. זיי האָבן זיינע הענט צוגעבונדן צו ביידע זייטן און ווי אַ בוים, אים אַריינגעלאָזט שטייענדיק אין גרוב. מיט פויערישער גע-ניטקייט האָבן זיי גענומען די גרוב פאַרש׳טן. חיימס אַקסלען האָבן זיך אויסגעגליכט מיט דער ערד.

— אַצינד וועסטו שוין די ערד ניט אָפּנאַרן. זיך פאַרשטעלן פאַר אַ פּויער געוואָלט, האַ?

זיי האָבן אַרומגעטראָטן די ערד אַרום חיימס קאָפּ און זענען אַוועק.

אַ גרויל האָט אים אַרומגענומען.

זיין קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט פון דער ערד ווי אַ קלאָץ, וואָס בלייבט איבער נאָך אַן אָפּגעהאַקטן בוים. אַזאַ טויט האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט. צעפרעסן ווערן פון אַ ווילדער חיה, און ניט קענען אַ ריר טאָן אפילו מיט קיין אבר. עס האָט אים גענומען גליווערן. די שטעכיקע קעלט אונטער די האָר-וואָרצלען איז גע-קומען פון געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט, פון אַ פאַראורטיילטן צום טויט, וועלכער דערוואַרט יעדע מינוט זיין אורטייל.

עס איז ניט געווען דאָס געפיל, וועלכעס מיר באַצייכענען גע-וויינטלעך: שרעק. עס איז געווען עפּעס טיפערס, גרויליקער — און דערפאַר האָבן די האָר-וואָרצלען גענומען פרירן. דער טויט וואָס האָט געמוזט קומען, האָט געהאַט פאַרשידענע געשטאַלטן. הונגער; צעפרעסן ווערן לעבעדיקערהייט פון ווערעם, וועלכע בויערן דורך

די ערד אין זייער זוכעניש נאך שפייז; צעפרעסן ווערן פון מוראש־קעס — אט די קליינטשיקע רויב-חיהלעך וועלכע קענען א קערפער ארומגריזשען ביז צום ווייסן ביין. חיים האט עס אליין געזען. אין זיין ארומוואיעווען מיט „ווילקן" אין וואלד, האט ער ניט איין מאל געפונען א טויט חיהלע. ארויפגעזעצט אויפן שפיץ פון א לאנגן שטעקן, האט ער זי ארייננגעשטופט אין א מוראשניק. עס איז גע-ווארן א מהומה. די מוראשקעס זענען ארומגעלאפן, זוכנדיק דאס ארט פון וואנען דער ארייננדרינגלער איז געקומען. ווען ער האט נאכער, אין א טאג דריי־פיר ארום ארויסגעצויגן דעם שטעקן — איז דער סקעלעט געווען ווייס-ארומגעגעסן, אן א פיצל פלייש אי־בערצולאזן.

ער האט גענומען שאקלען מיטן קאפ, ווי ער וואלט שוין דער-פילט אט די מוראשקעס ארייננקריכן אין די נאז-לעכער, אין די אויגן; קאלאנעסווייז שפאנען זיי אין נאז אריין, אין קאפ — צום מוח. פון בלויזן טראכטן דערפון האט געגרוילט און די הויט האט זיך געגרונצלט.

דער דאזיקער געדאנק האט זיך אין אים איינגעקלאמערט, ווי מיט שארפע נעגל און איז ניט אפגעטראטן. אביסל שפעטער איז דער מוח מיד געווארן, און איז ארייננגעפאלן אין א דרימל. ערשט דעמאלט האט דער קערפער דערפילט די קאלטע ערד, וואס האט געפרעסט פון אלע זייטן. די אברים האבן גענומען אפשטיין און שטייף ווערן ווי שטיקער האלץ.

בלויז די אויערן זענען וואך געווען. צו זיי איז דערגאנגען א שארך צווישן צווייגן; דער זשומען פון א נאכטרזשוק; אויסגע־שרייען פון איבערגעשראקענע פויגל, וואס האבן אין שלאף זיך אראפגעגליטשט פון א צווייג. פון צווישן די בוימער האבן זיך באוויזן פייערלעך, די גרויס פון שפילקע-קעפלעך. זיינע אויגן האבן זיך אנגעשטרענגט און ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען, האבן זיי נאכגעפאלגט די פייערלעך וועלכע זענען דא פארשוואונדן, דא זיך ווידער באוויזן, און וואס אמאל נענטער. א טרוקענע צווייג האט א קרעכץ געטאן, און חיים האט דערפילט זיין סוף.

— דער וואלף... אט דער וואס פלעגט צעפרעסן די שעפסן... עס איז טאקע אן אמת... דאס האט ער אנגעווארפן א שרעק אויף די פויערים...

א הייסע כוואליע האט זיך צונויפגעפרעסט אין ברוסט. דאס הארץ האט גענומען האסטיק שלאגן און מיט די לעצטע כוחות,

ווי מיט א לעצט געוועד האט ער ארויסגעלאזן א מוראדיק געשריי, וואס איז איבערגעגאנגען אין א לאנגן פייף.

די פייערלעך האבן זיך אפגעשטעלט, ווי די חיה וואלט זיך צוגעהערט.

— אפשר האב איך איר איבערגעשראקן — האט חיים זיך אנגעכאפט אין פיצל האפענונג...

ווידער האט ער א געשריי געטאן און א שטילן פייף, אויף וויפל די כוחות האבן אים געסטייעט.

מיטאמאל האבן צווייגן א קראך געטאן, און חיים האט דער־פילט דעם הייסן אטעם פון דער חיה, דעם ריח פון פעל... ער האט צוגעמאכט די אויגן...

א ווארימע, נאסע צונג האט אים געגומען ארומלעקן. ער האט געווארט. אבער די חיה האט אים ניט געריסן, נאר וויטער ארומ־געלעקט. אין דעם ארומלעקן האט חיים דערשפירט א מאמישע ווא־רימקייט, אט ווי א היגטיכע לעקט ארום אירע קליינע הינטעלעך, וועלכע זענען נאך בלינד.

ער האט אויפגעמאכט די אויגן.

דער הייסער שטראם וואס האט פריער געדריקט די ברוסט, האט א שפאר געטאן צו די אויגן, און הייסע טרערן האבן גענומען רינען.

— „ווילק"!...

אבער „ווילק" האט שוין דעם רוף דערהערט א רגע פריער, ווען ער האט זיך נאך גענומען פוריזמען אין חיימס מוח, אין האלדז.

מיט דער קראפט פון זיינע פיס האט דער הונט גענומען אפ־גראבן די פריש־אנגעשאטענע ערד. נאך א ווילע גראבן האט ער פרובירט א צי טאן א האנט. עס איז ניט געגאנגען. ער האט גע־גראבן מיט אזא כוח, מיט אזא פארביסנקייט, ווי באפאלן פון א ווילדער רציחה, וואס איז אצינד געווען — פרייד.

עס האט שוין גענומען גרויען, ווען חיים — א באפרייטער, האט ארומגענומען „ווילקס" האריקן קאפ און גענומען קייקלען זיך אין פייכטן מאך, ווי אמאל.

מענטש און חיה האבן זיך אפגעפונען אין דער וואלדיקער שטילקייט...

אין דארף דאלמיאטשין

דאַלמיאַטשין איז נישט געווען אַזאַ מין דאָרף, ווו מען קען זען אַ סטאַדע קי זיך פּאַשען אויף אַ גרין פעלד; אָדער אַ פּויער וואָס פּאַראַקערט די ערד, נאָך דעם ווי ער האָט עס באַמיסטיקט. אַפילו די כאַטעס, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, צווישן אָפּגעזעגטע בוימער־שטאַמען — האָבן ווייניק וואָס דערמאָנט אין דאָרפישער געמיט־לעכקייט. עס האָט געפעלט דער צוים אַרום די הייזער; די מילך־קרוגן, די לאַדישן וועלכע טריקענען זיך אויפן פּאַרקאַן. כאָטש עט־לעכע ווייבער האָבן זיך געפּאָרעט אין דרויסן און הינט האָבן גע־בילט — האָט זיך אָבער באַמערקט, אַז עס פעלט דאָ איינגעזעסנ־קייט. און דאָך האָט מען עס גערופן: דאָס דאָרף: דאַלמיאַטשין.

די הייזער — געבויט פון גראָבע קלעצער, זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון צעוואַקסענעם, אוראַלער וואַלד. אַ געדיכט-געפלאָכ־טענער פּאַרקאַן פון שטעכלדראָט האָט אַרומגעריגלט עטלעכע לאַנגע געביידעס, וועלכע די באַוווינער פון די פּויערישע הייזער האָבן אָנ־גערופן: באַראַקן.

דאַלמיאַטשין איז געווען פאַרשריבן אין די ביכער — ווו מען האָט געפירט רעכענונג וועגן אָט די זאַכן — ווי אַ דאָרף פון „ספּעצ־פּערעסיליענצעס" — איבערוואַנדערער, וועלכע מען האָט אַהער גע־בראַכט נישט מיט זייער פרייען ווילן, נאָר ווייל מען האָט זיי דאָ געדאַרפט האָבן. די מענטשן זענען געווען אַ טייל פון מלוכה-פּלאַן פון האָלץ-פּאַרגרייטונג. און די אינדוסטרי האָט זיך אין דעם האָלץ טאַקע גענויטיקט.

איז אַחוץ אָט די מענטשן וואָס האָלטן חשבון אין די צושטע־לונגען, די פּלאַנירער און די איינוווינער פון דאָרף — האָט קיינער נישט געוווּסט אַז אַזאַ דאָרף ווי דאַלמיאַטשין געפינט זיך גאָר אויף דער וועלט.

* * *

דאָס ערשטע מאָל האָט אייזיק מאַנעטאַ דערהערט דעם נאָמען אין אַ פּראַסטיקן, סוף האַרבסטיקן פרימאָרגן. דער עשאַלאָן — וואָס האָט זיך שוין אַ וואָכן פינף געשלעפּט איבער די אָן־סופיקע אייזנ־באַנוועגן פון רוסלאַנד — איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן אין אַ וואַלד. די טירן פון די משאַוואַגאָנען האָבן זיך מיט אַ גרילץ צע־עפנט, און אַ הייזעריקע, סאָלדאַטישע שטים האָט אַריינגעשריען:

— מיר זענען אָנגעקומען. אַלע אַרויסקריכן. ס'איז דאָלמיאַ־טשין!

נאָר ביז אייזיק האָט דערזען די באַראַקן און די נאַרעס פון דאָלמיאַטשין, האָט ער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט אַנדערע פאַרשיקטע פּוילישע יידן, געמוזט מאַרשירן אַ וואָסערע צען מייל דורכן מאַכיקן, צעצווייגטן וואַלד.

נאָכער האָט אַ פּויער אין אַ ווינטערדיקער קוטשמע, מיט אַ רויטן שטערן אינמיטן, אין אַ שעפּסענעם פּעלצל פאַרוויקלט, זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט ווי דער באַלעבאָס פון דאָרף, און דערביי געלאָזט וויסן:

— דאָ קינדערלעך וועט איר לעבן, און קיין אַרבעט וועט ניט פעלן.

— ער הייסט עס — ביעלאָוסאָוו — איז דער באַלעבאָס, און ער וועט שוין אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן זיין נוצלעך, און ניט עסן אומזיסט קיין מלוכיש ברויט. דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויפן וואַלד און צוגעגעבן:

— דאָס, קינדערלעך, איז אַלץ אייערס...

אייזיק מאַנעטאַ האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט, אַז אָט דער וואַלד זאָל זיין זיינס.

אַ בחור אַ געוויקסיקער, און אַ פּאָר הענט פאַרמאָגט ער, אַז אין זיי דאַרף אַ האַק און אַ זעג זיך פילן ביז גאָר היימיש — אַזוי האָט אָפּגעשאַצט די הענט דער אַרבעטס־פאַרטיילער, און דערביי האָט ער זיך טאַקע גענומען לערנען דעם שניידער מאַנעטאַ ווי אַזוי מען לאָזט אַראָפּ אַ בוים; ווי מען שניידט אים איין, ער זאָל פאַלן וווּ מען באַדאַרף און ניט סתם אין דער וועלט אַריין.

וואָרים אין דאָלמיאַטשין האָט אפילו אַ בוים ניט געקאָנט פאַלן לויטן אייגענעם ווילן.

פאַרטאָג, איידער די אַרבעטס־בריגאַדן פאַרהילטע אין אַלערליי בושלאַטן, זומערדיקע רעגן־מאַנטלען און אויסגעריבענע קאָלדרעס,

האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איינגעמען דעם וואַלד, האָט דער אַרבעטס-פאַרטיילער געציילט זיי, אויסרופנדיק יעדנס נאָמען.

— מאַגנעטאַ — האָט ער אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן הויכן בחור — דו שטעל זיך צו צום נאַטשאַלניק.

ווי אייזיקן איז ניט קאַלט געווען אין יענעם פרימאָרגן — איז אים נאָך קעלטער געוואָרן פון אָט דער פאַרבעטונג. אָבער פאָלגן מוז מען.

ער איז אַריין אין שטיבל פון נאַטשאַלניק, וואָס איז געווען אויף יענער זייט פון די דראָטן. אחוץ וואָס דאָס איז געווען דער קאַנטאָר פון לאַגער, האָט דאָרטן ביעלאָוסאָוו אויך געוווינט. עס האָט געברענט אַ רויט-צעגליטער אייזערנער אויוון, און אין קאַנטאָר איז געווען וואַרים — ווי אין אַ שוויצבאָד.

ביעלאָוסאָוו איז געזעסן ביים טיש און געבלעטערט פאַפירן.

— דו ביזט, הייסט עס, מאַגנעטאַ, אהא — האָט ער אַ זאָג געטאָן מער צו זיך, ווי צום בחור.

דער דאָזיקער „אהא" איז אייזיקן גאָרניט געווען צום האַרצן.

— וואָס מיינט ער דאָ מיט דעם: אהא?

— איז וואָס פאַרא ספּעציאַליסט ביזטו? — האָט ביעלאָוסאָוו אַ פרעג געטאָן, כאָטש אין די פאַפירן איז עס געווי געווען פאַר-שריבן.

אייזיק האָט די פראַגע שוין געהערט אפשר אַ מאָל הונדערט, און דערפאַר האָט ער גלייך געענטפערט:

— פאַרטנאָי... אַ שניידער.

— זען, זעסטו אויס ווי אַ סטאָלעוואַר*) — טוט אַ מאַך ביע-לאָוסאָוו, אָנקוקנדיק אייזיקן.

אייזיקן איז אָט דאָס פרעמד רוסיש וואָרט איבערהויפּט ניט געפעלן. עפּעס האָט עס אים פאַרשמעקט מיט עפּעס ערגערס ווי וואַלד, און ער האָט זיך גענומען אַפּדינגען:

— ניעט, פאַרטנאָי.

— שוין... שוין... מען ווייסט שוין — האָט ביעלאָוסאָוו אַ שמייכל געטאָן.

— איז הייסט עס: אַ שניידער ביזטו — האָט זיך ביעלאָוסאָוו נאָך אַלץ ווייזט אוים ניט געקאָנט צוגלויבן — נו, און אַ קאָסטיום-משיק פאַר מיין פרוי וועסטו קאָנען אויפנייען?

---

*) סטאָלעוואַר — שטאָל־גיסער.

— א פראגע א ביסל — צעוואַרימט זיך אייזיק — פון קינד-ווייז אָן א שניידער — טוט ער א זאָג אויף פויליש, א וואָרט רוסיש און דאָס רעשט טוט ער א מאַך מיט די פינגער ווי מיט א שער, ווי ער וואָלט שוין צעשניטן א שטיק געוואַנט.

— ביזטו טאַקע, הייסט עס א שניידער? — קאָן זיך ביע-לאָוסאָוו ניט אַפּוואונדערן און מיט פּויערישער ביטערקייט, זוכט ער צו דערגיין דעם אמת. ער וויל דאָס טאַקע אויף קלאָר ווייסן, איידער ער גיט איבער אין זיין רשות דאָס שטיק סחורה „באָסטאָן", וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט ביי איינעם פון די פאַרשיקטע טאַקע.

— אוודאי...

ביעלאָוסאָוו האָט אויפגעמאַכט די טיר און אריינגעשריגן אין צווייטן חדר:

— היי נאַסטיע, קום נאָר אריין. דער שניידער איז דאָ.

אין טיר האָט זיך באַוויזן א באַלייבטע פרוי, מיט א צעוואַקסע-נעם בוזים און א גוט-מוטיק, פריינדלעך פּנים. קענטלעך — זי איז ניט געווען קיין אַלטע. און אַז מען וויל גוט, איז זי אפילו ניט גע-ווען קיין מיטליאָריקע.

— דאָ האָסטו דעם שניידער — האָט ער אָנגעוויזן אויף מאַנעטאַן.

נאָך איידער אייזיק האָט זיך פאַרנומען אראָפּנעמען די מאָס, האָט ער מיטן פאַכמעניש אויג פריער אראָפּגעכאַפּט די פיגור, און זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי עס וועט אויף איר ליגן אָט דער גע-פּלאַנטער קאָסטיום.

אַז די פרוי איז אוועק אריינברענגען דעם שטאָף, האָט ביע-לאָוסאָוו געוואָלט ווייסן:

— נו?

— מען קאָן ניט מאַכן — האָט מאַנעטאַ אַנטוישט צעפּירט מיט די הענט. — א פרוי מוז עפּעס האָבן...

— נו, און נאַסטיע האָט ניט? — איז שוין ביעלאָוסאָוו גלאַט טשעקאַווע געווען צו ווייסן.

— ניין... ניט דאָס...

אייזיקן איז געווען שווער צו דערקלערן אויף רוסיש דעם שכל וואָס שטעקט אין דער פאַרבינדונג צווישן א קאָסטיום און א ווייב-לעכער פיגור. א פרוי מוז האָבן אַזא מין בגד וואָס זאָל דער פיגור געבן א סטאַבילער פאָרם. יעדעס טייל פון קערפּער זאָל זיך אָנזען באַזונדער.

— אַ ביוסט זאָל זיין אַ ביוסט, און זאָל זיך האַלטן פון אויבן — האָט ער אַ וויז געטאָן ביעלאָוסאָוון געגוי דאָס אָרט, ווו דער ביוסט דאַרף זיין. נאָכער קומט אַ טאַליע — אָט דאָ אַ — האָט ער דערלאַנגט אַ צעפּיר מיט די הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט אַרומגענומען אַ פרויען־פיגור. און דערפאַר טאַקע, אַז אַ קאָסטיום זאָל ניט אויסזען ווי אַ סאָלדאַטסקער שינעל — מוז די פרוי טראָגן אויפן קערפּער אַזאַ מין זאַך, וועלכע ווייבער טראָגן געוויינטלעך איינצוהאַלטן די פאָרם, און דאַן ערשט קאָן מען אָנפּאַסן דערויף אַ קאָסטיום.

און נאָסטיע האָט — אַ חוץ איר לייכט קליידל און אַ העמד פון היימיש־געמאַכטן לייוונט, גאָרניט געהאַט אויף זיך.

ביעלאָוסאָוו האָט מיט פאַרכידוּשטע אויגן געקוקט אויף איי־זיקן; געפּרוווט אויפכאַפּן דעם מיין וואָס זיינע באַוועגונגען, זיינע פוילישע ווערטער באַדייטן — און ניט פאַרשטאַנען.

אייזיק האָט דערזען אַ שטיק קרייד און אַ טאָוול פון ברעטער, אויף וועלכן דער אַרבעטס־פאַרטיילער פאַרשרייבט די דערגרייכונגען פון די בריגאַדעס אין וואַלד. מיט אָט דעם שטיק קרייד האָט ער גענומען צייכענען אויפן טאָוול די פיגור פון אַ פרוי, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. דערנעבן האָט ער געצייכנט אַ צווייטע פיגור און די אַלע נויטיקע קליידער, וועלכע זאָלן דער פיגור געבן פאָרם; ווייבלעכקייט.

אייזיק האָט געצייכנט, געמאַכט מיט די הענט. געוויזן אויפן טאָוול און דאָ אויף זיך ווי ער וואָלט עס געווען אַ פרוי; געוואָרפן מיט פוילישע ווערטער, ביז ביעלאָוסאָוו האָט זיך ענדלעך אָנגע־שטויסן אין וואָס עס גייט.

— זאַגראַניטשני פאַסאָן — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָבער נתפּעל געוואָרן איז ער ניט.

— לאַדנאָ — מאַכט ער — וועסטו דאָס אויך אויפניייען.

— איך? — האָט זיך אייזיק פאַרוואונדערט. — ווי קום איך צו נייען אָט די אָ ווייבערישע זאַכן?

— ביזטו הייסט עס ניט קיין שניידער — האָט דער נאַטשאַל־ניק געפּסקנט. (אהא, פאָרט געכאַפּט דעם שווינדל). — וועסטו ווייטער גיין אין וואַלד אַריין אַרבעטן... איך האָב אָבער באַלד גע־ווּוסט...

— איך... — האָט אייזיק געוואָלט עפּעס דערקלערן, נאָר ביע־לאָוסאָוו האָט מער גאָרניט געוואָלט הערן:

— גיי אין באראק אריין, און טו א טראכט. מארגן וועלן מיר זען...

אייזיק האט דורכגעטראכט אלע שנײדערישע פארטלען, אבער ניט אנגעהויבן צו ווייסן, ווי אזוי הייבט מען אן צו נייען א ביוסטן־האלטער.

— וואלט כאטש געווען ביי וועמען צו בארגן און נאכצוקוקן

— זענען דא בלויז מענער אין די באראקן... און אן א ביוסטן־האלטער איז אוממעגלעך אנצוטאן אויף דער פויערטע א קאסטיום. עס וועט דאך הענגען ווי א זאק...

קוקנדיק אויפן וואלד, איז אים נאך אומעטיקער געווארן.

— מ'וועט ווידער מוזן טאפטשען אין שניי...

אין אוונט זענען די מענטשן אהיימגעקומען פון וואלד, אפ־געטרייסלט דעם שניי און זיך צעלייגט אויף די נארעס. עמעצער האט איינגעהייצט דעם אויוון, מען זאל זיך דערווארימען און קאנען אויסטריקענען די זאכן. לייב זשיוויצער האט זיך געשטעלט דאווענען.

מיטאמאל איז אייזיקן ליכטיק געווארן אין קאפ. ער האט זיך דערהפרייט, ווי אן אוצר וואלט זיך פאר אים אנטפלעקט.

— די יארמלקע — לייב זשיוויצערס יארמלקע...

זיך קוים דערווארט ר' לייב זאל אפדאווענען; זאל אפעסן זיין ברויט מיט „קיפיאטאק". דאן האט אייזיק גענומען אויסגיסן פאר אים זיין ביטער הארץ.

לייב זשיוויצער האט זיך געמיאוסט:

— זיין יארמלקע זאל מען אנמעסטן אויף דער ערלטעס...

— ווי איר פארשטייט, ר' לייב. מיין לעבן איז אין אייערע הענט... — האט שוין אייזיק מיט טרערן אין די אויגן געבעטן.

* * *

איינדערפרי האט זיך אייזיק צוגעשטעלט צום נאטשאלניק, גע־וויזן אים די יארמלקע, און א זאג געטאן:

— מען דארף אנמעסטן.

דאס האט ביעלאוסאוון אויסגעזען פארשטענדלעך, און ער האט אריינגעשריען אין צווייטן חדר:

— נאסטיע, דער שנײדער איז דא!

אליין איז ער אוועק אין דרויסן אפצוציילן דעם עולם, וואס גייט צו דער ארבעט.

אין וואַרימען צימער איז אַריין נאַסטיע. זי האָט שוין אָפּנים געוווסט דעם שניידערס שווועריקייטן. אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט זי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס'קלייד, דאָס ליוונטענע העמד און אַ האַלב־נאַקעטע, אין אויסגעשטעפּטע וואַטע-הויזן געבליבן שטיין פאַרן שניידער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי פירט מען זיך ביי די אויס־לענדישע שניידערס, און זי האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין פון די פירעכצן.

די דרייסטקייט האָט מיטאַמאָל אייזיקן פאַרלאָזט, און מיט דער יאַרמלקע אין האַנט האָט ער זי אָנגעקוקט. די ראָזלעכקייט פון ווייבערישן קערפּער האָט געאָטעמט מיט צוציענדיקער וואַרימקייט. עס האָט אַ בלענד געטאָן פאַר זיינע אויגן, און די קני זענען מיט־אַמאָל ווייך געוואָרן. אייזיק האָט פאַרגעסן דעם הונגער, וואָס בור־טשעט אין די געדערים, די קעלט. אין אים האָט גענומען זידן, רוישן. זיינע אויגן האָבן געזען אַלץ, און דער געדאַנק האָט גע־אַרבעט שנעל... שנעל... די דאַזיקע זעאונג און די געדאַנקען האָבן פאַרצויגן זיין בליק מיט אַ פייכטן גלאַנץ. עפּעס אין אים האָט זיך אויפגעוועקט — אָט ווי אַ פרילינג-שטראָם רייסט אויף דעם אייזיקן פאַנצער פון טייך. אין די שלייפן האָט עס געהאַמערט און די צונג איז ווי צוגעטריקנט געוואָרן צום גומען. אַ פאַרגליווערטער איז ער געשטאַנען, און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט גע־אָטעמט שווער, געדיכט — ווי ער וואָלט געקלעטערט באַרג-אַרויף.

— נו, יונגער מענטש, שטיי ניט ווי אַ פלאָקן — האָט נאַסטיע אים געמונטערט, זעענדיק זיין פאַרלוירנקייט. — טו וואָס מען דאַרף...

אייזיק איז געקומען צו זיך.

— ווען זי וואָלט געווען אַ דינסט ביי אונדז אין וואַרשע — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אוי וואָלט איך געוווסט וואָס מען דאַרף טאָן. נאָר גיי הייב זיך אָן מיטן נאַטשאַלניקס ווייב...

ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, זיך אָנגענומען מיט מוט און דער יאַרמלקע אָנגעמאָסטן אויף נאַסטיעס ברוסט. זי איז מיטאַמאָל פול געוואָרן און זיך אויסגעצויגן. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן פון איין זייט, פון דער צווייטער, זי אונטערגעהויבן, צו זען וועלכע פאָרם איז פּאַסיקער. דער פולער נאַפּל האָט אים געקיצלט די האַנט־פלאַך.

— גוט, עס פּאַסט — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אַרויסגערעדט.

נאַסטיע האָט אָנגעטאָן די העמד, דאָס קליידל, באַלד איז זי פון צווייטן צימער צוריקגעקומען מיט א שטיק געבלימלטן סיץ און א טעלער הייסע, פאַרעדיקע קאַרטאָפל.

אייזיק האָט מיט דאַנקבאַרקייט א קוק געטאָן אויף איר און זיך גענומען צו דעם טעלער קאַרטאָפל.

מיט א פען־מעסערל האָט ער פּאַוואָליע צעטרענט די נעט פון דער יאַרמלקע, און שוין האָט ער געהאַט א פּאַרטיקע פאָרם, לויט וועלכער ער האָט צוגעשניטן צוויי שיסעלעך; פון זעלבן שטאָף גע־מאַכט בענדלעך.

אַז אייזיק האָט נאָכער אָנגעמאָסטן נאַסטיען דעם פאַרטיקן בגד און בעת מעשה א גלעט געטאָן דאָ און דאָרט, האָט ער אָנגע־קוואָלן:

— זאַגראַניטשנאַיאַ דאַמאַ...

נאַסטיע האָט זיך אַזש פאַררויטלט פון דעם זאָג, כאָטש גאָר באַקוועם האָט זי זיך אין דעם נים געפילט.

די יאַרמלקע האָט אייזיק ווידער צוזאַמענגענייט, און עס אָפּ־געגעבן ר׳ לייבן.

— איר האָט פאַרדינט א מצווה, איר האָט מיר געראַטעוועט ס׳לעבן. אַז דאָ מוז א שניידער אַלץ קענען — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט.

דאָס אויפנייען דעם קאָסטיום איז ביי אייזיקן אַוועק ווי גע־שמירט, אַפילו ווען ער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט אַן אַלטער האַנט־ניי מאַשינדל.

אַז נאַסטיע האָט זיך אויסגעפּוצט אין די נייע מלבושים, האָט ביעלאָוסאָוו אָנגעקוואָלן פון זיין ווייבל, וועלכע האָט אויסגעזען ווי א דאַמאַטשקע.

— ביזט טאַקע א שניידער — האָט ער גוט־ברודעריש גע־קלאַפּט אייזיקן אין פּלייצע. — אַן אמתער אויסלענדישער שניי־דער...

און אייזיק מאַנטאַ איז אויסגעלייזט געוואָרן פון וואַלד־אַרבעט...

איינער א מיליאנער...

גרישא קארפיענקא איז געווען א ברייט־פּלייציקער בחור, א הויכער, מיט א צעוואקסענעם האריקן ברוסט־קאסטן וואס האט ארויסגעקוקט דורכן אפענעם העמד, און מיט יעדן אטעם־צוג האט מען דערקענט אז אונטערן לייוונטענעם העמד ארבעט א מאשין. זיין פּירקאנטיקער פלאכער פּנים, מיטן קורצן נאז און שמאלע אויגן־שפּעלטעלעך, פארזעצט טיף הינטער האריקע דעכעלעך, האט זיך אנגעקערט צו עפּעס קאלמיקיש. גאר קאלמיקיש.

מיט שווערע, גראב־פינגערדיקע הענט האט ער זיך אנגעשפּארט אן שרייב־טיש. דעמאלט האבן די אקסלען זיך נאך מער אויפגעהויבן און דערגרייכט כמעט די אויערן. דעמאלט האט מען אויך דערזען דעם רויטן קארק, וואס האט זיך מיט גבורה אפגעקנייטשט אין פאלדן, און האט געהאט דעם אנבליק פון איינעם א פראפעסיאנעלן לאפּאטקע לייגערישן קארק.

דורך די שמאלע אויגן - שפּעלטעלעך האט ער געקוקט אויפן מענטשן אויף יענעם זייט שרייב טיש, וואס האט זיך אנגעקערט צו זיין דער דירעקטאר פאר תבואה - פארגרייטונג: פיאטאגארסקי.

די ליפּן האבן זיך שוין צעעפנט, געמאכט דעם איינדרוק פון רייד, אבער דער קלאנג פון די האזיקע רייד איז ארויס א רגע שפּעטער, ווי גרישא וואלט דארטן איבעוויייניק איבערגעקליבן די ווערטער, וועלכע וועלן אט דא באלד זאגן עפּעס גוטס וועגן אים אליין, וועגן זיין פארלאנג, זיין בקשה און טאקע אויך וועגן דעם, נאך וואס ער איז דא אהער אריינגעקומען.

— איז הייסט עס אן ארבעט פאראן ביי אייך דא?

פיאטאגארסקין איז דער בחור געקומען ווי אן אויסלייזונג פון זיינע זארגן. ווארים ארום און ארום, האט מען אין אט דעם מיטל־אזיאטישן העק, ארום נייננצנהונדערט דרייאונפערציק ניט געקאנט געפינען קיין לייטיישן מאן מיט הענט און פיס, ווען מען זאל אנטרויען אט די האזיקע ארבעט. די, וועלכע וואלטן זיך אויסגעטויגט, האט מען שוין פון לאנג ארויסגעפראוועט צו די פראנטן.

די אנדערע, געזונטע מענער זענען געווען בראַנירט, ניט אַנצורירן כאָטש צעריים זיך.

פּיאַטאַגאָרסקי האָט דעם בחור אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אים אַראָפּגענומען א מאָס; זיך ניט אויפגעהערט וווּנדערן און געוואָלט דערהערן נאָך עפּעס, וואָס אין פּאַפּיר שטייט ניט.

— גרישאַ מיכײַלאָוויטש קאַרפּיענקאָ — איז הייסטו טאָקע: גרישאַ מיכײַלאָוויטש קאַרפּיענקאָ?

אויפן טיש איז פאַר פּיאַטאַגאָרסקין געלעגן א דאָקומענט, שוין א היפּשלעך אָפּגעריבענער און ווײַל ער איז אזוי געלעגן צענויפגע־קנייטשט אין טאַש א היפּש ביסל צייט, האָבן זיך די פיר טיילן זיינע קוים, קוים געהאַלטן צוזאַמען.

א פּוילישער בירגער הייסט עס — וועדליק אין דאָקומענט שטייט, פון ארום לעמבערג. ארויסגעגעבן איז ער אין דורכגאַנגס־פּונקט: וואָרקוטאַ. באַפּרייט פון לאַגער.

פּיאַטאַגאָרסקי, דער אוקראַינישער ייד וועלכן מ'האָט דאָ פאַר־טרויט דעם פּאָסטן פון דירעקטאָר פאַר תבואה־פאַרגרייטונג — אים האָט זיך זייער געוואָלט אַז דער בחור זאָל זיין א יידישער. ער האָט מיט עפּעס געוואָלט העלפן אַט די אָפּגעריסענע פּליטים וועלכע דרייען זיך הונגעריקע ארום איבערן מאַרק פון אוזבעקישן שטעטל. די כיטרע אוזבעקן זענען געוואָרן ביז גאָר מבינים אויף אָט דער חברה, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה, נאָר קלע־פּיקע פינגער. קוקן זיי דעריבער מיט חשד אויף די קויטיקע פינגער טאָקע, וועלכע ציען זיך צו די פּרוכטן. צו א קניפּל אין גאַרטל...

נאָר צו אָט דער מיטן קאַלמיקישן פּנים קער זיך אָן עפּעס מיט יידן?

— גרישאַ מיכײַלאָוויטש קאַרפּיענקאָ — איז הייסטו טאָקע: גרישאַ מיכײַלאָוויטש קאַרפּיענקאָ?

דער רוסיש, מיט וועלכן גרישאַ ענטפערט, איז עפּעס א שווע־רער, א צוגעדישעטער וואָס רייסט זיך ארויס מיט אָפּגעריסענע לופט־צוגן, ווי פון א קעלער ארויס.

— געגנוי... פון ארום לעמבערג... איך א ייד... ביעזשעניעץ...

ווייס שוין פּיאַטאַגאָרסקי מיט וועמען ער האָט צו טאָן. הייסט ער דער סעקרעטאַרין אָנשרייבן די ביטע פאַרן בחור, וואָל וויל אָנקו־מען אויף ארבעט אין „זאַגאָט־זיערנאָ", און אליין טוט ער זיך א צע־שרייב אין לייזיקן ווינקל, ווי אין א דרייעק:

„באשטעטיקט אָנצונעמען. ארויסגעבן פּראָוויאנט און אָפּקאָמאַנ־דירן.”. ביים אָנשרייבן: געווער — האָט פּיאַטאַגאָרסקי דערפילט ווי די זאך מיט דער ביקס איז גאָרניט גלאַטיק. וואָרים אויסצושיסן פון איר — איז ארויסגעוואָרפן די טרחה. די ביקסן וואָס דארפן דינען אָפּצוהיטן די תבואה־קערנער ווייס ער — שיסן ניט. איז גלייכער זיך צו פארלאָזן אויפן בחורס פויסטן, וואָס קענען אים ביז גאָר צוניץ קומען. אָבער פארפאלן. פּיאַטאַגאָרסקי איז א מענטש וואָס טוט אלץ לויטן געזעץ. האָט ער טאַקע צוגעשריבן: באזאָרגן מיט א ביקס אויך... ווייל דאָס געזעץ פארלאַנגט — אז די תבואה דארף אָפּהיטן א מענטש מיט א ביקס. אָבראַניק.

נאָך דעם ווי מען האָט אויף א פּארשריבענעם בויגן פּאַפּיר ארויפ־געלייגט די נויטיקע שטעמפּלען, אונטערשריפטן און באשטעטיקונגען, איז ארויסגעקומען:

„גרישא מיכיילאָוויטש קאַרפּיענקאָ איז געוואָרן א שומר פון דער תבואה, וועלכע די קאָלעקטיוון שטעלן צו פאר דער מלוכה — און ער נעמט אויף זיך עס אָפּצוהיטן מיט לייב און לעבן”.

* * *

עס איז נאָך אלץ זומער, אָבער פון די פעלדער ווערט שוין איינ־געזאַמלט דער ווייץ. ציען זיך די צוויי־רעדערדיקע וועגענער, די אוז־בעקישע ארבאַס צום זאַמל־פּונקט, ווו מען גיט איבער דאָס ווייץ פאר דער מלוכה. פון פארטאָג אָן איז שוין פּיאַטאַגאָרסקי דאָ, כאָטש די היץ סמאַליעט און קיין שאָטן איז ניטאָ. וואָרים קיין שפּייכלער פאר דער תבואה איז קיינעם ניט איינגעפאלן צו בויען באצייטנס אין דעם שפּעטן מלחמה־יאָר. מען וואַרפט די זעק אויפן וואָג, איינס איבערן צווייטן און שפּעטער שיט מען די קערנער אויס אין א קופּע, אויף א שטיק טרוקענעם פעלד, וועלכער מען האָט אָפּגערייניקט און אויס־געלייגט מיט ראָגאָזשעס.

בלענדט זיך דער גאָלדענער ווייץ אנטקעגן זון.

שעלטן די אוזבעקן מיט פּאַרדרום, קוים וואָס מען הערט:

— אנאַנסקי:

דערהויל וואַקסט אָט דער גאָלדענער סטויג אין פעלד. אזוי טאָג נאָך טאָג. פּיאַטאַגאָרסקי טעלעגראַפירט צום צענטער:

„מ'דארף לאַסט־אויטאָס אָפּצופירן די קערנער. מ'דארף וואַגאָ־נען, איידער די רעגנס הויבן זיך אָן”.

די ענטפערס אויף זיינע טעלעגראמעס זענען אביסל קאלטלעך:

— בודיעט. ס'ועט זיין...

וואהפט עס מיט פיאטאגארסקען:

— ס'ועט זיין. וואס מיינען זיי זיך מיט אט דעם: ס'ועט זיין!

אז גרישא קארפיענקא איז אין איינעם א פארנאכט אנגעקומען אהער, א לאנגער שאטן אויפן זאמדיקן וועג, מיט א ביקס אויפן אקסל — האט שוין דער סטויג ווייץ אויסגעזען ווי א היפשער גאלדענער בארג, איבער וועלכן מען קען ניט אריבערקוקן. האט ער פרובירט א שפאן טאן ארום אים — א מהלך.

גרישא האט זיך א טאפ געטאןביים קאפ:

— דער קאפ... פאר אט דעם ווייץ שטעל איך איין דעם קאפ...

לכתחילה האט ער געוואלט א שפיי געבן דערויף:

— איינשטעלן מיינעביינער פאר זייערטוועגן?

דערפילנדיק אבער דעם פירעקיקן, ווארעמען ברויט וואס איז געלעגן צווישן העמד און דער האריקער ברוסט זיינער, איז אים פון דעסטוועגן אויסגעקומען:

— וואס טויג דיר דער קאפ, אז אונטן, אין מאגן איז ליידיק. אבער לחלוטין ליידיק — טא וואס פארא חכמה שטעקט שוין אין קאפ? איז ער געבליבן.

די לבנה איז געהאנגען איבערן סטעפ, ווי א „קאפטילקע". פינצטער איז טאקע ניט געווען, אבער געזען האט מען גארניט, אויסער דעם איינענעם שאטן.

גרישא האט אראפגעשטעלט די ביקס נעבן די פיס, און זיך אנגעשפארט אן דעם ווייצענעם בארג. דער אוונט איז געווען א ווא-רעמער און ארום האט מען קיין שארך ניט געהערט.

ער האט פאוואליע, ווי איינער וואס האט געגנוג צייט, און זיך איילן איז אויך ניטא וואהין — און ביז אינדערפרי איז היפשלעך ווייט נאך — האט ער דערווייל גענומען רייסן שטיקער פון ברויט און קייען.

אים איז איינגעפאלן:

— טאמער מאכט זיך א גנב — דערלאנגסטו א געשריי: שטיי! איך שיס!

דערשרעקט זיך יענער און אנטלויפט, איז זיין מזל. נאר טאמער איז ער א קלוגיטשקער אזא, און וויים אז דיין ביקס איז פון נאפאר-לעאנס צייטן נאך, און זינט דאן האט נאך קיינער פון איר ניט אויס-געשאסן, און ער טראכט זיך: אנוקא — לאמיר זען דעם דאזיקן

שיסער... דעמאָלט ברודערקע קומט אויס זאָלסט אים נעמען פאַרן גאָרגל און א קוועטש געבן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין...

קיין גנבים האָבן זיך ניט באַוויזן, און גרישא האָט דערקייט דאָס ברויט ביזן סוף און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט קיינעם ניט אָנגענומען פאַרן גאָרגל...

ארום האַלבע נאַכט האָט עס אים גענומען דרימלען. די פיס זענען מיד געוואָרן פון ארומקרייזן דעם באַרג פון תבואה. מיטאַמאָל האָט זיך איבערן סטעפּ דערהערט א לאַנג, אויסגעצויגן ווייען; און דאַן פון דער אַנדער זייט א געוויי, ווי דער ווידערקול.

— שאַקאַלן — האָט זיך גרישא א קלעם געטאָן אין דער ביקס.

— א רוח זיי אין די הינטישע פעלן — וואָס איז ביי זיי דאָרטן, חגא? זיך צעוווּיעט אביסל...

נאָר אײדער ער האָט ריכטיק א טראַכט געטאָן איבער אָט דער חברה, האָט זיך די זון צעשיינט און עס איז שטיל געוואָרן.

✶ ✶ ✶

צום שטעטל איז געווען א וויאָרסט צען, און נאָכן איבערגעבן די וואָך, האָט זיך גרישא אוועקגעלאָזן אויף זיין קוואַרטיר, א כאַטקע צעגנויפגעקלעפּט פון מיסט און ערד, מיט א קליין פענצטערל און א סקריפּנדיקע טיר. דאָרט האָט ער געוווינט מיט א לאַנדסמאַן, דודל „באַטיאַר". בסך־הכל האָבן ביידע פאַרמאָגט א שטרוי־זאַק אין וועלכן ס'האָבן זיך געהאָדעוועט אפשר טויזנט פליי, און אַן אַלטע, אויסגעריבענע, צוויטיקע וואַטענע קאָלדרע.

— עסט זיין א לייט — אזוי האָט דודל „באַטיאַר" פאַרזיכערט — וועלן מיר ביידע דערלעבן די פרייהייט. מען בינדט צו די הויזן, אָט דאָ אָ — ווייזט ער אים ווי מען בינדט צו די הויזן — און מען שיט זיי אָן מיט וווייץ... דאָס רעשט לאָז איבער פאַר מיר. מ'קען עס פאַרקנאַקן אויפן באַזאַר.

— מיין קאָפּ... מ'קען פאַרלייגן מיטן קאָפּ... שוין גענוג אָנגעליטן זיך אין לאַגער...

— מ'דאַרף דיר געבן קייען שטרוי... גיי רייד מיט א בהמה...

שפּאַנענדיק ביינאַכט ארום דעם אָנפּאַרטרויטן תבואה־באַרג האָט זיך ביי אים אין מוח געפּרוּווט פאַרהעקלען איין געדאַנק מיטן צווייטן, למשל:

— ניט זיין קיין בהמה... ניט פארפאלן ווערן אין לאגער און דערלעבן די פרייהייט...

עס האט זיך אים געטראכט שווער. די געדאנקען, ווי אייזנבאן-רעלסן זענען געלאפן אין איין ריכטונג און ווי זיי צענויפבינדן האט גרישא ניט געוווסט:

— דודל „באטיאר" — עפעס קומט אים אלץ אן אזוי לייכט צו פארקלערן... און דא פאלט אים איין דאס, וואס אן ארעסטאנט האט אים אט, נאך דעמאלט אין לאגער געזאגט ביים האלץ־זעגן:

— אויף א פרעמדן הוייקער קען מען זיך אין גן - עדן ניט ארייננקריגן...

באַרענדיק זיך אזוי מיט די געדאנקען, האט ער ניט באמערקט ווי א שאטן האט זיך צוגעשארט גאר נאנט צו אים. פון דער טונקלקייט האט ער שוין אפילו געקענט זען אן אוזבעק און זיין אייזעלע.

— קאראפטשוק — האט זיך גרישא צעשריען — און א כאפ געטאן די ביקס. דער אוזבעק האט זיך ניט ווילנדיק געמאכט, און זיך דערנענטערט.

— קורסאק פראפאל — האט דער אוזבעק אנגעוויזן אויפן מאגן, וואס האט געדארפט באדייטן, אז ער איז הונגעריק.

— באראנטשוק — האט ער א וויז געטאן די האנט, מיט צע־שפרייטע פינגער, און גענומען רעכענען: איסמאיל; אכונביי; מוסטאפא...

גרישא האט זיך געכאפט אז דער אוזבעק האט פינף הונגעריקע קינדער, און כדי ער זאל אים גלויבן, רעכנט ער אויס זייערע נעמען:

— אנאנסקי — האט זיך גרישא צעשריען — ווער האט דיך געהייסן אזוי פיל אנפלאדיען — וואינא — און דו פארנעמסט זיך מיט קינדלען...

אז דער אוזבעק האט פון גארטל ארויסגעצויגן עטלעכע קנאפע-דיקע טשערוואנצעס — איז גרישא ווייכער געווארן.

— מאך עס ביסטרא, באביי — האט ער א זאג געטאן — און מער זאלסטו זיך דא ניט יאווען.

אז דער באביי איז פארשוואונדן מיטן אייזעלע, אויף וועלכן ער האט פארלאדן צוויי פולע טארבעס ווייץ, און א זעקל אינדערמיט, פאר גלייכגעוויכט — האט גרישא לייכטער אפגעאטעמט, און זיך פארזונען אפילו א שמייכל צו טאן, צו זיך אליין:

— ע דודל „באטיאר" — צו וואס טויגן מיר דיינע קונצן?

אין א פּאָר נעכט אַרום האָט זיך דער זעלבער אַלטער ווידער אָפּגעזוכט. דאָס מאָל האָט ער שוין געהאַט מיט זיך צוויי אײזלען.

— קאַראַבטשוק — און גרישא האָט א פּיר געטאָן מיטן האַנט איבערן האַלדז, דער אוזבעק זאָל אָן חכמות פאַרשטײן, וואָס עס קומט פאַר לקחנען מלוכישן ווייץ.

— בעלמיידע — פאַרשטײ גאָרניט. אײנס אָבער פאַרשטײט ער:

— קורסאַק — דער מאָגן. וואָרים אין מלחמה־צײט איז א שטיקל ברויט, מיט גאָלד גליך. נאָר דאָס האָט גרישא אַלײן געוווּסט, אָן דעם אוזבעקס האַווייעס... זײן אײנגענער מאָגן האָט עס אים ניט אײן מאָל געלאָזט ווּיסן.

דאָס געלט האָט ער אָנגעטרויט דודל „באַטיאַר".

— פאַרשטײיסט — איר טאָר קײן געלט ניט האָבן בײ זיך, טאָמער טוט מען א זוך... און טאָקע א פרעג אויך: פון וואַנען?

פּאַוואָליע, פריער גרישא און שפּעטער אביסל — דודל „באַטיאַר" האָבן מיט גרוים אָפּשײ צו זיך אַלײן גענומען אַרומגײן אין גרינע, ברעזענטענע שטיוול ווי די מאָדע איז געווען אין די צײטן. דאָס אַלײן איז שוין געווען א שפּאָן אוועק העט, העט פון אָט די באָרוועסע בחורים, האַלב - נאַקעטע אין הויזן פון זײער שיטערן און זײער צווייפלהאַפטן זאַק.

מיט געניטער כיטרעקייט האָט דער „באַטיאַר" אויסגעמייסטרע־וועט אַן אויסגעהוילטן ציגל, אין דעם פּרימיטיוון אויוון, וואָס איז געשטאַנען אָן נוצן אין א ווינקל פון דער כאַטע. אין מאַרק אַרײן האָט ער זיך געלאָזט מיט עטלעכע באַנקנאָטן, ווי אָט:

— דאָס איז געבליבן פון חודשלעכן אוואַנס...

דער זומער איז געשטאַנען, ווי קײנמאָל גאָרניט — א ברײַדיק הייסער, א טרוקענער. אפילו דער נאַרפּיי האָט פאַרלאָרן פון זײן מאַרע — און געוואָרן א שמאָל, ברודיק וואַסערל.

פון קײן לאַסט-אויטאָס, מען זאָל דעם ווייץ קאָנען אָפּטראַנספּאָר־טירן אין אַן עלעוואַטאָר אַרײן, פון אזא זאַך האָט מען איבערהויפּט ניט געהערט, כאָטש דער אָנגעשאָטענער ווייץ האָט זיך גאָלדיק גע-לויכטן איבערן פוסטן פעלד, און די סכנה איז געווען גרויס.

אזוי טעלעגראַפירט טאָקע פּיאַטאַגאָרסקי אין צענטער:

„דער ווייץ רייסט די אויגן", מ'דאַרף לאַסט-אויטאָס איידער ס'נעמט רעגענען. שיקט לאַסט-אויטאָס.

די ענטפערס אויף זײנע טעלעגראַמעס זענען אביסל קאַלטלעך:

— בודיעט. ס'וועט זײן.

און נאָך עפּעס:

„מיטן קאָפּ ביזסטו פאַראַנטוואָרטלעך דערווייל".

וואַרפט עס מיט פּיאַטאַגאָרסקען:

ס'וועט זיין... וואָס מיינען זיי מיט אָט דעם: ס'וועט זיין?

און איינמאָל טאַקע האָט עס געקאָנט קאָסטן דעם קאָפּ אויך. נאָר ניט פּיאַטאַגאָרסקיס. זיינער איז דעמאָלט אַרום האַלבע נאַכט, קען מען זאָגן, רואיק געלעגן אויף אַ קישן. וואָרים נאָך אַלעמען: — טעלעגראַמעס האָט ער געשיקט? געשיקט. געוואָרנט דעם צענטער וועגן דער סכנה? באַשטימט געוואָרנט. קאָפּיעס איבערגעלאָזט ביי זיך. און „אָכראַניק" מיט אַ ביקס אוועקגעשטעלט? אוודאי אַזוי. אַלץ לויטן געזעץ און אַלץ באַוואָרנט, טאָמער מאַכט זיך עפּעס.

וואָרים פּיאַטאַגאָרסקי איז שוין געווען אַ געריבענער, און אויס־געקאָכט אין אָט די זאַכן. אַ סאָוויעטישער מענטש. געגאַנגען איז עס אין וועכטערס קאָפּ — אין גרישאַס טאַקע. אין איינער אַ טונקעלער נאַכט, דערוואַרט ער דעם באַקאַנטן אוזבעק, אָדער אַן אַנדערן וואָס האָט שוין באַוויזן צו געפינען דעם וועג אַהער צום ווייץ, און וועלן מיט אים כמעט אייגן. נאָר עס איז געווען שטיל און קיינער האָט זיך ניט געיאָוועט, צוגעווינט צום ווייסן פעלד און צו דער פינצטערניש, האָט זיך גרישאַ אָנגעלענט, אָן דער ביקס, ווי אַן אָנשפּאַר און זיך גענומען פאַרדרייען אַ מאַכאָרקע.

מיטאַמאָל האָבן זיך צעווינט היענעס. תמיד געשעט עס מיטאַמאָל, אָן אַ וואָרענונג אַפילו — טראַכט זיך גרישאַ. כאָטש ער איז שוין געווינט געוועזן צו דעם נאָגנדיקן צעצויגענעם וויען, האָט ער אָבער דאָס מאָל דערפילט, אַז דאָ זענען זיך צענויפגעקומען עטלעכע חיות, איינע האָט פאַרצויגן אין איין עק פעלד, און איידער וואָס האָט זיך דערהערט אַ נאָך מער וויענדיק געוויין אין אַנדער עק. דאָס וויען איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלאָרער און וויטאָגליכער. עס נעמט זיך דערנענטערן. אַזוי דאַכט זיך גרישאַן. ער זעט שוין אַפילו פייערלעך פינקלען, ווינקען זיך איבער. און דאָס געיאָמער — אַזש עס צופּט ביי דער נשמה און עס נעמט גליווערן. די ביקס — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, נאָר זיך דערמאָנט, אַז די ביקס איז גוט אָפּצושרעקן מענטשן. וויענדיקע שאַקאַלן פאַרשטייען זיך ניט אויף אַזאַ כלי, סיידן זי נעמט שפּייען מיט פייער.

ער האָט זיך גענומען טיפער איינגראָבן אין ווייץ.

— זאָל כאָטש די פלייצע זיין פאַרזיכערט...

עס האָט געדויערט אַן אויגנבליק, ווי מען איז אים באַפאַלן פון אַלע זייטן.

— באַנדיטן... באַסמאַטשעס — האָט עס גרישאַן א בליץ געטאָן אין קאָפּ. די אַלע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אין קאַלטע נעכט אָנגע־הערט אין די „טשייכאַנאַס" וועגן די אוזבעקישע באַנדיטן, די באַס־מאַטשעס זענען איצינד קאַפּויער געקומען. עמעצער האָט אים פאַר־שטאָפּט ס'מויל. מ'האָט ארונטערגעדרייט די הענט און פעסט צוגע־האַלטן. נאָר סיי ווי — ער איז געשטאַנען ווי א געליימטער.

— באַשקאַ פּראַפּאַל — האָט אַן אוזבעק אויסגעשריען און אין דער רגע האָט א לאַנגער מעסער א פינקל געטאָן גאָר נאָנט פון זיין האַלדז, און עמעצער האָט געלויכטן מיט א לאַמטערן, מען זאָל זען...

— דער סוף — האָט א קאַלטער שווייס באַנאַסן זיין קערפּער... מ'עט שוין די פריזהייט ניט דערלעבן... די באַנדיטן... האָסטו דיר — האָט גרישא גענומען אין זיך באַקלאָגן דעם קאָפּ, וועלכן דער אוזבעק האָט דערקלערט פאַר פאַרלוירן:

— באַשקאַ פּראַפּאַל...

נאָר געשאַכטן האָט מען אים ניט. ס'איז געווען א ביטרע געגנל אזא, אים אָפּצושרעקן און צעמישן. מ'האָט אים אריינגערוקט א זשמע־ניע מיט קנאַקעדיקע באַנקנאָטן, צוגעלייגט א פינגער צום מויל — ער זאָל שכל האָבן היטן עס.

און גרישא האָט געהאַט שכל — א ברירה האָט ער געהאַט?

אָן א שאָרך, ווי זיי זענען אָנגעקומען, איז דער קאַראַוואַן פון אייזלען מיט קעמלען, באַלאָדן מיט פולע זעק ווייץ אוועק אין דער נאַכט אריין.

נאָכער, פאַרשטייט זיך — איז מען געוואָרן פריינד. געטרונקען א פלעשל אראַק אפילו — וואָרים דער קאַראַוואַן האָט גענומען מאַכן זיינע נאַכטיקע אָפּשטאַטונגען מיט א חשבון און מיט געניטער פאָרזיכטיקייט.

מ'האָט שוין דאַן געטראָגן ברוינע, לעדערנע, געשנורעוועטע אמע־ריקאַנער שיך און לעדערנע רעקלעך אונטערגעשלאָגן מיט פוטער.

— דודל „באַטיאַר" — האָט גרישא אים געקלאַפּט אין פּלייצע. ביזטו א ממזר ביזטו. אז מען זעט גאַרניט אזא סחורה אפילו אויפן באַזאַר...

דודל „באַטיאַר" האָט געהאַט זיינע וועגן. דאָס וויכטיקסטע איז געווען צו דערגיין וועלכער זאַוואַד קריגט עס די פריינדשאַפט־פּעקלעך, וואָס קומען אָן פון אמעריקאַנער ארבעטער — פאַר די

רוסישע ארבעטער. דאָס איז ניט לייכט. פּאַרטיי-לייט זענען פאַר־
מישט. אָבער אז מען דערגייט דאָס, איז שוין דאָס רעשט:

— טשעפּוכאַ — אזוי פאַרזיכערט דוד „באַטיאַר". און א מינע
מאכט ער ווי איינער וואָס ווייס זייער אסך, נאָר ס'איז גלייכער ניט
צו ציען אים ביי דער צונג.

אינדערפרי, טראַגנדיק דאָס געלט איינגעוויקלט ארום לייב, האָט
עס גרישאַן געוואָרפן פאַר מורא.

— איז וויפל האָט מען שוין אין דיין באַנק? האָט ער אויף
טשעקאַוועס געוואָלט וויסן פון דודל „באַטיאַר".

דודל האָט א גלעט געטאָן דעם אויזון, ווי עס וואָלט געווען
א גוט, און ליב באַשעפעניש, און א קנייטש געטאָן דעם שטערן:

— מ'האלט שוין ביי א מיליאָן... און פאַרזשמורעט דערביי
אן אויגל. — אז מען וועט דערלעבן די פרייהייט, אין לעמבערג,
דאָרט וועט מען ערשט א לעב טאָן...

איז גרישאַן אויסגעקומען, אז דוד איז ביז גאָר גערעכט, און
ס'איז טאַקע ביז גאָר נויטיק אָפּצוהיטן א רובל.

וואָרים וויפל ס'איז א מיליאָן — דאָס האָט פאַרשטייט זיך
גרישאַ ניט געוווסט, און ביי אים איז רעכט געווען אז דוד ווייס עס
אויך ניט, ניט מער —

מ'עט זיך איינשאַפן א שטוב, א צוויי קי — טאַקע אין שטעטל
וואָס ארום לעמבערג — און מ'וועט שוין האָבן א ווייב אויך.
דערויף וועט סטייען. כאָטש נאָך דעם שידוך מיט גאָלדען איז ער
ביי זיך שוין גאַרניט געווען אזוי זיכער, אז ער וועט האָבן א ווייב
אויך. נאָר ווייל ס'האָט זיך געלייגט אויפן שכל אז צו א שטוב מיט
צוויי בהמות דאַרף מען האָבן א באַלעבאָסטע אויך — האָט ער
זיך צוגעגעבן חשק:

— ס'וועט זיין א ווייב אויך. וואָרען? אלע זענען דען ווי גאָלדע?

* * *

איבערגעקומען די שרעק מיט די באַנדיטן, וואָס שטעלן צו
א מעסער צום האַלדז — זאָלסט רוקאַ געמען ביי זיי געלט — איז
גרישאַן אויסגעקומען — קען שוין גאַרניט מער מיט אים פּאַסירן.
אביבע מען וועט א פּאַק טאָן דודן מיט דער מאַטניאַ און ער וועט
נעמען שיטן... כאָטש דוד — דאָס ווייס ער — איז ניט קיין יאָלד,

און קען אָפּבראָקן א ליגן עס זאָל זיך לאָזן גלויבן, ווי דער ריינער אמת. שפּילסט זיך מיטן „באַטיאַר"...

נאָר אין איינער א קילער, אויסגעשטערנטער נאַכט האָט זיך באַוויזן אין איינזאַמער רייטער אויף אן אייזעלע. ער האָט דורכגע־שניטן דאָס פעלד און זיך דערנענטערט.

— עך טשאָרט אוזבעקישער — וואהין קריכסטו? האָט זיך גרישא צעשריען — אָט שיס איך!

ווייזט אויס אז דער רייטער האָט זיך דערשראָקן אויף אן אמת, און איז שטיין געבליבן. אז גרישא איז שוין געווען גאָר נאָנט, האָט דער רייטער אראָפּגעכאַפּט די אוזבעקישע קוטשמע, און א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— א פרוי — האָט זיך ביי גרישאן ארויסגעכאַפּט פון איבע־ראַשונג, וואָס איז אריבער אין פאַרלוירנקייט.

— ביזט ניט קיין מיאוסער בחור — האָט די פרוי א זאָג געטאָן אין א גוטן רוסיש, מיט א וואַרעמער שטים וואָס דערוועקט גלויבן. דעריבער האָט גרישא א טראַכט געטאָן:

— ווי אַלט קען זי זיין? דער קול איז ווערדליק פון א גאַנץ יונגער — נו, און וואָס קען זי אָנבאָטן פאַרן ווייץ — וואָרים נאָך דעם איז זי דאָך געקומען. אַלע קומען זיי דאַ אהער אָט ווי א בער דערשמעקט האָניק, אַזוי דערשמעקן זיי דעם ווייץ...

גרישא האָט געוואָרט.

זי איז אראָפּ פון אייזעלע, אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אוזבע־קישן כאַלאַט אין וועלכן זי איז געווען איינגעוויקלט. איר ווייסער קערפּער האָט א פלאַטער געטאָן, און ער האָט זיך געכאַפּט, אז זי איז כמעט נאַקעט. זי האָט מיט ווייכע הענט ארומגענומען זיין האַלדז און דער ריח פון צעוואַרעמטן פרויען לייב האָט זיך אריינגעריסן אין זיין איינגעווייד, אזש ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם. זיינע ברייטע, צעוואַקסענע הענט האָבן זיך ניט געטרויט איינצוקלאַמערן אין אָט דער ווייכקייט, וואָס צווינגט זיך ארויף אויף אים.

נאָר זי האָט אים א פליסטער געטאָן אין אויער:

— קום טייערינקער, ביזט דאָך א מאַן...

דער דאָזיקער פליסטער איז געפאַלן אין זיינע אויערן ווי עס פאַלט אמאָל א שטיין וואָס רייסט זיך אָפּ פון אורהאַלטע, בערגיקע שטיינער־מאַסיוון. דער עכאָ פון פאַלן צעטרייסלט די שטילקייט און שלעפּט מיט זיך נאָך אנדערע שטיינער און דאַן נעמען זיך גאַנצע

בערג קרישלען און פאלן. דער בארגיקער מאסיוו ווערט אויפגעוועקט פון אוראלטן שלאף.

אין יענער רגע האט עם פאסירט מיט גרישאן. ער האט זי א ווארף געטאן אויפן וואטענעם כאלאט און גענומען פאלן, פאלן און זיך קלאמערן מיט אלע אברים. מיט ווייבערשער געניטקייט האט זי אים איינגענומען. מיט ווייבערשער געניטקייט זיך געצייצט מיט אים, און ערשט היפשע רגעס שפעטער האט ער זיך ארייננגע־ריסן אין איר, ווי די פאלנדיקע שטיינער רייסן זיך אריין אין טאל.

שפעטער איז ער געלעגן ווי א רואיקער טייך, וואס האט נאך א שטורמישן דורכרייסן צווישן ענדלעך געפונען זיינע וואלדיקע ברעגן און איז ווייטער געפלאסן אומשולדיק בלוי, מיט א בארואיק־טער שטילקייט.

נאר די הענט זיינע האבן זיך נאך אלץ פינגערדיק געקלאמערט אין איר.

— אט טשודאק — האט זי א לאך געטאן און זיך ארויסגע־גליטשט פון זיינע הענט.

גרישא האט אנגעפילט די זעקלעך די זעקלעך מיט ווייץ. זי אליין פארלייגט אויפן רוקן פון אייזל. פון אן עקסטרא־איינגענייטער טאש אין די הויזן האט ער ארויסגעצויגן עטלעכע טשערוואנצעס, און עס איר ארייננגעלייגט אין האנט.

— וועסט קומען?

— אט טשודאק — האט זי א צי געטאן דעם „אישאק" נאך זיך, און פארשוווּנדן.

דעמאלט האט גרישא א טראכט געטאן וועגן זיין חתונה מיט גאלדען. ס'האט זיך פארנומען גאנץ לייטיש. געווען אין דעם אפילו א שטיק לאגיק אויך. איינזאמע מענטשן, באפרייטע פון לאגער, פאר־וואגלט צווישן פעלדזיקע בערג כמעט שוין עק וועלט. ווארטן זיי דא, דער מבול זאל זיך ענדיקן. קען מען דאך שוין ווארטן זאלבאצווייט. אווודאי איז עס לייכטער. אזוי האבן געעצהט גוטע פריינד. און גאלדע אליין: זעט אויס א געזונטע, א קרעפטיקע. די באקן תמיד צעבליט, כאטש צו זאט איז מען ניט געווען. אנגעטאן ציכטיק, ארימלעך — וועדליק אין יענע טעג. אין לאנגן בראק האבן זיי זיך אנגעקערט שכנים. א פאר מאל זיך איבערגעגאנגען. זיך פאר־האלטן ביי אן ארומגעטיעסעטן שטיין, פון וועלכן מען האט קאנטיק שטיקער געריסן פאר א פונדאמענט. זיך דא א טוליע געטאן, זיך ארומגענומען. נאר עפעס אזוי, אן פייער, האלבווענגס. כאטש האלב־

וועגנס איז זי פון דעסטוועגן מיטגעגאנגען. איר צוגעלאָזנקייט איז געווען ווי א קלוגיטשקער לאָזן אים וויסן אז זי פארמאָגט גענוג ווייבלעכקייט. גרישא איז שוין געווען היפש צעבראַסטיעט; היפש פארנאַנדערגעוואָרעמט; היפש פארשיכורט פון דערוואַרטן די ביז גאָר נאָנטע רגע פון ווערן איינס מיט גאָלדען, פון דערפילן איר ציטער אויף זיינע גלידער. אין אָט דער לעצטער מינוט האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך:

— דעם סוד האַלט איך אויף נאָך דער חתונה...

אהיימצוּוועגנס, נאָך דער חתונה ביים בוכאַרער רב, האָט זיך דער לאָסט-אויטאָ מאָדנע אריינגעקראָגן אין א וואַסער-גראָבן וואָס האָט זיך געשניטן צווישן די בערג, און זיך איבערגעדרייט. כאָטש דער שאָפער האָט זיך געשוווירן, אז ער איז ניט שיכור:

— א מאָל הונדערט — וואָרען, אוודאי א מאָל הונדערט געפאָרן שוין מיט אָט דעם וועג. האקט מיר און בראָקט מיר — ווי האָט עס געקאָנט טרעפן?

נאָר ס'העלפט דען: דער לאַסט-אויטאָ איז געלעגן אויף א זייט און די מענטשן, וועלכע זענען ארויסגעפלויגן איבערן ראַנד האָבן אים ניט געהערט. אָפּטרייסלענדיק פון זיך די בלאָטע, האָט יעדער באַטאַפּט זיינע אברים, כדי צו וויסן מיט וואָס מען איז אָפּגעקומען.

גאָלדע האָט געהאַט א צעריבן פנים, ווי זי וואָלט ארויפגעפאַלן אויף א ריבאייזן. פון אלע ריסן האָט עס געטריפט מיט בלוט...

צומאָרגנס האָט א פארבייפאָרנדיקער לאַסט-אויטאָ זיי געפונען, און מיטגענומען.

⭑ ⭑ ⭑

עס האָט גענומען טאָגן. גרישא האָט פארליינגט די ביקס אויפן אַקסל, און מיט גרויס חשיבות, ווי ער וואָלט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון זיין שטיין אויף דער וואַך, האָט ער גענומען ארומקרייזן דעם באַרג ווייץ, צוליב וועלכן מען האָט אים דאָ איינגעטלעך אוועקגעשטעלט; צוליב וועלכן ער טראָגט א ביקס און צוליב וועלכן טאָקע ער האָט אונטערגעשריבן א פּאַפּיר, אז ער וועט פארליגן מיטן קאָפּ באַדיי, נאָר אָפּהיטן דאָס מלוכיש פארמעגן.

די נאַכטיקע געשעפטן ארום ווייצענעם באַרג זענען אוועק מיט אזא רעש, אזש ס'האָט גרישאן גענומען שווינדלען דער קאָפּ. אַן אומרואיקייט האָט זיך אין אים באַזעצט, וואָס האָט ממש ווי מיט

אן אַקער איבערגעדרייט די גערערים. דער האַלדז האָט געבריט, ווי עס וואָלט שוין דערפֿילט די שטריק וואָס פאַרציט זיך.

— מ'עט הענגען... דודל „באַטיאַר”, זאָלן מיר אַזוי די פּריי-הייט דערלעבן, ווי מירן הענגען...

— האָב עס אין ד'רערד — איז דוד צו צום אויוון, אָפּגע-רוקט אַ ציגל, און גרישאַ האָט אַריינגעשטעקט די האַנט, דערפֿילט די טיפֿע גרוב אונטן, און דעם שאַרך פֿון געלט אין אַ זאַק.

— וויפֿל?

— שוין אוודאי אַ מיליאָן — האָט דודל „באַטיאַר” אים פֿאַר-זיכערט. מאַך נאָך אַ פּאָר רובל, און נאָכער איז היידאַ — מוישע זוך מיר...

ביי גרישאַן איז רעכט געווען אַ שפּיי צו טאָן אויף אַלעם, וואָרים עס איז אַ שפּיל מיט פֿייער. איז גלייכער נעמען דאָס זעקל און באַצייטנס זיך אָפּטראָגן, כל זמן דאָס פֿייער טוט ניט אַ סמאַליע אָפּ. און אַז צו דעם מוז קומען, האָט ער געפֿילט מיט אַלע חושים.

— וועלן זיי זיך ניט כאַפּן, ווי ס'קומט צו די אוזבעקן אַזוי פֿיל ווייץ?

האָט ער אָבער געבענקט נאָך דער פֿרוי, וואָס האָט זיך יענע נאַכט באַוויזן.

— זי וועט קומען. פֿאַרוואָס זאָל יזי ניט קומען?

דער שאָטן וואָס האָט זיך געצייכנט אויפֿן נאַקעטן פֿעלד, אין דער ליכטיקער לבֿנה־נאַכט — דאָס איז געווען איר שאָטן.

— וואָדען? אוודאי איר שאָטן... און ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט.

גרישאַ האָט איר אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע הענט מיט אַזאַ כוח, ווי ניט אויף אָפּצולאָזן. מיטן אינסטינקט פֿון אַ זוויג-קינד, ביי וועמען דאָס געפֿיל פֿון אָנהאַלטן זיך אין לעבן ווערט געבוירן מיטן לעבן גופֿא — איז ער מיט די ליפּן צוגעפֿאַלן צו איר ברוסט. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער זי אַזוי געהאַלטן אויף די הענט, זיין פּנים האָט געפֿילט די קילקייט פֿון איר לייב, און די ליפּן האָבן דאָרשטיקע געזויגן...

— וואָט טשודאַק — האָט זי לאַכנדיק געמורמלט אין זיין אויער, און אים געדריקט צו זיך. אוועקגעלייגט יזי אויפֿן וואַטענעם כאַלאַט האָט ער מיט דער פֿאַרזיכטיקייט, ווי זי וואָלט געווען אַ טייע-רע פֿאַרצעלאַנענע ליאַלקע, וואָס קען זיך ביים באַריר מיט דער האַרטער ערד צעשיטן אויף טויזנטער פּיצלעך, און דערמאָלט האָט ער

שוין ניט איבערהויפּט צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. ער האָט זיך אויפגעלייזט אין איר, און געדוכט האָט זיך אים, אז זײן שיף האָט ענדלעך פאַראַנקערט נאָכן מבול בײ דעם ברעג, פון װעלכן ער וועט שוין קײנמאָל ניט דאַרפן אָפּרײזן.

די אויפלייזונג האָט אויפגעוועקט אין אים א גבורה, און ער האָט גרוים חשק געהאַט א נעם טאָן די פרוי אין זײנע הענט און אוועקשפאַנען מיט איר ווייט, ווייט — ווו קיינער וועט זי מער פון אים ניט קענען צונעמען.

דאָס מאָל איז זי געבליבן ביזן זונ־אויפגאַנג.

— רוף מיך נאַדיע — האָט זי געזאָגט — און וועגן אוועק־שפּאַנען מיט מיר עק וועלט — פאַרגעס. אויך דאַרטן וועט דיר סיבעריאַזשע געפינען.

ארויסגעשטעלט האָט זיך, אז נאַדיע איז א סאָלדאַטקע. סיבער־יאָזשע קען א ליאַדן טאָג אראָפּקומען פון פראָנט, און צוליב אזא מעשה וואָס אָט־אָ דאָ, ווי זיי ביידע, הייסט עס — צעפּערטלט ער זיי מיטן מעסער, וואָס ער האָט תמיד אין כאָליאַווע פון שטיוול.

— ביי אים — מאַכט נאַדיע — האָסטו ברודערל גוט געטראָפן...

און פון אים וויל זי וויסן:

— טאָקע נאָך ניט געהאַט קיין ווייב — תמיד אזא הונגעריקער ביזסטו...

וויל גרישא דערפון ניט ריידן. די בלוטן בושעווען אין אים, ווי א סיבירער זאַווערוכע, אָט ווי יענע, ווען זיי האָבן זיך געמוזט מיט שטריק צובינדן צום פערד און לאָזן אים גיין אליין. דאָס פערד האָט אויסגעפונען דעם וועג און זיי געבראַכט צוריק אין לאַגער אריין. נאָר פון מאָל צו מאָל, אז די זאַווערוכע אין אים שטילט זיך איין, דערוויסט זיך פון דעסטוועגן נאַדיע:

— געווען. זיך ארומגעטראָגן מיט א סוד, די סטיערווע. אָנגעשפּילט זיך מיט מיר, ווי זי וואָלט א בתולה געווען. פאַר דער חתונה גאָרניט, כאָטש פּגר... און נאָך דער חתונה — ווי זי וואָלט א הייליקע פון שטיין געווען, נאָר צלם זיך איבער איר... דעם ערשטן פרייען טאָג, בין איך איר פּטור געוואָרן, דער סטיערווע. באַצאָלט די דריי רובל און געגעט...

— וואָט טשודאַק — וווּנדערט זיך נאַדיע — אזא מוזשיק ווי דו, ניט געקאָנט מאַכן פון איר א לייט. צו א נאַראָווויסטן פערד נוצט מען א בייטש...

— מיט כוח איז גוט ארויסצושלאָגן פייער פון א שטיין... — האָט גרישא א זאָג געטאָן און זיך אליין פארוואונדערט, פון וואנען עס נעמען זיך צו אים אזעלכע פארשטענדלעכע רייד

— האָסט א צונג, ווי א בריטווע — האָט נאָדיע א זאָג געטאָן און זיך איינגעביסן אין זייערע ליפן.

אז די זון האָט א רויטע גענומען איבערקוקן איבער די בערג, ווי זי וואָלט וועלן כאפן א בליק וואָס איז די נאכט דאָ אויפן פעלד אפגעטאָן געוואָרן, האָט נאָדיע פארשעמט ארויפגעוואָרפן אויף זיך דעם וואטענעם כאלאט, ארונטערגעשטופט אירע האָר אונטער דער וואָרעמער אוזבעקישער קוטשמע, גענומען פארן ציימל דאָס אייזעלע וואָס איז רואיק געשטאנען דערנעבן און געקייט ווייץ, פון סטויג ארויס.

גרישא — וואָלט מען געקענט זאָגן — האָט זיך דערפילט ווי ניי געבוירן. א גוואַלדיקער חשק האָט אים אָנגענומען צום לעבן, ווי דאָס — וואָס ביז היינט, איז נארניט געווען, און דאָ ערשט האָט ער אויסגעפונען, אז ס'איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט.

נאָדיע האָט אין אים אויפגעוועקט פארבאָרגענע קרעפטן וואָס האָבן געדרימלט אין די טיפענישן און ער אליין האָט פון זיי ניט געוווּסט.

אין זיין מוח האָבן זיך די געדאנקען געפּלאָנטערט, געקראָכן איינער איבערן צווייטן ווי אויף א לייטער. זיי האָבן געוואָלט עפּעס דערהגרייכן און אָנשלאָגנדיק זיך אָן א גלאטער וואנט, זענען זיי צוריקגעפאלן.

אויף זיכער האָט ער געוואוסט: פארהוילן דארף עס בלייבן פון דודל „באטיאר". און גראָד איצט וואָלט אים שטארק צוניץ געקומען דודס א פּאָרטל; א ביטרע געגנל אזא וואָס וועט אָט דער פארפּלאָנ-טערטקייט פארנאנדערקניפּן.

די וועלט, אין וועלכער נאָדיע האָט אים ארייגעפירט איז ניט גע-ווען קיין גרויסע. סך-הכל א ביין פון אדם'ס א ריפּ, וועלכע איז איבער-געפאָרמירט געוואָרן אין א מענטשלעכן גוף. נאָר זייט דער רגע פון דער באשאפונג איז עס איינגעהילט אין טונקעלע שלייערן פון אומפארשטענדלעכקייט. יעדער מאן, וואָס ווערט פארכאפט מיטן צויבער פון אָט דער באשאפונג ווערט אויך ארומגעכאפּט מיטן פאר-לאנג, ווי מיט א פייערדיקן רינג, די דאָזיקע שלייערן דורכצודרינגען, כדי צו אנטפּלעקן דעם סוד פון דער דאָזיקער באשאפונג.

עס טראָגט אין זיך דעם ווילן פון באנייאונג, פון איבערלאָזן נאָך זיך א צייכן פון זיין אויף דער וועלט.

מיט אלע חושים האָט גרישא דערשפירט, אז כדי צו באַנעמען אָט די וועלט, וועלכע זעט אוים גאָר אָן א סוף און הייסט: נאַדיע — וועט אפשר ניט גענוג זיין דאָס גאַנצע לעבן זיינס — פון וועלכן ער האָט שוין אגב אָפּגעלעבט א יאָר צוויי־דריי־און־דרייסיק.

אין איינער פון די נאַכטיקע באַגעגענישן, האָט ער פלוצלינג, אָן א טראַכט צוטאָן — געזאָגט: א פּאַס... מען קען קויפן א פּוילישן פּאַספּאָרט... אָט פון יענע, פון לאַגער באַפרייטע. א נייער נאָמען. מירן צוזאַמען אוועקפאָרן... מיר ביידע, ערגעץ ארום לעמבערג... א שטוב אין איינענע... א צוויי מעלקעדיקע בהמלעך... א ווירטשאַפט.

— עך טשודאַק — האָט נאַדיע אויף אזעלכע רייד געשמייכלט. פון אָט דער ערד בין איך. ניטאָ קיין גליקן אין דער פרעמד...

ביי גרישאן אין קאָפּ האָט זיך עס ניט פּאַטויפעט.

— דודל „באַטיאַר" — א וועלט פאַרדרייען קען ער, אָט דער „באַטיאַר" — האָט גרישא אָפּגעמאַכט ביי זיך, א רעד צו טאָן מיטן חבר זיינעם.

— נאָכאַלעמען: וואָס קען דאָס שאַדן?

אין שטיבל איז געווען שטיל. עפּעס צו שטיל. דער טשוואָק אויף וועלכן ס'האָבן תמיד דורס קליידער, איז געווען נאַקעט. גרישא האָט לענגער פאַרהאַלטן זיין בליק אויף אים — א פּראָסטער, פאַרזשאַווערטער טשוואָק, וואָס מיט זיין נאַקעטקייט פאַרציילט ער אַלץ.

מיטן לעצטן טראָפּן האָפענונג האָט גרישא א טאַפּ געטאָן דעם אויוון. דער ציגל, וואָס האָט געדינט פאַר אָן עפענונג האָט נאָכגעגעבן. גאָר גרינג נאָכגעגעבן. ער האָט אריינגעשטעקט די האַנט אין דער אויסהוילונג, נאָר דאָרטן איז מער גאָרניט געווען וואָס אָנצוטאַפּן. פּוסט. עפּעס אין אים האָט זיך אָפּגעריסן. ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויפן ערדענעם דיל, און מיט א שטאַרן בליק, ווי פאַרגליווערט האָט ער געקוקט אויף דער פּירקאַנטיקער לאָך — ווי מען וואָלט אָקאָרשט אראָפּגעלאָזט א מת, און דער מת איז ער אליין...

גרישא מיכיילאָוויטש קאַרפּיענקאָ...

א קנאַפּן האַלבן טאָג איז ער ווי א געליימטער געזעסן אויף דער ערד, געוואָלט באַווײנען דעם מת, וואָס איז אים נאָענט געווען; ביז גאָר נאָענט, און ניט געקענט. האָט ער אים באַוויינט מיט א שטאַרן בליק, און מיט אָט דעם בליק באַגלייט אין דער אייביקייט

אריין. עס איז געווען זיין אייגענע לוויה, נאָך וועלכער ער וועט ווידער זיך דארפן אומקערן צום לעבן.

אין שטיבל האָט זיך ארייגגעשאַרט א שאָטן, וואָס איז געווען נאָך ווייניקער ווי א מת. אפשר שוין גאָר א צוריקגעקומענער פון יענער וועלט. גרישא האָט אים ניט געזען. עפּעס אין אים האָט אויס־געפילט, אז דאָס איז דער שניידער בראגער... יענער האָט זיך אראָפּגעלאָזט נעבן אים אויף דער ערד, אָן רייד. אָן אבל... זאלבא־צווייט זענען זיי געזעסן אָן א באַגריף פון צייט, אָן א ווילן אויפצושטיין...

— האָט עס אים אויך געטראָפן... האָט גרישא ווי פון א שווערן שלאָף זיך גענומען אויסטשוכען... דאָס לעבעדיקע ווייבל, בראגערס...

און ביי בראגערן אליין האָט דער אָפּגעזעצטער צער באקומען לשון:

— אָפּגעשאָכטן... אָן א מעסער אָפּגעשאָכטן...

* * *

נאָדיע האָט דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען.

— ווייץ קאָכט מען אָפּ. אין מאָגן קען סעריאָזשע ניט ארייננקוקן. דו לעבסט — גוט. אוודאי האָט ער ליב א לעבעדיק ווייב. אָבער געלט — דאָ ברודערקע, איז צרות. פון וואנען? א פילק אין די ציין. פון וועמען? א ריס אין דער מאָרדע. ארומגעהורט זיך, דיעשאָווקאָ? און בלוט רינט איבערן פּאָל, ווי א טייך...

ווען איך האָב איר שכל — האָט גרישא א טראכט געטאָן.

די נעכט זענען געוואָרן קילער און לענגער און ערגעץ ווו האָט שוין געשמעקט מיט הארבסט, כאָטש געזעגנט האָט נאָך ניט.

פּיאַטאַגאָרסקי האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף וואגאָנעס; אויף לאסט - אויטאָס אוועקצונעמען דעם ווייץ, איידער ס׳הייבט אָן צו רעגענען.

— זאָלן שוין די וואגאָנעס קומען—האָט אויך גרישא געוואַרט אויף זיין אויסלייזונג.

נאָר אויפן אנדערן עק לאנד איז געווען מלחמה, און מ׳האָט זיך ניט געקאָנט העלפן.

א וואָכן צוויי שפּעטער, ווען נאָדיע איז צוגעפאָרן מיטן אייזעלע און ער האָט זי אראָפּגענומען אויף די הענט — האָט ער דערפילט

א פּיכּטקייט אויף איר פּנים, וואָס איז געווען ביטערלעך־זאַלציק אויף זיינע ליפּן.

— ווייניסטו? האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, צוליבן פּאַרדעס, אַז נאַדיען איז עפּעס געשען — און ער איז ניט געווען דערביי, זיך אָנצונעמען פאַר איר.

— סעריאָזשקע איז צוריקגעקומען — אביסל קאַנטוזשעט, אָבער מיט גאַנצעביינער און אַ שפּאָגל נייעם מעסער אין כאַליאַווע.

— עך מערזאַווצעס — האָט ער דערציילט פון די דייטשן — גוטע מעסערס מאַכן זיי, קאָנסט זיך אָפּגאָלן מיט אזא איינעם...

* * *

גרישאַס וועלט — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט אין דער רגע — איז געוואָרן איין פינצטערע נאַכט, וואָס האָט איינגעשלונגען נאַדיען און דאָס אייזעלע. ווען די זון איז פאַרטאָג אויפגעגאַנגען, האָט ער עס ניט באַמערקט. ער האָט נאָך אַלץ געזען נאַדיעס שאָטן זיך אויסגלייכן מיט דער נאַכט...

— אוים — הייסט עס — אוים מיט אַלעם...

ער האָט זיך אַ גלעט געטאָן פאַרן האַלדז און דערמאָנט:

— אַ פּאַפּיר אונטערגעשריבן אָפּצוהיטן דעם פאַרמעגן פון דער מלוכה, אפילו מיטן קאָפּ פאַרלייגן...

— אוים שטוב... אוים בהמלעך... אוים נאַדיע... פאַר מיר אליין, מיטן קאָפּ פאַרלייגן?

האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די ביקס, און מיט כּוח איר אריינגע-שטעקט אין באַרג ווייץ. ער האָט פעסטער פאַרצויגן דעם רימען אויף די הויזן, פאַרוואָרפן ס'זעקל אויפן פּלייצע, אויסגעשפּיגן:

— אין דרערד אריין...

און זיך אוועקגעלאָזט שפּאַנען מיטן נאַקעטן פעלד אהין, פון וואַנען די זון איז אויפגעגאַנגען...

אין א הארבסטיקער נאכט...

דאָס איז געווען א הארבסטיקער אָוונט, אויף א פארם. דרויסן האָט עס גערעגנט און רעגנטראָפּנס האָבן זיך געקרייצט אויף די שויבן. טרוקענע קלעצלעך האָבן געברענט אין קאמין, און פאַר־שפּרייט א היימישע ווארעמקייט. דער קאמין, פון געהאַקטע שטיינער מיט פארדרויכערטע זייטן האָט פארנומען כמעט א האלבע וואַנט. אין אזעלכע אָוונטן האָט ער געשאפן געמיטלעכקייט. אפילו גרויסע שוויגערס האָבן אין אזעלכע אָוונטן מיטאמאָל וואָס צו זאָגן.

זאלבאפערט זענען מיר געזעסן ארום קאמין. די פּאָטעלן, אלטע אויסגעזעסענע זענען ניט געווען צו ווייך, אָבער גענוג באקוועם. מיר האָבן גערויכערט. די לולקעס האָבן פארשפּרייט אַן אנגענעמען ריח, און האָבן אנטשפּאנט. צווערשט זענען מיר געזעסן שוויגעוודיק, פארקוקט אין פייער. בלויז די לולקעס האָבן זיך דורכגעשמועסט, ארויסלאָזנדיק פון זיך קנוילן רויך. די אָפּטקייט מיט וועלכע די רויך־רינגען האָבן זיך באוויזן, איז געווען א מין אָפּשפּיגלונג פון דער שוויגנדיקער אומרואיקייט, וועלכע יעדער פון אונדז האָט גע־טראָגן אין זיך.

עפּעס פון זיך אליין האָט זיך פארקניפּט א שמועס, און ווייל קאמין־ליכט און לולקע־רויך האָבן געגעבן דעם טאָן, איז עס גע־וואָרן א שמועס איבערן זין פון לעבן. געהאנדלט האָט זיך עס אייגנט־לעך וועגן אזא מין פראגע, וואָס איז אזוי נאטירלעך פאר אונדז, אז מיר באמערקן איר פּילו ניט.

דאכט זיך אזא מין פראגע: וואָס באוועגט דעם געוויינטלעכן, גרויען מענטשן אויף די שטאפּלען פון לעבנס־לייטער? יעדער פון אונדז האָט — מיט א טאָן פון ווויל־געלערנטקייט, געפּרובירט אריינ־קוקן אין דער טיף פון דער מענטשלעכער נשמה, און דאָ, ביים קאמין איבערגעבן וואָס ער האָט דערבליקט. עס איז אפילו גאנץ מעגלעך, אז יעדער פון אונדז האָט געוואָלט דורכשמוגלען א באהאלטענעם מיין, א מין פארענטפערונג.

דעמאָלט האָט יונה אויפסניי אָנגעשטאָפּט זיין לולקע, זי אָנגע-צונדן מיט א גליִענדער קויל, זיך פאַרצויגן און אונדז דערציילט א מעשה:

„באַגעגנט האָב איך אים אין דער פּאַמירער בערג-קייט, אין א גאָלד־גרוב. געהייסן האָט ער זאַלאָטאָוו, א העברעישער לערער פון א פּיצל ווייִרוסיש שטעטל. ווי קומט צו אזא יידן דער נאָמען זאַלאָטאָוו — דאָס איז ניט מיין עסק. דעמאָלט האָבן יידן געהייסן מיט אלע נעמען... זיין געשטאַלט שטייט מיר נאָך היינט פאַר די אויגן. ניהעריק, צוויי אויגעלעך איינגעגראָבן אונטערן שטערן. א מאָגער פּנים ווי אן אויסגעטריקנטער פייג, און א שפּיציק נעזל. די אויערן, א ביסל צו גרויס פאַר זיין קליינעם קאָפּ האָבן ארויס-געשטעקט ביי די זייטן פון א גלאַטן פליך, פאַרדעקט מיט א היטל. דער דאַשעק פון היטל איז געווען דורכגעבראָכן און האָט זיך געבאָמבלט איבער די אויגן. דאָס היטל איז געווען א טייל פון אים, און ביי מיר איז רעכט, אז ער איז מיט איר געבוירן געוואָרן. ווארים זי איז שוין אויך אלט געווען ווי זאַלאָטאָוו. זיין שטים איז געווען ווי ביי א יונג הענדל, וואָס פאַרנעמט זיך צו קרייען נאָר אלץ וואָס עס לאָזט אויס איז א פּישטש. ביים ערשטן מאָל אָנצוקוקן אָט דעם מענטשן האָט מען זיך געמוזט וואונדערן, ווי אזוי די שטאַרקע ווינטן וואָס יאָגן ווילד ארום אין די בערג, פאַרטראָגן אים ניט אין טאָל אריין. וואָרים ביי מיר איז רעכט געווען, אז ער האָט געוויגן אן אכט קילאָ מיט די זאכן...

געאַרבעט האָט ער אין דעם שווערסטן, כמעט אומצוטריטלעכן און ניט געשטיצטן פונקט פון די גאָלד־גרובן. איך אליין בין דאָרט געווען עפּעס מער ווי א יאָר. געזען ווי ריזן, קרעפטיקע מענטשן ברעכן זיך איין און זוכן ארבעט אויף דער אויבערפלאַך. אז איך בין דאָרטן אָנגעקומען, האָט שוין זאַלאָטאָוו א לאַנגע צייט געאַרבעט אונטער דער ערד. איך האָב באוואונדערט מיט וואָס פאַרא עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט דער מענטש טראָגט זיין דאַר, אויסגעטריקנט גופל, אָט דאָס זעקל ביינער אַנטקעגן די פּרעסט, שניי-שטורעמס טאָג איין, טאָג אויס איבער די באַרגיקע וועגן וואָס ציען זיך אויף קילאָמעטערס. וויסן דאַרפט איר, אז די גאָלד־גרובן האָבן זיך גע-פונען אויף א הויך פון צוויי טויזנט מעטער. עס איז געווען מלחמה-צייט און צו זאָט איז קיינער פון אונדז ניט געווען. יעדערער האָט געזוכט צו שפּאָרן די כוחות.

מיר האָבן זיך נענטער באַקענט. ער האָט פאַרמאָגט וויסן, אינ־טעליגענץ און זיך געקענט איינאָרדענען ביי א לייכטערער ארבעט, מיט א קלענערן איינקונפט. געוויס, די „סטאַראַטעלעס״ (גאָלד־זוכער) האָבן פאַר זייערע גאָלד־באַנעס באַקומען מער פּראָדוקטן ווי מיר, אויף געוויינטלעכע קאַרטלעך. אָבער די ארבעט, זיך גראָבן אין פעלדן, אויסוואַשן נאָכער דאָס גאָלד אין אייזיקן וואַסער. דאָס האָט צוגענומען אַלע קרעפטן, און מ׳האָט לייכט געקענט אָפּשפּאָרן א רעומאַטיזם...

פאַרשטייט זיך, ניט איך האָב געהאַט צייט און ניט געדולד זיך צוקוקן צום דאָזיקן מענטשן, אז דער קאָפּ איז תמיד געווען פאַרנומען צו קריגן א קיי, וואָרים א הונגעריקער מאָגן איז דיר ניט קיין פאַן בראַט... אָבער ווען נאָר איך האָב אים באַגעגנט, האָב איך פונדעסטוועגן, כמעט ניט ווילנדיק א טראַכט געטאָן: וואָס פאַרא קראַפט לאָזט דעם מענטשן ניט רוען, און טרייבט אים יעדן פרימאָרגן אָדער יעדן אָוונט אריין אין די שאַכטן אויף צוועלף שעה און שטענדיק דראָט א געפאַר, אז ס׳מינדסטע שטיינדל, וואָס וועגט פונדן, זאָלן דיך צודריקן, אָדער דעם קאָפּ צעפּלעטן. געלט־גייציק איז ער ניט געווען. קיין איבעריקע קליידונג האָט ער ניט פאַרמאָגט. זיין טואַלעט איז באַשטאַנען פון א פּאָר שווערע שיך, הויכע וואָלענע זאָקן אין רייט־הויזן אָפּגעשאָסענע פון דער זון, און דאָס היטל...

דער מענטש האָט אין זיך געהאַט אזוי פיל ווילן און אויסדויער וואָס האָט אונדז יינגערע געפעלט. מיר האָבן בלויז געוואָלט איבער־לעבן, און זיך באַנוגנט מיט ווייניקער. אים האָט באַוועגט א כוח, ווי א שטאַרקע פּרוזשינע צו א געוויסן ציל. מיט דער פאַרביסנקייט, ווי נאָר א ליטוואַק קען, איז ער דורך ווינטיקע, פראָסטיקע נעכט פול מיטן געוווי פון שאַקאַלן, און אין פינצטערע זומער־נעכט — מאַר־שירט צו די שאַכטן, ניט פאַרפעלנדיק קיין טאָג. איך האָב אַלץ געפּרוווט אויסטאַפּן ביי אים, ווו עס שטעקט דער סוד פון זיין אויס־געהאַלטעוודיקייט, דער כוח מיט וועלכן ער טראָגט אַלץ אריבער.

א צופאַל האָט מיר געעפנט די אויגן אויף א זאַך, אויף וועלכער איך האָב קיינמאָל קיין אכט ניט געלייגט. נו טאַקע, ווען פון אונדז וואָלט עס נאָר איינגעפאַלן, אז דער דאָזיקער אויסגעטריקנטער מענטשל, ווי אַן אינדישער יאָגי, זאָל זיין ענערגיע שעפּן פון א קוואַל, וואָס הייסט: פרוי...״

יונה האָט אויסגעקלאַפּט די לולקע, כדי זי אויפסניי אָנצו־שטאָפּן.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ געוואַשן די שויבן. דער אָפּגלאַנץ פון די צעגליטע קוילן איז געפאַלן אויף די ווענט. אונדז האָט זיך ניט געגלוסט צו פאַרלאָזן די פאָטעלן ביים קאַמין, האָבן מיר געבעטן יונהן ווייטער דערציילן.

געווען איז זי אַ יונגע, געוויקסיקע פרוי; שיין געבויט מיט אָנגע־נעמע געזיכט־שטריכן. פון איר וואָלט מען געקענט אויסשניידן ווייי־ניקסטנס דריי זאַלאַטאַוס. אָבער ערגעץ אין אירע אויגן האָט געגליט אַ ביטרע, פרעמד פייערל. גערופן האָט מען איר זיסל, און געשטאַמט האָט זי פון אַ שטעטל, ערגעץ אין ליטלאַנד. (אזא טבע האָט שוין יונה געהאַט: באַשרייבן אַ מענטשן מיט אַלע געאָגראַפישע פּיטשעפּ־קעס) לויט איר געשטעל וואָלט זי לייכט געקראָגן אַרבעט אין דעם אַרבעטער־דאָרף ביי די שאַכטן. דאָך האָט זי זיך היימלעך צעלייגט אין קליינעם צימערל פון זאַלאַטאַוון. דאָס צימערל איז מיטאַמאָל פול געוואָרן, דאָס איז זי געוואָרן זיין ווייב.

זאַלאַטאַוו האָט געהאַט גענוג שכל צו פאַרשטיין, אַז זי איז אין אים, דעם קליינעם מענטשל ניט גאָר שטאַרק פאַרליבט. דאָך איז ער געווען גליקלעך, וואָס ענדלעך האָט ער די גאַנצע פרוי, און ניט קיין אָפּגעריסענע שטיקלעך ליבע צופעליקע.

און אפשר האָט ער ערנסט געמיינט, אַז דאָס וועט זי עס זיין זיין חבר אין לעבן? זיין גאַנג איז געוואָרן חשובער, זיין בליק — פריילעכער. דאָס לעבן אָבער גיט ניט קיין גליק מיט דער פולער האַנט. אין יעדן בעכער גליק, לאָזט ער אריין אַ טראָפּן גיפט, — וואָס פאַרביטערט די זיסקייט פון געטראַנק. (דאָ האָט יונה געהאַלטן איז די פאַסיקסטע געלעגנהייט ארויסצוזאָגן אַ מיינונג וועגן גליק...)

זאַלאַטאַווס גיפט איז געווען אַ יונגער בחור מיט בלאָנדע, קורץ געשוירענע וואָנסעלעך. דערשנאַפּט האָט ער זי אין איינעם אַ פרי־לינגדיקן פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אַרונטערגעגליטשט הינטער די בערג און זייער גרויקייט פאַרוואַנדלט אין פורפור (אַ יונה, יונה דער פּאָעט!) ער האָט זי אָנגעטראָפן, אויג אויף אויג און זיי האָבן זיך אפנים פאַרשטאַנען אויפן וווּנק. און וויפל דאַרפן עס יונגע מענטשן עס זאָל זיך ביי זיי פאַרקאָכן?

פארשטייט זיך, אז מענטשן קענען ניט פארטראגן אין עולה, און דעריבער האבן זיי באצייטנס געעפנט די אויגן פון גליקלעכן מאן, און טאקע אין הקדמות אים געזאגט אזוי: רחל בתך הנאקעטע...

זאלאטאוס טעג און נעכט אין די שאכטן האבן זיך פון גליק־לעכע דערוואַרטונגען פארוואנדלט אין אומרואיקער, הארצקלאפעג־דיקער אומזיכערקייט.

— וועט זי נאך זיין אין דער היים, ווען איך וועל צוריקקומען?

ווען זי איז אוועק פון אים, האבן מיר א צייט געוווינט צוזא־מען אין קליינעם צימערל. די איינזאמקייט האט אויך אים געדריקט מיט דער שווערקייט פון אלע בערג, אז א ווארט מיט וועמען צו ריידן, איז ניטא. אין זיין אפריידן זיך פון הארצן איז ער געקומען אויף דער לעצטער נאכט פון זייער צוזאמענלעבן.

— ניין, זי איז ניט אוועק פלוצלינג, אין א זיי געזונט. עס איז געווען א נאכט אין שלאף, אבער אין סצענעס און אין טרערן.

— היינט איז די לעצטע נאכט — האט זי געזאגט — זי געהערט נאך דיר...

און אזוי האט יונה פארענדיקט די מעשה:

זאלאטאוו האט זיך ניט איינגעבראכן, ניט אריינגעפאלן אין פארצווייפלונג, נאר ווי פריער געארבעט מיט ברען און מיט עקשנות, ווי ער וואלט וועלן ארויסרייסן פון בארג דעם גאנצן אוצר וואס ער טראגט אין זיך. פון זיינע אויגן האט בלויז ארויסגעקוקט פאר־דרוס ווי ביי א קינד, ביי וועלכן מען האט אפגענומען א שיין שפיל־צייג און אפגעגעבן א צווייטן. ער האט אלץ געבענקט נאך א פרוי וואס זאל אים ארומנעמען מיט איר ווארעמקייט און שענקען איר ליבע. א צייט שפעטער בין איך אוועקגעפארן. כ'האב נאך פונ־דעסטוועגן באוויזן צו זען זאלאטאוס נייע באלעבאסטע.

דאס איז געווען א יונג, ניט מיאוס מיידל פון בעסאראביע (א יונה, דער ליבהאבער פון געאגראפיע...) זי האט זיך געפארעט ביי די זעקלעך שפייז און האט אויסגעזען גאנץ צופרידן. ווי לאנג האט זייער ליבע געדויערט?

און פונקט ווי מיר וואלטן דערוואַרט אן ענטפער, וועלכן ער קען ניט געבן — האט יונה צעפירט אין פארלעגנהייט די הענט.

* * *

אויף דער פאָרם האָבן שוין העננער נעקרייט. דאָס האָט אונדז דערמאָנט, אַז די נאַכט איז פאַרביי. מיט אַן אומווילן האָט זיך יעדערער אוועקגעלאָזט אין זיין צימער, אָנצוכאַפּן די פּאָר שעה שלאָף, און אפשר אויך פּרוּוון פאַרענטפערן די פראַגע פון מענטש־לעכן רייסן זיך פאָרויס.

די רעגנטראָפּנס האָבן ביסלעכווייז גענומען אָפּוואַשן די נאַכט פון די שויבן...

ביים פעלדז...

דער אָוונט איז געווען, ווי געוויינטלעך די זומערדיקע אָוונטן אין די בערג — אַ קילער. ניוטע האָט אָנגעטאָן די אויסגעשטעפּטע, וואַטענע בורקע און איז אַוועק צום אָפּגערעדטן אָרט. ער האָט ניט געהאַט ווייט צו גיין. אַזוי שנעל ווי ער האָט אַרומגעקרייזט דאָס הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שמאָלן פּאַס אויסגעהאַקט אין פעלדזיקן באַרג — האָבן זיך די אָנגעוואָרפענע שטיינער געהויקערט איינער אויפן צווייטן. טייל האָבן געהאַט גלאַטע, אָפּגעטיעסעטע זייטן, ווייל מען האָט פון זיי געריסן שטיקער צו בויען דאָס הויז; אַנדערע זענען געווען אָנגעוואָרפן, איבערגעבליבענער בוי-מאַטעריאַל.

דאָס איינציקע ליכט — בינטלעך לבנה־שטראַלן, האָבן נאָך לענגער צעצויגן די פעלדזיקע שאָטנס, און מ׳האָט קיינמאָל ניט געקענט וויסן, וואָס איז פעלדז און וואָס איז שאָטן — ביז מען האָט זיך ניט אָנגעשלאָגן דערויף. די ליכטיקע פּירעקן פון די איינצל־באַלויכטענע פענצטער אין דער שטאָקיקער געביידע, זענען אויך געווען אַ קנאַפּע הילף. קיין אויסגעטראָטענער וועג איז ניט געווען. האָבן זיי דעריבער גענומען דעם נאָענטסטן שטיין, הינטער וועלכן מען האָט געקענט געפינען פּריוואַטקייט. שאָטן האָט ער במילא געהאַט גענוג.

ניוטע האָט מיט דער האַנט אויסגעטאַפּט די היימיש־געוואָרענע אויסהווילונגען אין שטיין, און האָט דאָרט אַריינגעפּאַסט זיין ביינער־דיקן, יונגנטלעכן גוף.

ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר עטלעך־און־צוואַנציק. איינער פון די היימלאָזע בחורים, וועלכן מען האָט אין מיטן פון דער מלחמה אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט אין די וואָלפראַם־גרובן, ערגעץ ווו אין די פּאַמירער בערג.

די וואַטענע קורטקע איז געווען אַ נייע און אַ וואַרעמע. אויף וויפיל עס האָט זיך געלאָזט, האָט ער זיך באַקוועם געמאַכט, אָנגעלענט אָן שטיין און פאַררויכערט. דער גלי פון פּאַפּיראָס האָט אים צוגעגעבן דאָס געפיל פון ניט זיין אַליין, ער האָט געוואַרט.

עס איז געווען די דערוואַרטונג פון עפּעס, וואָס איז ניט ניי — פון עפּעס וואָס ער קען, אָט ווי דעם שטיין אין וועלכן ער לענט זיך אָן. און טאַקע דערפאַר האָט די דערוואַרטונג אין אים תמיד באַנייט דעם הונגער.

ניוטען איז ניט פרעמד געווען דאָס געפיל פון הונגער, נאָך פון דעמאָלט, אין טאַשקענטער תפיסה. עמיץ גראַבלט זיך מיט צוואַנגען אין די אינגעווייזן און ציט... ציט. עס איז אַ ציען ניט קיין פלוצלינגדיקער, אָט ווי מען ציט אַ צאָן, למשל. ארויסגעצויגן און פּאַרטיק. עס ציט לאַנג און נאָגנדיק ביז דער קאָפּ ווערט שווער, ווי עפּעס אַ פרעמדע פאַרגליווערטע זאַך, און די פיס ווערן ווייך, ווי גומענע בויגן זיי זיך אונטערן לאַסט פון קערפער. און דו זעסט רייפן: רויטע, שווארצע, גרינע — קיילעכדיקע רייפן דרייען זיך, שווינדלען אין די אויגן און פון יזיי נעמט זיך אויסטיילן ברויט: פּירעקיקער, ווי ציגל. די רייפן באַקומען אַ ריח, און אַז דו ווילסט עס איינבייסן, דערפילסטו אַ זויערן איבל אין מויל, און פאַלסט אַנידער אַ גלייכגילטיקער. רייסט זיך אָפּ פון דער וועלט און פאַר־זינקסט אין זיך, ביז ניט דאָ זיין.

אָנגעשפּאַרט אין שטיין, האָט ער אויך דערפילט אַ הונגער, נאָר פון דעם איז אים וואַרעם געוואָרן, אַ פרייד האָט גענומען צע־שפּאַרן זיין ברוסט; אַ פרייד, אין וועלכער ער וואָלט וועלן אַלץ ארומנעמען, און אַז ער לייגט צו דעם שטערן צום שטיין און דער־פילט דעם שטיינס קאַלטן ברי — פאַרשטייט ער דעמאָלט אַז ער גליט פון דערוואַרטונג.

נאָר אין דעם מאָמענט פּאַסירט מיט אים תמיד דאָס אייגענע: ער דערמאָנט זיך אַז זי איז יענעמס ווייב — דעמאָלט טוט עס אַ קאָנוואָלסיוון קראַמף אין ברוסט, און עס ווילט זיך פון ווייטאָג שרייען. קלאַמערט ער זיך אין שטיין, ווי ער וואָלט אויפלייזונג געזוכט ביים שטיין פאַרן דאָזיקן קראַמף.

נאָך דעם קראַמף ווערט ניוטע קלענער, איינגעשרומפּן. פּרוווט ער דעם געדאַנק פאַרטרייבן. קומט אים אָבער אויס, אַז די לבנה קוקט אויף אים מיט אַזאַ מין רחמנות-שמייכעלע, וואָס קען אפילו אַ שטיין רירן, ווען דער שטיין וואָלט אפילו אַ שטיינערן האַרץ געהאַט.

— ער האָט אַ בעט... פיר ווענט און אַ בעט... אָן אויסגע־וואַרעמטס... און די נאַכט איז אַ מאַמע צו זיי... זי דעקט זיי איין...

זי מאכט זיי איינס; און דאס קליינע מאנעלע, דאס צעקנייטשט, דאר מענטשל ווערט א גיבור; אלץ געהערט צו אים. און דו האסט נאר דעם שטיין און די פאר אפגעגנבעטע רגעס...

די שפיל מיט דער לבנה איז אים דערעסן. זי ציט זיך שוין אזוי פון אנהייב פרילינג, ווען די צעשמאלצענע שטיקער שניי נעמען זיך ארונטערגליטשן פון די פעלדזן צו שטראמען רווישיקע. דע־מאלט האבן יזיי זיך דא, ס׳ערשטע מאל געטראפן — און דעמאלט טאקע האט ער געזאגט צו זיך, נאר ווייזט אוים אז די לבנה האט אונטערגעהערט:

— עס איז נארניט, א צופעליקייט. א שפיל אזא, וואס מענטשן רופן אן: ליבע.

נאר אט איז שוין באלד דער זומער פארביי, און פון רחמנות־פנים איז געווארן חוזק־פנים, מיט וועלכן די לבנה קוקט אים אן, און דאס קרענקט אים שוין. ער פילט, ווי ריווע נעמט אין אים ארייגוואקסן. דאס הארץ ווערט ברייטער, ווי עס וואלט געמאכט ארט פאר נאך עמיצן, טאקע פאר איר — און אט, שוין האט זי זיך אריינגעצויגן אהין און ס׳איז ניט מער דאס הארץ, זיין הארץ — וואס קלאפט פאר אים, צאפלט פאר אים, וויטיקט צוליב אים. אצינד קלאפט עס פאר איר אויך, פאר צוויי. און דאס קלאפן קומט אים אוים איז שטארקער. און ווען זי פארפעלט צו קומען, טוט די פוסטקייט קלעמען, אזש עס ווילט זיך א פויסט אהין ארייגזעצן.

עס איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואלט זיך אליין געפאנגען אין א נעץ, וועלכע ער האט אויסגעפלאכטן און פון וועלכער ער קען זיך מער ניט ארויסדרייען. און ווען די לבנה קוקט אזוי אריבער צו אים, פארדריסט אים וואס ער אליין האט איר אונטערגעזאגט דאס ווערטעלע, מיט וועלכן זי שפיזלט אים אצינד:

— א שפיל אזא, וואס מענטשן רופן אן ליבע... און אליין זיך פארשפילט אין דער שפיל...

ענדלעך איז זי געקומען. דאס איז געשען נאכן פינפטן, און אפשר זעקסטן סיגארעט מאכארקע, לויט וועמענס גלי זי האט אים געפונען. די שטיינדלעך אין דער פינצטער האבן א סקריפע געטאן, און א שאטן איז צוגעפאלן צו אים. זיינע ביינערדיקע פינגער האבן זיך איינגעקלעמט אין ווייכע, רונדיקע אברים און א הייסער אטעם האט א ברי געטאן פייכטע ליפן.

נאכער האבן זיי גערעדט פון אים.

אייגנטלעך האָבן זיי תמיד גערעדט פון אים. ער איז פאַר זיי געווען דאָס וואָס דער טעפּער באַנוצט, כדי די האַרטע שטיקער רויען ליים ווייך צו מאַכן און באַהעפטן.

אזוי טאַקע — ער איז געווען פאַר זיי דער עלעמענט פון פאַרבינדונג.

חתונה געהאַט האָבן זיי ניט. אין א ווינטערדיקן טאָג, האָט איר דער לאַסט־אויטאָ געבראַכט אין די בערג אריין, צוזאַמען מיט נאָך אַרבעטער, זעק מיט פּראָוויאַנט, כלים. עס איז געווען קאַלט. דער וואַלקן איז געלעגן אונטער די פיס. שווער האָבן זיך געשטעלט די טריט אויף די לייַמיקע שפּועים. זי האָט ניט געוואָלט אַרבעטן, און ניט שטאַרבן פון הונגער.

ער האָט פאַרמאָגט א חדרל, אין וועלכן ס'איז אריין א בעט. די דריי ווענטלעך פון דאַך־פּאַפּע האָבן פאַרצאַמט א פּירעק ארום פענצטער. מערערע אזעלכע פּירעקן זענען געווען אויסגעצאַמט אין גרויסן צימער פון דער צוזאַמענוווינונג. אין מיטן האָט געברענט אַן אייזערנער אויוון, וועלכן די איינוווינער פון דער צוזאַמענוווינונג האָבן אויף א ביז גאָר אומפאַרשטענדלעכן אופן באַוויזן אָנצוהייצן. אין די נאַקעטע בערג האָט מען קיין שפּענדל ניט געקענט געפינען. קיין קוילן האָט קיינער ניט באַזאָרגט. אָבער דער אויוון האָט גע־ברענט, און מ'האָט אַפילו געקענט אויף אים עפּעס אָפּקאָכן.

ער האָט פאַרמאָגט א גאַנצן בגד, גאַנצע שיך מיט הויכע זאָקן, און עסן — פאַר צוויי. האָט ער געהאַט א פּנים? — דאָס איז שווער צו זאָגן. דאָס פוטערן היטל האָט כמעט אַלץ פאַרשטעלט.

סיי ווי — זי האָט זיך אַריינגעצויגן צו אים און איז געווען א גוט ווייב. אירע ברייטע, וואַרעמע אָרעמס האָבן אים איינגענומען, און ווי א קליין יינגל — איינגעוויגט. ער איז דאַן געשלאָפן מיט דער רואיקייט פון א נאַר־וואָס אָנגעזייגט קינד. אַלץ איז געווען פּשוט און פּראָסט.

צומאָרגנס האָט ער, מיט נאָך מער פאַרביסנקייט געריסן שטי־קער פון בארג, כדי צוצוקומען צום וואָלפראַם, פאַר וועלכן מען האָט געצאָלט מיט מעל, צוקער, אויל...

די ווייבלעכע בענקשאַפט נאָך א מאַן וואָס פעלט, נעמט געוויינלעך אריינדרינגען אין פּרויען - באַוווסטזיין, בשעת א קריג. דערפאַר, שטעט, געגנטן — ווערן אָפּגעריייניקט פון מענער — און מיט א מאָל ווערט דאָס פעלן פון א מאַן די צענטראַלע אַקס ארום

וועלכער עס דרייען זיך אלע באדערפעענישן פון דער פרוי; אירע געפילן און פארלאנגען.

אפילו דאס דאזיקע געפיל פון פעלן פון א מאן, איז ריווען פרעמד געווען.

ניוטע האט זיך ארייגעריסן דורך א פארבארגן טירל. זיין ווארט איז אנדערש; זיין צערטלעכקייט, זיין בליק — אפילו זיין שווייגן. די דאזיקע אנדערשקייט איז געווען ווי אן איינשפריצונג — און די רעזולטאטן דערפון האבן איר אי געפרייט, אי צעטומלט.

די דערפארענע פרוי — וואס האט שוין קיין איבערראשונגען אין איר לעבן ווי א פרוי ניט דערוווארט — האט זיך מיט א מאל געטראגן אן קאנטראל און בארעכענונג מיטן שטראם פון אן אינער־לעכער ציאונג.

עס איז געווען ווי דאס אייז, וואס איז ערשט ניט לאנג געווען א צענויפגעשמאלצענער מאסיוו, מיט דעם באוווסטזיין אז די ממשלה פון אייז איז אייביק — אצינד טראגט עס זיך איבערן שטראמיקן וואסער.

זי האט געקענט איר קערפער — די מאטעריע פון בלוט און פלייש און רעגונגען. זי האט תמיד געהאט די פולע קאנטראל איבער אים. נאטירלעך האבן ציטנווייז די רעגונגען גענומען די אויבער־האנט — אפילו דעמאלט האט זיך איר געדאכט, אז אלץ געשעט מיט איר ווילן...

* * *

זיי האבן דערפילט די קילקייט פון דער נאכט. אז ניוטע האט פארריוכערט, איז ער ווידער געווארן דער צענטער פון זייערע טראכ־טונגען. די נאכט ארבעט ער שפעט, און ריווע האט געוואלט ענדלעך אפמאכן מיט ניוטען, ווי זיי האלטן. אייגנטלעך איז עס בלויז גע־גאנגען אין דעם — ווען?

און ניט נאר זיי ביידע — ער האט אויך געמאסטן די צייט, דעם ווען. — ניט מער ער האט געוואלט דעם ווען אפשטופן, אפ־ציען. און ביי איר איז רעכט געווען אז: ווען? זאל זיין שוין מארגן... זי איז אפילו גרייט געווען צו גיין ארבעטן; ניוטע וועט זיין בחורש בעט ארומבויען מיט א ווענטל פון דאך-פאפע אנגע־צויגן אויף א הילצערן רעמל, אדער זיך גאר אפצאמען מיט אן אלטער קאלדרע. זי האט געוואלט האבן איר היים. פאר זיי ביידן.

עס איז ניט געשען מיט אַ מאָל, ווי דער שטייגער איז. אָבער ס'איז געשען. אונטן, אין טאָל, בײַ דער פֿאַבריק וווּ מען האָט גע־מאָלן די שטיינער און אויסגעוואַשן דעם וואָלפֿראַם, האָט די דירעק־ציע אויפֿגעבויט הילצערנע בײַדלעך. זיי זענען געווען באַשטימט פֿאַר יונג־חתונה געהאַטע פּאָרלעך. די דירעקציע האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך דערפֿילן היימיש, און אפֿשר גאָר איבערבלײַבן נאָכן קריג דאָ, ווײַטער צו אַרבעטן. בײַ יונגע פּאָרלעך — האָבן זיי גערעכנט — קען מען דערוואַרטן קינדער, און אַזוי ווערט מען צוגעבונדן צום בוים, וווּ דאָס נעסט איז אויסגעבויט.

זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן און רויִע האָט אויפֿגעהאָנגען ווײַסע פֿאַרהענגלעך אויפֿן פֿענצטער. אָן אויסגעשטאָפּטע לאַלקע איז געזעסן אויפֿן פּאַרבעטן בעט. אַז ס'איז זיי ענג געוואָרן אין שטיבל און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די פֿאַרנאַכטן שפּאַצירן, האָבן זיי די פֿיס — ניט ווילנדיק — פֿאַרטראָגן צום פֿעלדז — זייער שטומען פֿרײַנד.

אויף דערוויל...

די פליטים זענען געוואָרן גאַנצע מייסטערס פון לעבן אויף דערוויל. האָט זיך נאָך דער עשעלאָן אָפּגעשטעלט ערגעץ ווו, א באַן-סטאַציע אָדער א וויסט פעלד — אַלץ איינס — זענען שוין געשטאַנען דריי ציגל, א טעפּל איבער זיי; א פּייערל האָט געברענט און דערוויל האָט זיך עפּעס געקאָכט. מען האָט געוואַשן וועש פון עשעלאָן אָפּגעשטעלט ערגעץ ווו, א באַן-סטאַציע אָדער א וויסט פעלד — אַלץ איינס — זענען שוין געשטאַנען דריי ציגל, א טעפּל איבער זיי; א פייערל האָט געברענט און דערוויל האָט זיך עפּעס געקאָכט. מען האָט געוואַשן ווינדעלעך און געצוואָגן קינדערישע קעפּלעך. אויף א שטריק איבערן וואַגאָן-פענצטערל האָט זיך געטריקנט ספּק מענערישע, ספּק ווייבערישע, היפּש אָפּגעטראָגענע אונטערוועש. און ווייל קיינער האָט ניט געוווּסט ווו וועט ער מאָרגן אָנשלאָגן — האָט מען געלעבט ווי עס מאַכט זיך — אויף דערוויל.

* * *

מיט אָט דער לעבנס - חכמה זענען די פליטים פון רוסלאַנד איבער פּוילן אָנגעקומען אין די דייטשע לאַגערן, וואָס עפּעס אַן אַמע-ריקאַנער דאָרטן האָט זיך פאַרגלוסט אָנצורופן: „דיספּלייסד פּערסאָנס קעמפּ״. אָבער אַזוי ווייט האָבן זיך די יידן ניט געקימערט. ארויס פון רוסלאַנד און אַבי ווייטער. זיי האָבן ביי די דייטשן דערשאַפּט אייזערנע איווועלעך, אויף וועלעך זיי געבראַכט אין לאַגער אריין; זיך איינגעשאַפּט כלים, דורכגעהאַקט די גראָבע, בעטאָנענע קאַזאַרמע-ווענט און ארויסגעלאָזט רערן אין דרויסן. קוימענדלעך רויך ווי א סימן פון לעבן. עס האָט דען ווער געוווּסט ווי לאַנג מ׳וועט אַזוי אריינזיצן אין די לאַגערן? עס איז שוין געווען א זעג און א האַק, און מ׳האָט געזעגט גראָבע באַלקנס פון שטאַלן, ווו אַמאָל זענען געשטאַנען די קאַוואַלעריע-פערד. די באַלקנס צעהאַקט אויף קורצע שטיקלעך — זיי זאָלן ארייןפּאַסן אין די איווועלעך אריין. זאַלבאַאַכט, זאַלבאַצענט אין א צימער — פאַרפּעלקער מיט קינדער, יעדער אין זיין ווינקל — מען האָט געלעבט אויף דערוויל.

* * *

מיטן פּליטים-שטראָם איז זאַוול גרושקין אָנגעקומען אין לאַגער אריין. א קליינער, א דאַרער מיט א שפּראָץ פון א וואָנסעלע אונטערן נאָז; א רירעוודיקער, א זשוואַווער מיט א מויל אויף שרויפן — האָט מען אים תמיד פריער דערהערט און נאכער ערשט דערזען.

זאַנוול גרושקין האָט מיטגעבראַכט פון פּוילן א לאַנגן בריוו פון א צענטראַל־קאָמיטעט פון א פּאַרטיי, פאַרזען מיט זיגלען און געציקטע חתימות וואָס באַאויפטראַגט אים אויפצושטעלן א חלוצים־קיבוץ, וואָס וועט שפּעטער עולה זיין.

צוזאַמען מיט זיין פרוי — א ניט מיאוס ווייבל, א סטאַלנע מיט א געשניצטער פיגור און אָנזעעוודיקן בוזים, האָט זי געקענט זיין היפּשלעך יינגער פון אים — האָבן זיי זיך גלייך איינגעקוואַרטירט אין א צימער, וואָס האָט פאַרמאָגט איין פענצטער אין דרויסן, איין טיר אין לאַנגן קאַזאַרמע-קאָרידאָר ארויס — אָבער פאַר זיך אליין, פּריוואַט, צום טרויס פון שלאָפן מיטן ווייב אליין אין א צימער, איז נאָך דער לאַגער-ייד ניט דערגאַנגען. עס איז נאָך אלץ צוגע־גאַנגען ווי אמאָל אין די באַראַקן... טעפּלושקעס... עשאַלאָנען...

אזוי שנעל ווי גרושקין איז אריין אין לאַגער־קאָמיטעט, אזוי שנעל האָט ער איינגעזעען אז דער תכליתדיקער אמט — איז דער פאַרפלעגונגס - אַמט. ווען יידן זענען נאָך געשטאָרבן פאַר א צי־גאַרעט מאַכאָרקע, אויסגעגאַנגען פאַר א צי — האָט שוין זאַנוול גרושקין גערויכערט אמעריקאַנער „קעמל"-ציגאַרעטן. וואָרים דורך זיין האַנט זענען דורכגעגאַנגען די „אונרא"־צוטיילונגען; די זאַפּאַסן — איבערגעבליבענע פון דער אַמעריקאַנער ארמיי און די „דזשאָינט"־הילף. ביי טאָג איז זאַנוול גרושקין געווען פאַרטאָן מיט ארומשמייען אין די מאַגאַזינען, באַזעצט מיט מענטשן פון זיין פּאַרטיי.

ביינאַכט — זיצונגען — באַראַטונגען: א שטאָט מיט יידן צו פאַרזאָרגן...

זאַנוולס שכנים איבערן וואַנט, זענען געווען די „ברידערלעך". אזוי האָט מען גערופן די דריי צעוואָקסענע, געזונטע בחורים וואָס זענען מיט טאַטע־מאַמע אָנגעקומען פון ערגעץ טיף רוסלאַנד און געקנאַקט „פּאָניש" מיט אלע קניטשעלעך... יעדן טאָג איז אַן אנדע־רער געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער קיך אריין ברענגען מיטאָג, א קעסעלע קאַווע, א פּאָר ברויטלעך. נאָר אז דער יינגסטער פּאַשקע פלעגט גיין לייט זיין ריי — האָט ער אויך מיטגעבראַכט די אויס-

גאַבע פאַר די גרושקינס, און דערהוויל האָט מען זיך צענויפגעלעבט. סאַשקע האָט געוווסט, אַז גרושקין גייט אויף זיצונגען פון קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי — זיצונגען וועלכע פאַרציִען זיך ביז נאָך האַלבער נאַכט. א וויכטיקער מענטש. א קליינינקייט: זאַוול גרושקין.

— מעגסט אריינקומען — האָט סימעלע מיט א כמעט שמייכל געזאָגט צו סאַשקען. און מען האָט ניט צו וועמען א וואָרט אויס־צורעדן... מ'עט דיר ניט אָפּבייסן...

סאַשקען האָט מען קיין פינגער אין מויל נישט געדאַרפט אריינ־לייגן. די סמיקאַלקע האָט ער גיך אויפגעכאַפּט. און אחוץ אַלעמען איז אים סימעלע סיי ווי געפאַלן אין אויג אריין.

סימעלע האָט זיך שוין צופיל מער ניט געברוגזט אויף זאַוולען, וואָס ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט.

— דערלייגסט עפּעס דערצו? — האָט ער איר איבערגעפרעגט

— אייביק וועט מען דאָך אין לאַגער ניט זיצן, און ערגעץ ווו מוז מען שווער אַרבעטן אויף די פּאַר דאָלער... איז כל זמן עס לאָזט זיך...

* * *

סאַשקע און סימעלע האָבן פאַרגעסן, אַז אַזאַ מענטש ווי זאַוול גרושקין עקזיסטירט איבערהויפּט. א מענטש מיט א פּאָזיציע און מיט אַלע רעכט פון א מאַן, וועלכער קומט אַהיים שלאָפן אין זיין פאַמיליע-בעט. פון אָנהויב איז מען געווען פאָרזיכטיק. אָפּגעהיט די צייט סאַשקע זאָל זיך ניט פאַרזאַמען. בייטאָג זיך אריינגע־כאַפּט — געטאָן א פאַרריגל די טיר און סימעלע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפן בעט.

פון דער צאַרטער ראָזקייט וואָס האָט סאַשקען א שווינדל געטאָן פאַר די אויגן האָט ער תמיד דערזען דאָס שוואַרצע פּלע־קעלע, וואָס איז ווי אַן אַרבעט געזעסן אויף א געוויסן אָרט.

— דאָס האָט מיר מיין מאַמע מיטגעגעבן, זאָלסט מיך דער־קענען פון הינטן — האָט זי סאַשקען פאַרטייטשט דעם מיין פון אָט דעם פּלעקעלע אויף דעם אָרט... אריינגעכאַפּט זיך אויף א ווייל, ווי אויסטרינקען א גלאָז טיי. אין די נעכט — אָפּגעהיט די צייט, איידער זאַוול קען אָנקומען. עפּעס האָט זיי געצויגן צו זיך, און גלייכצייטיק איז געווען א מחיצה צווישן זיי. ס'איז זיי גוט געווען אין דער דערהויילקייט.

נאָר צו אַלעם ווערט מען מען צוגעוווינט. פאַרנומען מיט זיך, האָבן זיי פאַרגעסן — ערשט דער קלאַפּ אין טיר האָט דערמאָנט, אַז דער באַלעבאָס איז דאָ. די טיר איז געווען פאַרריגלט פון אינעווייניק און סאַשקע האָט נאָך געהאַט צייט זיך צו פאַרשטעקן, וואָרים אַנטרינען האָט מען ניט געקענט.

אונטערן בעט איז געווען ענגלעך און דושנע, און סאַשקע — וואָס איז געווען אַ היפּשער בחור האָט זיך קוים אַריינגעפּאַסט. פון גרושקינען האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון ציגאַרעטן, רויך און מענטשלעכער שווייס, וואָס האָט אָנגעפילט דעם צימער. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן, און דערווייל גערעדט, ווי די זיצונג וואָלט נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען:

גיב זיי אַ חלק פון די „נשמות״... יעדער קיבוץ האָט „נשמות״... יעדע פּאַרטיי האָט „נשמות״... האָט זיך דעם נבלה, דעם פּרעזעס פאַרגלוסט צו וויסן: וויפל „נשמות״ האָבן מיר — ער האָט אַ חשד, אַז מירן אים איבערגעכיטרעוועט. און דאָ קומט שוין אַ טראַנספּאָרט מיט קאַווע און ציגאַרעטן וואָס דאָס איז היינט מיט גאָלד גלייך און עס וועט אפילו אין לאַגער נישט אַריין — מ׳האָט שוין אַ קונה פאַרן דייטשן מאַרק — וויל ער פּראָצענטער מער ווי מען האָט אָפּגעמאַכט. געקומען פון פוילן אָן הויזן... ווינט אין אַ ווילע מיט אַ דינסט... ער האָט דערלייגט צום געשעפט...

סאַשקע האָט פאַרגעסן, אַז ער באַהאַלט זיך דאָ אויס. אַז ער דאַרף איבערוואַרטן ביז זאַנוול וועט אַנטשלאָפן ווערן, אַניט קען ער סימעלען אָנטאָן צרות, וואָרים פאַר זיך אַרט אים ניט. זאַנוולען קען ער מיט איין פינגער צען מאָל איבערדרייען, און מיט די איבעריקע ניין אויסציילן זיינע ביינער... נאָר ער האָט עס אָפּגעלייגט ביז מאָרגן... ער האָט געשנאַפּט, אַז די קאָמיטעט־חברה מאַכן אַ „לינקן״ דאָלער — אָבער אַצינד האָט ער געהערט מיט די אייגענע אויערן...

זאַנוול האָט זיך אַ נורע געטאָן צום ווייב. זיין ווייב. זי איז געווען וואַרעם, ווייך און נאַכגיביק. סאַשקע האָט דערפילט ווי דאָס בעט איבער אים נעמט ציטערן, דערפילט דאָס שווערע אָטעמען פון מענטשן. דערנאָך איז שטיל געוואָרן. זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן נאָכגעלאָזן און אויך ער האָט גענומען דרימלען, ווען די טיר האָט אַ לייכטן סקריפּ געטאָן. ער האָט אַ ווילע געוואַרט. זאַנוול גרושקין איז געשלאָפן מיטן רואיקן שלאָף פון איינעם וואָס האָט אַ ריינעם געוויסן. פלינק, ווי אַ קאַץ אויף אַלע פיר און שטיל ווי אַ שאָטן האָט זיך סאַשקע אַרויסגעכאַפּט פון צימער...

* * *

צומארגנס, האט זיך צעשפילט די יוכע. פארן לאגער-קאמיטעט זענען געשטאנען רעדלעך. יידן זענען אריין און ארויס פון די ביוראען, וועלכע זענען אציינד געשטאנען הפקרדיק־אפן, ווי ס׳וואלט הארטן געלעגן א מת... די „ברידערלעך" האבן אין די קרענצלעך צווישן עולם ווידעראמאל אבעראמאל דערציילט די מעשה מיט דער צוטיילונג פון קאווע און ציגארעטן, וואס דער קאמיטעט האט פארקויפט.

אבקע „קראכמאלניק" האט מיטן פויסט געזעצט אין פרעזעס־טיש, און יעדן זעץ באגלייט מיט א: בראנד אין די גערערים! — מחמת ער האט געמאנט יושר. און ווייל קיין יושר האט מען ניט געוואלט צוטיילן, איז נויטיק געווען אט דער: בראנד אין די גערערים...

— ווייניק וואס די דייטשן האבן אונדז אומגעבראכט — א בראנד זיי אין די גערערים — ווייניק וואס „פאניע" האט געזויגן די קליי פון די ביינער — א בראנד אין די גערערים — נעמט איר אונדז אוועק דעם ביסן פון מויל!

דאקטער פראשקין, צוגעטוליעט צום וואנט, האט געפלאטערט ווי א בלעטל אין ווינט. ער האט פון זיך קיין ווארט ניט געקענט ארויסקריגן. ער האט זיך דערפילט ווי אויף צעשטורעמטע כוואליעס, און געזוכט אן וואס זיך אנצוכאפן. ווארים אבקע „קראכמאלניק" איז ניט געווען אליין. ארום זענען געשטאנען יידן און פארלאנגט א חשבון.

צו קיין בלוט־פארגיסונג איז פונדעסטוועגן ניט געקומען.

די קאמיטעט ־ מיטגלידער, פארשטעקט ווי צעשראקענע האזן, האבן דורך זייערע בוזים־פריינד ווי ניט איז דערגאנגען, אז דאס האט גרושקין ארויסגעלאזט די קאץ פון זאק און געבראכט צו דער איבערקערעניש.

ס׳א ליגן — האט גרושקינען געווארפן די ניכפע. אט מאך איך פון די „ברידערלעך" אש און בלאטע, אז זיי וועלן מיר האבן צו געדענקען...

מיט די הענט אין די טאשן, ברייטלעך צעשטעלט זענען די „ברידערלעך" געשטאנען אנטקעגן גרושקינען.

— סאשקע איז געלעגן אונטערן בעט טאקע נעכטן ביינאכט — און אלץ געהערט...

מ׳נע, וואס וועסטו זאגן, הא?

— איצט ווילט איר מיר איינרעדן, אז סאשקע איז פריער געלעגן אין בעט? האט זיך גרושקין געמאכט הארץ און אנגענומען מיט חוצפה.

— סאשקע האט א סימן — דאס פלעקעלע אויף יענעם ארט, דו ווייסט דאך יא, זאוועלע — זענען די „ברידערלעך״ געווארן מיט אים היימיש, געוערט משפחהדיק.

גרושקינען האט עס א טראג געטאן. ס׳האט אים פארפעלט לשון. ער איז ארייגגעלאפן צו זיך און א זעץ געטאן מיטן טיר...

אלץ איז טאקע געווען אויף דערוויל. אבער דערוויל האט זיך געטאן חושך...

די אינוואלידן פון וואסערבורג...

פאַרנאַכט איז פּרויקע „דזבאַן" אַדורכגעפאָרן מיטן דריי-טאָניקן „סטודיבייקער" דורכן לאַגער־טויער, אַזש די ערד האָט אונטער אים געציטערט, ווי עס וואָלט אַ טאַנק געפאָרן.

דער לאַגער־טויער איז געווען ברייט צעעפנט. די וואַך האָט דערוואַרט דעם לאַסט-אויטאָ שוין מיט שעהן פריער. ווי נאָר ער איז אַדורכגעפאָרן, האָט זיך דער טויער פאַרמאַכט.

פּרויקע האָט ווי אַ וויכער זיך אַריינגעדרייט צווישן די בעטאָן-געגאָסענע שטאַלן, וווּ ס׳זענען אַמאָל געשטאַנען קאַוואַלעריע־פערד. נאָך איידער דער מאָטאָר האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן דעם לעצטן אָטעם־צוג — זענען די קעסטלעך, דורך פלינקע הענט, איינס נאָך איינס פאַרשוווּנדן אין לאַבירינט פון געדרייטע קעלערן, אונטער די שטאָקיקע געביידן פון די מיליטערישע קאַזאַרמעס — וואָס אַצינד זענען זיי געווען די היימען פון יידישע פּליטים.

נאָר פּרויקע „דזבאַן" איז עס שוין ניט אָנגעגאַנגען. זיינס האָט ער אָפּגעטאָן. געבראַכט דעם וואָגן סחורה — און פּטור.

אַ צעפּלאָמטער איז ער אַריינגעפאַלן אין רעסטאָראַן, וואָס דער בלאָנדער ווייגדאָר האָט אויפגעשטעלט טאַקע דאָ, אין איינעם פון די שטאַלן. געהאַקט פענצטער; געבויט טירן, אויסגעמאָלט, אַריינגעשטעלט טישלעך, און אויוון — עס זאָל האָבן אַ לייטיש פּנים. ווייגדאָרס רעסטאָראַן האָט שוין באַוויזן צו מאַכן זיך אַ שם, ניט בלויז מיטן עסן...

אַ ווײַלע האָט זיך פּרויקע פאַרהאַלטן, אַרומגעכאַפּט מיטן אויג דעם האַלב־ליידיקן זאַל, און דערבליקט אין אַ ווינקל אַ טישל, ביי וועלכן מען איז געווען ביז גאָר באַשעפטיקט.

בעניע „בילץ" האָט געשפּילט אַ „רויטן מלך" מיטן איידעם זיינעם און אַ פּאָר צוגערייזטע סוחרים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף פּרויקען מיט דער סחורה. אויף זיי האָט געברענט די הויט, וואָרים זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דעם עסק אַ פאַרמעגן, און מ׳האָט

געקאַנט „אָפּברענען" אין אן אויגנבליק. כאָטש בעניע „בליץ" האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די גרענעץ איז „געשמירט".

— וואָדען — האָט ער צו זיי געטענהט — מ'קען זיך פאַר־לאָזן אויף ניסים? אוודאי געשמירט.

די סוחרים האָבן אָנגעקוקט פרויקען און מורא געהאַט דאָס מויל אויפצומאַכן. זיין צעפלאַמט פנים; די האָר צעשויבערט און דער שטומער בליק האָבן קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. עס האָט געשמעקט מיט מאַכן א פאַרמעגן, אָדער ארויסגיין נאַקעט אין איין העמד — און דאָ שטייט דער צעוואַקסענער יונג פרויקע „רזבאַן" אָן לשון, ווי דער צונג וואָלט אים צוגעפרוירן צום גומען.

בעניע „בליץ" האָט קונציק א טאַש געטאָן די קאַרטן און זיי האָבן זיך דורכגעשניטן מיט אייננאַנדער. דערזען פרויקען, האָבן די פינגער זיך פאַרהאַלטן.

— צי ניט ביי דער נשמה, פרויקע — רייד א וואָרט...

ערשט דאַן איז פרויקע געקומען צו זיך און ארויסגעברומט:

— זיך קוים אדורכגעקראָגן...

אויף דעם האָבן די סוחרים געוואַרט. זיי האָבן מער גאָרניט געוואָלט וויסן.

די קאַרטן זענען זיך צעפלויגן. קיינער האָט שוין ניט געדענקט ווער ס'האָט אייננעשטעלט אין דער „קיטע" ווער עס האָט געוואונען — אַלץ האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר.

זיי האָבן שוין געוואָלט א כאַפּ טאָן, יעדער זיינע פּאָר קעסטלעך פּאַפּיעראָסן און צעפּאָרן זיך — יעדער אין זיין לאַגער אריין. אַמע־ריקאַנער פּאַפּיעראָסן זענען געווען מיט גאָלד גלייך — דערהויפּט „קעמל".

בעניע „בליץ" מיטן איידעם זענען געבליבן זיצן ביים טישל. ס'איז ניט געווען זייער דאגה מער. זיי האָבן בלויז „געמאַכט" די גרענעץ.

פרויקע „רזבאַן" האָט זיך אראָפּגעזעצט אויפן בענקל, ווי מ'וואָלט אראָפּגעשטעלט א זאַק קאַרטאָפל.

— די גרענעץ? — האָט בעניע „בליץ" א פרעג געטאָן —

— זי מעג ברענען...

— דער געלער ממזר, יאָזעף האָט דאָך פאַרזיכערט?

— מעג ער ווערן די כפרה...

— אווּדאי האָט דער געלער מיר אדורכגעלאָזן — געקומען קיין זאַלצבורג — דער „טראַק" איז נאָך ניטאָ.

— די שווייצאַרישע גרענעץ, איינגעזוּנקען מעג זי ווערן — מאַכט דער גראָבער אַלעקס — עפּעס האָבן די אַמעריקאַנער דער־שנאַפּט; אומעטום „עמפּי". וואַרט אַ שעה, וואַרט צוויי — די הויט ברענט אויף מיר. געקומען דער „טראַק", טו איך אים אַ כאַפּ און צו דער גרענעץ. דער שלאַבאַן עפנט זיך ניט. זע איך דאָך דעם בראָך, טו איך אַ צי צוריק און פאַרנעם זיך מיטן זייטיקן וועג. ערשט דאָ שפּרינגט ארויס אַן עסטרייכער מיט אַ ביקס: האַלט! מילא — דעם עסטרייכער איז אריין אַ קרענק אין די ביינער — אָבער וואָס טוט מען מיט דער ביקס?

בעניע „בליץ" האָט אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן, גלייך ער פאַרשטייט גאָרניט...

— זי ליגט אין „טראַק"...

דער בלאָנדער וויגדאָר האָט דערלאַנגט אַ פלאַש מיט שנאַפּס, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַן עטיקעט מיט גאָלדענע דריי שטערן, נאָר געשמעקט האָט זי מיט „סאַמאַגאָן", טאַקע דעם זעלבן וואָס מ'האָט געטריבן אין פּערטן בלאָק פון נייעם לאַגער...

— טשעמיילאַך וועט שוין ניט קענען מאַכן קיין לייטיש ביסל בראָנפן, ווי לאַנג ער וועט לעבן, דער קאַליקע —

אזוי האָט פאַרזיכערט בעניע „בליץ" נאָכן ערשטן לחיים. נאָר פּרויקען איז דער טרונק ניט איינגעגאַנגען. די ביקס האָט אים גערופּעט.

— יעקע פאַרך וועט זיך אָפּזוכן, און אַ צווייט מאָל וועט ער מער שכל האָבן...

עס איז שוין געווען טונקל, ווען איינער פון די פּאָליציסטן ביים לאַגער-טויער האָט באַמערקט אַ בייער אין אַ גרין קאַפּעלושל, וואָס פאָרט אהין און צוריק אויף אַ וועלאָ פאַרן טויער. עפּעס האָט ער געהאַט דעם אָנבליק פון די עסטרייכישע גרענעץ-וועכטער. אין די זאַכן האָט די לאַגער-פּאָליציי אויך געהאַט שטעקן אַ האַנט, ווייל תמיד האָט זיך צו איר עפּעס צוגעקלעפּט. איז גלייכער אַ פרעג צו טאָן דעם „יעקע" מכוח אָט די זאַכן:

— ער וויל זען דעם מאַן — דער מיין וואָפן האַטטע...

האָט שוין דער פּאָליציסט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ פאָר־געקומען ניט קיין גאָר גלייכע זאַך, ווייל דער בייער האָט אזא מין פאַרווייַנטע צורה, כאָטש מעלק אים אויס.

פונדעסטוועגן — אָפּהיטן דעם טויער דאַרף מען פון פרעמדע.
— גיי צו יענעם עק פּאַרקן און וואַרט — האָט ער אים אָנגע־וויזן אויפן טונקעלן ווינקל — דאָ דאַרפן קיין פרעמדע ניט פאַרביי־גיין, אַניט טוען די עמ.פּי. אַ כאַפּ אונטער — שוואַרץ־האַנדל...
פאַר אַזאַ מין וואָרט האָט זיך דער בייער דערשראָקן, און זיך אָפּגעטראָגן.
עס האָט לאַנג ניט געדויערט, ווי דורך די שטאַכעטן האָט עמעץ אַרויסגעשטעקט אַ טונקעלע זאַך. דער בייער האָט עס מיט פרייד אַ צי געטאָן צו זיך, און איז פאַרשוווּנדן.
— נו פּטור — האָט בעניע „בליץ" אַ זאָג געטאָן — ס'פעלט מער ניט די אַמעריקאַנער זאָלן קומען אין לאַגער זוכן געווער...

* * *

צומאָרגנס איז פּרויקע „דזבאַן" געשלאָפן ביז האַלבן טאָג, נאָכן געזונטן פּרעס ביים בלאָנדן וויגדאָר אין רעסטאָראַן — וווּ מען האָט געטרונקען אַ לחיים, ווייל מען איז פּטור געוואָרן פון אַ „חמץ".
— היט די ביינער „דזבאַן" — האָט אים גוטברודעריש בעניע „בליץ" געקלאַפּט אין פּלייצע — ניט יעדן טאָג איז פּורים...
אַ פאַרשלאָפענער איז פּרויקע געזעסן אין בעט, אין די אונטער־וועש. דורכן איינציקן פענצטער, אין אויסגעצאַמטן צימערל האָט ער געזען האַלב־פאַרשאָטנטע דעכער.
פרידל, דאָס יעקישע מיידל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן פרי־מאָרגן דאָ אַרומגעדרייט, איז אַריינגעקומען אין לאַגער — ווי אַ סך אַנדערע דייטשישע פרויען, כדי צוצוראָמען. נאָך קיין סך צו ראַמען איז אין פּרויקעס צימערל ניט געווען.
אירע פרעגנדיקע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט פּראָיקעס.
— עפּעס דאָ צו טרינקען? אָט דאָ ברענט — האָט פּרויקע אָנגעוויזן אויף זיין האַלדז, אויפן בויך. זי האָט אים דערלאַנגט אַ טעפּל וואַסער און ער האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין שלוק.
— נו, און אויף וואָס וואַרטסטו? האָט ער איר אַ פרעג געטאָן, ווי זי וואָלט טאַקע ניט געוווּסט...
זי האָט צוגעריגלט די טיר און זיך גענומען אויסטאָן. מיט אַ האַלב אָפן אויג האָט פּרויקע געזען ווי זי לייגט צוזאַמען איר אָנ־טועכץ אויפן בענקל. איר קערפּער איז אים אויסגעקומען באַקאַנט, און דאָך האָט ער ניט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק פון אירע רונדע

היפטן; די פולע, ווייסע ברוסטן וועלכע האָבן ממזריש געוואונקען צו אים מיט די ראָזלעכע נאָפּלען — אזוי האָט זיך פּרוייקע געדוכט. אירע שלאַנקע פּיס האָבן אין אים אויפגעוועקט א ווילן זיך איינצו־קלאַמערן אין זיי...

פּראַיקע האָט זיך א רוק געטאָן אין גרינעם, ענגן פעלד־בעטל, מיט וועלכע די „אונרא" האָט פאַרזאָרגט די פּליטים, און געמאַכט אָרט פאַר איר...

2.

פּרויקע „דזבאָן" האָט זיך געריסן צו דער גרענעץ. נאָר בעניע „בליץ" האָט ארויפגעלייגט ציימלעך אויף אים.

— וועסט באַגראָבן די גרענעץ — האָט ער צו אים גערעדט מיט גוטן. — ליג איינגעלייגט — וואָס? די „צמענטע" דיינע גייט שוין ארום הונגעריק, אָדער נאַקעט? — לויף ניט...

— מען מוז צוערשט „אויסשמעקן" דעם בייער. ער קען אָנטאָן צרות...

סוחרים זענען געזעסן ביים בלאָנדן ווינדאָר אין רעסטאָראַן, געגעסן ווורשטלעך מיט זויער קרויט, און געברענט ס'אָרט.

— זיי ליגן מיט דער סחורה אין זאלצבורג, און איר דאָ מאַכט זיך געפּגערט.

בעניע „בליץ" האָט געלאָזט צו זיך ריידן; געקייט א היים ווורשטל און געהאַט זיין אייגענעם חשבון. בסך־הכל איז פון זאלצ־בורג דאָ אהער ניט מער ווי א קנאַפּע האַלבע שעה מיטן אויטאָ-באַן. ווען ניט דער שלאַבאַן, און ווען ניט די אמעריקאַנער וואָס טוישן זיך אָפּט — וואָלט מען דאָ געקענט מאַכן א לעבן. מיטן גראָבן אַלעקס איז בעניע געווען יד־אחת — און דאָרטן האָט די סחורה אויך צו לאַנג ניט געטאָרט ליגן. כאָטש אזוי לאַנג ווי עס געפינט זיך אין מאַגאַזין פון לאַגער, זענען די קעסטלעך כשר.

נאָר ס'האָט שוין פּאַסירט אז מען איז אריינגעפאַלן מיט א טראַנ־ספּאָרט שאָקאָלאַד, ווייל די עמ.־פּיניקעס זענען ניט געווען די גאַנצע יאָלדן.

אריינגעקומען אין די מאַגאַזינען, סתם אזוי — אָנצוקוקן, און דאָ שטייען קעסטלעך אויף קעסטלעך — שווייצארישע שאָקאָלאַדן. דער מאַגאַזינער האָט פאַפּירן דערויף.

— דער „דזשאָינט" האָט עס געשיקט פאַר די קינדער...

— זייער פיין... טאַקע זייער פיין... דער אַמעריקאַנער אָפיציר האָט ביז גאָר אויסגעלויבט דעם אויפטו, ווייל קינדער דאַרפן האָבן נאָ־רונג; דער עיקר פּליטים-קינדער, און דער עיקר טאַקע — זיי זאָלן קומען קיין אַמעריקע געזונטע; און נאָך עפּעס האָט ער אַ זאָג געטאָן אין ענגליש, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען.

נאָכער איז אָט דער זעלבער אָפיציר, מיט זיינע אויסהעלפער גע־שטאַנען פאַרן מאַגאַזין-טויער און פאַרנאַנדערגעטיילט דאָס שאָקאָ-לאַד די לאַגער־קינדער, און ביז גאָר הנאה געהאַט פון זייער אויפטו.

ביי די סוחרים האָט עס געבורטשעט אין בויך, אז מ'האָט גע-פילט ווי די געדערים דרייען זיך איבער — נאָר ס'איז געווען פאַר־פאַלן. פון די קינדער צוריקנעמען דעם שאָקאָלאַד, איז אַ נעכטיקער טאָג.

— וואָס אַ ממזרישער קאָפּ פון אַן אָפיציר קאָן...

בעניע „בליץ" האָט פון דעם גריילעך געוווסט, נאָר ער האָט זיך געהאַט זיין דרך, און וועגן דעם איז ער ניט מחויב געווען צו פאַרטרויען די סוחרים.

— ניט זייער קאָפּוויטאָג...

זעליק „מאַכער" האָט געבראַכט די פּאַפּירן. אז זעליק האָט גע-מאַכט אַ פּאַפּיר, איז עס געווען ווי נאָר וואָס אַרויס פון דער „אונרא"-הויפּט-קוואַרטיר. אַלע שטעמפּלען אַרויפגעלייגט טאַקע ווו מען דאַרף, און אונטערגעשריבן — וועד עס דאַרף; דאָס אַלץ איז געווען אין דריי קאָפּיעס, וועדליק דעם דין און אַן „עמפּיניק" ווי געריבן ער זאָל ניט זיין וועט עס אָננעמען פאַר אַן עכטער מטבעה.

— ווען טשעמיילאַך וואָלט געמאַכט אַביסל בראָנפן, ווי זעליק מאַכט אַ פּאַפּיר — האָט בעניע „בליץ" אָנגעקוואָלן — וואָלט דאָס לעבן געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם.

מיט אַזאַ פּאַפּיר האָט שוין בעניע געלאָזט זיין איידעם אָנטאָן דעם מונדיר פון אַ „אונרא"-אָפיציר, מיטנעמען אַ מיליטערישן „סטודיבייקער"-טראַק...

אויף די סוחרים האָט סיי ווי געברענט די הויט. וואָרים אַצינד האָט בעניע „בליץ" אַרויפגעדרייט ס'קנייטל.

— ס'איז שוין ביי דיר ווי אין צאָל-אַמט — האָבן זיי אַרויפ-געשריגן צו בעניען.

— נעמט זיך ניט ס'לעבן איבער אַ פּונקט, אַבי ס'רעדל דרייט זיך. ס'קען נאָך זיין ערגער.

.3

וואנקע איז געווען א באקאנטע פירמע אויף דער לאגער־בירזשע, וואס האט ווי א מוראשניק ניט גערוט פון פארטאג אן, ביז ארום האלבע נאכט — צווישן קאמיטעט און לאגער־טויער. א בחור פון שוין קרוב זיבעצן, איז ער באלד פון דער רוסישער „פע. זע. א. 1) אנגעקומען מיט די עלטערן אין לאגער אריין.

פע.זע.א. אליין איז שוין געווען פון גאר גרויסן „יחוס", ווייל אחוץ אביסל פאך־קענטעניש, אויף וועלכע מען האט גאר ווייניק זיך ארומגעקוקט, זענען עס געווען די אוניווערסיטעטן וואס האבן ארויס־געלאזט הפקר־קינדער; איינשטעלער; ריזיקאנטן און טאקע בלאטע יאטן, אויפטוער אויף וועלכע מען האט זיך געקאנט פארלאזן, און מיט וועלכע עס איז גלייכער צו לעבן בשלום. אחוץ דעם אלעם, האט וואנקע דערצו נאך געהאט א יידישן קאפ און געניט שכל צו פארשטיין, אז אין א לאגער איז ער צווישן יידן, און ניט ערגעץ ווו צווישן „פאניעס". נאר אז עמעצ האט אים א קלאפ געטאן, אזוי זיך היימיש אין פלייצע און א רוף געטאן מיטן יידישן נאמען:

— מאכסט א לעבן יאסל, הא?

האט ער דעם פרעגער קודם אפגעמאסטן מיט איין אויג, צי עס לוינט זיך איבערהויפט ארייננצולאזן אין א געשפרעך; ערשט דאן האט ער אים אויסגערעכנט דעם יחוס, וואס האט זיך געצויגן פון אדם הראשון ביז דער הייליקער מרים — און צום סוף געהאט עפעס צו זאגן וועגן דער פראגע גופא:

— דו רעדסט אזוי ווי מיין טאטע, דער אלטער גבאי — יאסל... קאקוי יא טיעביא יאסל?

נאך אלעמען — נאר איינגאנצן לײדיק, סתם אזוי האט וואנקע זיך ניט ארומגעדרייט.

ס'האט גאר קיינער ניט באמערקט פונוואנען, און שוין האט געגומען שפילן א דאלער צווישן די פינגער, און כאטש די מאמע האט דעם בן־יחיד געקעכלט מיט אלעם גוטן, איז ער גאר אפט גע־זעען ביים בלאנדן ווינדאר אין רעסטאראן: פארזוכט פון טשעמיר־לאכס „דריי שטערענדלעך", אויסגעטרונקען; זיך פארקרימט, האט ער באלד געלאזט וויסן, אז:

---

1) פע.זע.א.—רוסיש: פאבריטשנא־זאוואדזקאיע אבוטשעניע — א האנטווערקער־שול.

— טשעמיילאַכס „דריי שטערנדלעך" זענען פּערעראַסטיטשעס־קי סאַמאַגאָן, און טשעמיילאַך אַליין איז ניט מער ווי אַ:

— וואָט יעמו סוקינו סינו — און מיטן ביסל יידיש וואָס האָט זיך ערגעץ ווו צוגעקלעפּט האָט ער עס באַקרעפּטיקט:

— טשאָרט פּראָקליאַטי, אַ קרענק אין די ביינער...

שעלטנדיק אַזוי, איז ער באַלד פאַרטיק געוואָרן מיטן קווערטל...

ער האָט געהאַט אַ „ניוך" פון אַ מענטשן, וואָס קען אויסשפּירן עפּעס, וואָס קומט פאָר טיף, אונטער דער ערד; פאַרהוילן פון אַ מענטשלעך אויג. ער האָט טאַקע באַלד דערשנאַפּט, אַז עפּעס קען מען דאָ פאַרט אויפטאָן, צווישן יידן טאַקע. אַ סברא, אַז ער האָט זיך אויסגעטויגט.

די גרענעץ איז געווען מיטן האַנט צו דערלאַנגען. איז ער אַדורך די גרענעץ. אַ נישטער געטאָן, וואָס טוט זיך אויף יענעם זייט באַרג, סתם אַזוי. עס איז געווען איינשטעלעניש.

— פון וואָס מענטשן מאַכן אַ ווען — אָט דאָס איז אַ גרענעץ?

געזען אַזאַ מין אויפטוער, האָט אים די פּאַרטיי פאַרגעבן אַר־בעט. האָט שוין דאָס גיין איבער דער גרענעץ געהאַט אַ ציל, און ס'איז אויך געבליבן אַ דאָלער אין טאַש.

פאַרטייען האָבן געהאַט זייערע וועגן, דורך וועלכע מ'האָט געשיקט מענטשן; באַגאַזש — די „אומלעגאַלע עליה" אויף וועלכע די ענגלענדער האָבן געהאַט אַן אויג, און די אַמעריקאַנער זענען ניט געווען צופיל באַגייסטערט. אַמאָל האָט מען אין אַ נויט טראַנ־ספּאָרטירט וויכטיקע מענטשן, שליחים, פון וועלכע קיינער האָט ניט געדאַרפט וויסן, איז גלייכער געווען אָן פּאַפּירן... ניט מער, וואַניעס פּאַרטיי האָט געהאַט אירע אייגענע מענטשן, אויף וועלכע ניט נאָר די ענגלענדער, נאָר אַפילו די יידן האָבן געהאַט אַן אויג, זיי זאָלן זיך ניט מיטכאַפּן מיט דער „אומלעגאַלער עליה", צוליב זייער געווינטשאַפט מיטצופירן „אייזנוואַרג" אין לאַנד אַריין, כדי צו געבן דעם ענגלענדער פולווער צו שמעקן... און יידן, וואָס פאַרשטייען זיך אויף פּאָליטיק האָבן איינגעזען, אַז ס'איז גלייכער צו האַלטן דער חברה פונדערווייטנס, אַניט וועט מען זיך מיט זיי מוזן טיילן, נאַכער... מחמת פּאָליטיקער האָבן אַ ווייטן קוק...

האָט זיך וואַניע ניט אַריינגעלאָזן אין קיין זייטיקע זאַכן, און ס'האָט אים ניט געאַרט וואָס אַנדערע טוען ביי דער גרענעץ. אַליין האָט ער געהאַט געגוג אויפצוטאָן. באַזאָרגן „אייזנוואַרג", וואָס איז

געווען א סך מער ריזיקאַליש, ווי מען כאַפּט עמעצן מיט פּאַפּיר־ראָסן און אין די בערג זענען חברה ניט געשלאָפן, נאָר טאַקע געזען, „אייזנוואַרג" זאָל ניט זשאַווערן, און אז מען האָט געהערט שיסערייען פאַרטאָג, האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אז ערגעץ ווו האָבן די אַמעריקאַנער געכאַפּט שמוגלער, שוואַרצן א גרענעץ. נאָר אז עס פלעגט זיך מאַכן א לייכטער פאַרשוין, וואָס האָט געהאַט די „קלינ־גערס" צו באַצאָלן און זיך געוואָלט מיטכאַפּן איבער דער גרענעץ, ווייל ס'איז אים ערגעץ „ענג" געוואָרן, האָט ער קיין קשיות ניט געפרעגט. אזא מין פאַרשוין האָט ער אפילו אָנגעהאָנגען א רוק־זאַק מיט „אייזנוואַרג", און אים צוגעשטעלט ווו ער דאַרף.

ווי ער גיט זיך עס אַן עצה מיט דער גרענעץ — דאָס האָט קיינער ניט געקאָנט פון אים דערגיין. און אז טשעקאַוועס לייט האָבן זיך פאַרט איינגעשטעלט, האָט וואַניע בלויז געוואָלט פון יענעם וויסן:

— טיעביא זשיזן נאַדאַיעלאַ?

פון אזא פראַגע האָט אפילו ביים גרעסטן ריזיקאַנט גענומען פרירן דאָס בלוט אונטער די האָר, און ער האָט שוין געפילט די גראָבאייזנס ערד, וואָס פאַלן איבער זיין קאָסטן...

מיט די גרענעץ־וועכטער איז ער געווען גאָר היימיש. ער איז געווען יונג, און בלאָנד, און א שנאַפּס איז געווען בלאַטע; און א גוט פעקל ציגאַרעטן איז תמיד געווען אונטערן האַנט, און מ'האָט אים קיינמאָל ניט געזען עפּעס טראָגן, צו וואָס מ'קען ווערן א שותף...

אפילו ווען ער איז אַנומלט איינגעשלאָפן צווישן די גרענעץ־דראָטן, ווייל ער איז געווען שוין גאָר בגלופן — און אַן אַנדערער וואָלט געהאַט געגוג צרות — האָבן די גרענעץ־וועכטער אים גאָר אהיים געבראַכט, און געלאַכט נאָך דערביי:

— איינגעשלאָפן דער בורשע... פיינער יונגע, נאָר די גרענעץ איז ניט דאָס בעסטע אָרט פאַר כאַפּן א דרימל, אפילו ווען מען איז פול מיט בימבער...

בעניע „בליץ" איז פון די זאַכן ניט נתפעל געוואָרן:

— א שיינעם פּנים וואָלט ער געהאַט, ווען זיי געפינען זיין זאַק...

און דעמאָלט טאַקע איז אים איינגעפאַלן מיטצושיקן וואַנקען — ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף דעם טראַנספּאָרט.

די סוחרים האָבן געקרימט מיט די נעז:

— דער בחור דאַרף דאָס זיין דער גוטער מלאך? ער איז דאָך נאָך אַ מלאַכאָסאָס...

— יאָלדישע לעבערס וואָס איר זייט — האָט בעניע „בליץ" ווייסעריש אַ מאַך געטאָן צו זיי — גיט נאָר אכטונג איר זאָלט זיך אויף אים ניט אָפּרייסן, ער צעטרייבערט אייך...

און ווייל די סוחרים האָבן סיי ווי ניט געהאַט קיין עצה, האָבן זיי באַין ברירה געגומען גלויבן אין נסים. וואָרים די אַמעריקאַנער „עמפּי" האָט זיך שוין צופיל פאַרליינגט אויף דער גרענעץ.

פּרויקע „דזבאַן" איז געזעסן ביים רעדל. דער לאַסט אויטאָ האָט זיך פאַרנומען צו דער גרענעץ. די וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון עסטרייכער, און איז געווען „איינן", האָט באַלד אויפגעמאַכט דעם שלאַבאַן, און אָנגעזאָגט פּרויקען:

— צוויי שטונדן צייט האָסטו...

פּרויקע „דזבאַן" האָט געשאָלטן דעם גראָבן אַלעקס, און זיך געשוווירן:

— זאָל ער די כפרה ווערן, אויב ער קומט אַהער נאָך איין מאָל. צוליב די פּאָר פאַרדאָסטע דאָלער זאָל איך פאַרפאַלן ווערן אין די אַסטראָגן, און קיינמאָל פון דאַנען ניט אַרויס... נאָר עס האָט אים קנאַפּ וואָס געהאָלפן.

— ברענען מעגסטו ווי קין, פּרויקעלע — וואָס חלומט זיך דיר: איך לעק דאָ האָניק? איך שאַר גאָלד? איך האָב מער ווי איין גרענעץ, און שפּיי מיט דער גאַל איבער יעדן טראַנספּאָרט...

האָט שוין פּרויקע ניט געהאַט קיין עצה, און געוואַרט. ערשט היפּשלעך שפּעט איז די סחורה אָנגעקומען, כאָטש געדאַרפט האָט זי שוין נעכטן דאָ זיין. מ'האָט שנעל איבערגעלאָדן די קאַסטנס, און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן וועג אהיים. אינדערהויך, צווישן די קאַסטנס, האָט זיך איינגעמאַטשעט וואַניע, מיטן זאַק ביים זייט, ער זאָל „עס" האָבן אונטערן האַנט — מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, און געהאַלטן אַן אויג אויפן וועג. מיטאַמאָל האָט זיך דער לאַסט־אויטאָ האַסטיק אַראָפּגעדרייט פון וועג, און געבליבן שטיין צווישן יונגע ביימלעך.

וואַנקע האָט זיך דערקליבן צום פענצטערל פון שאָפערס קאַבינע, און אַריינגערוקט דעם קאָפּ:

— אַ בראָך דיינע יאָרן, וואָסי? קאַליע געוואָרן די שפּיל?

— עס איז ביטער, ביים שלאַבאַן שטייען „עמפּי" מיט אַ דזשיפּ...

— ס'טאַנגעמאַכט אין די מייטקעס, „דזבאַן"? נאַזשימיי...
— און אז די „עמפּיניקעס" וועלן אונדז נאָכיאָגן?
— דו נאַזשימיי — איך שוין זען — בליאַר בודו, פּערעקרעסטים...

פּרויקע האָט זיך דערנענטערט צו דער גרענעץ. אַן אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָליציסט, אין ווייסע הענטשקעס האָט געגעבן אַ צייכן, דער אויטאָ זאָל שטיין בלייבן. פּרויקע האָט פּאַרלאַנגזאַמט דעם לויף, און ס'האָט אויסגעזען, אַז אָט, אָט בלייבט דער אויטאָ שטיין.

אַ מעטער הונדערט פאַרן שלאַבאַן האָט זיך פּלוצעם דער אויטאָ, ווי אַ צעווילדעוועט פערד געטאָן אַ ריס מיט אַלע כוחות און איז אַדורך דעם גרענעץ־שטאַנג, ווי עס וואָלט אַ שפּענדל געווען. אָפּגעריסענע שטיקער האָלץ זענען געפלויגן אין אַלע זייטן. פּרויקע האָט דעם לאַסט-אויטאָ געיאָגט איבערן שאָסיי, ווי אַ וויכער און אין האַרצן געציילט די מינוטן.

— צוואַנציק מינוט... בלויז צוואַנציק מינוט צום לאַגער... און דאָרטן קענען זיי מיר אַנקושן...

איבערן שאָסיי האָט זיך צעשריגן די סירענע פון דער מיליטער־פּאָליציי. מיט גרייטע רעוואָלווערן צו עפענען פייער, האָבן די פּאָליציסטן זיך אַוועקגעלאָזן אין פלינקן דשזיפּ, נאָכן לאַסט-אויטאָ.

אין זייטיקן שפּיגל, האָט פּרויקע „דזבאַן" געזען ווי דער אָפּשטאַנד צווישן די צוויי מאַשינעס ווערט קירצער און קירצער.
אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַשלאָגן.

— זיי וועלן אונדז פּאַקן, און ס'וועט אַ בראָך אויסגיין צו אונדזערע יאָרן... נויטיק געדאַרפט הערן וואַנקעלע בלאַטנוי...

אים האָט שוין ניט געאַרט אזוי די פּאַפּיעראָסן, וואָס ס'איז אויך שיינע טויזנטער דאָלער הזק, נאָר די צעטרייבערטע זייטן, וואָס מ'כאַפּט אריין פאַר אזא מעשה פון די „עמפּיניקעס".

דער לאַסט-אויטאָ האָט געצויגן מיט קאַרק-ברעכערישער שנעלקייט, אָבער דער לייכטער דזשיפּ איז געווען פלינקער. אז דער דזשיפּ איז שוין צוגעקומען נאָענט, כמעט מיטן האַנט צו דערלאַנגען, ערשט דעמאָלט האָט וואַניע אויפגעמאַכט דעם זאַק, און אויטאָמאַט־יש געוואָרן האָט געגומען שטעפּן איבער די קעפ פון די נאָכיאָגער. אַ צווייטע רונדע פון אויטאָמאַט האָט דערלאַנגט אַ האָגל איבער די רייפן; איבער דעם מאָטאָר און געגומען פייפן ביי די זייטן.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט באַרג אַראָפּ. אין זייטיקן שפּיגל האָט פּרויקע דעם דזשיפּ מער ניט געזען. באַלד נאָכן וואַלד איז דער וועג שוין געווען אַ ברייטער, אַ גלייכער, ביז אין לאַגער אַריין.

ביים בלאָנדן ווינדאַר אין רעסטאָראַן, האָבן די סוחרים גע־שטעלט שנאַפּס מיט צובייסן און בעניע „בליץ" האָט דווקא געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיין אויפטו:

— האָב איך אייך ניט געזאָגט? אויף בעניען קענט איר זיך פאַרלאָזן... איר שפּילט זיך עפּעס מיט וואַנקען?

.4

פּאַוואָליע האָבן יידן זיך גענומען אַרויספּעקלען פון לאַגער אין די ווייטע לענדער אַריין. אין איין טאָג טאַקע, האָט זעלעק „מאַ־כער" דערהאַלטן די ריכטיקע פּאַפּירן פון זיין פעטער אין אַמעריקע, און געשלאָגן דעם לאַגער פאַר אַ כּפּרה.

די געשעפטן זענען אַוועק אין דרערד. פּרויקע „דזבאַן" איז געזעסן אין לאַגער־טורמע, ווייל אין קיין דייטשישער טאָר קיין ייד ניט זיצן פאַרן משפּט — און די „עמפּי" האָט צוגעגרייט זיין ענין.

דער צעקראַכענער בייער, אָט יענער גרענעץ־וועכטער, וועלכן פּרויקע האָט גאַנץ שיין „מקבל־פּנים" געווען, און נאָך צוגענומען די ביקס פאַר אַ צולאָג — יענער האָט עס ניט פאַרגעסן. ער האָט עס טאַקע אָנגעוויזן דער „עמפּי" אויפן פאַרוואַקסענעם וועג, וואָס האָט זיך פאַרנומען אין וואַלד, פאַרביי אַ באַרגיקן דורכגאַנג. דעם וועג האָבן שמוקלערס גענוצט, ווען קיין אַנדער וועג איז שוין ניט געווען. דער וועג איז אָפּט געווען גליטשיק־נאַס, פון דעם וואַסער וואָס האָט זיך דורכגעזעצט דורך די פעלדזן און גערונען אין ריטש־קעלעך, טאָג און נאַכט אַזוי, איז דער וועג געווען ווייך און גליטשיק און מ'האָט זיך געקאָנט אַראָפּקאָלערן אין אַן אָפּגרונט, און אַ פויגל וואָלט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן. פּרויקע „דזבאַן" האָט ניט איינ־מאָל אַ ריזיקיר געטאָן מיט דעם וועג, וועלכן קיינער האָט ניט געהיט. האָבן זיי געוואַרט אויף אים, אויף אָט דעם וועג — און פאַרנומען פּרויקען מיט דער מאַשין סחורה, אָן שום חכמות.

בעניע „בליץ" האָט שוין באַוויזן אַ שמועס צו טאָן מיטן אַהוואַקאַט, וואָס האָט זיך אויסגעטויגט אין די־אָ זאַכן, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן אָנגערופן: שוואַרץ־האַנדל, און ביי די יידן איז עס געווען ניט מער ווי אַ מיטל צו מאַכן אַ לעבן. זיי האָבן גאָרניט

געקאָנט פאַרשטיין, ווען עס שאַרט וואָס זיי האַנדלען מיט קאַווע, שאָקאָלאַד און פּאַפּיראָסן.

— אַי מיר האָבן פּרנסה, אַי די דייטשן קריגן צוגעשטעלט דאָס, וואָס אין זייערע געשעפטן איז ניטאָ, און די אַמעריקאַנער דערלייגן אויך ניט צום געשעפט. דאַכט זיך אַ גלייכע זאַך. מען באַגנבעט עמעצן?

— די דייטשישע ווירטשאַפט — אַזוי האָבן געטענהט די אַמע-ריקאַנער — איר גראָבט אונטער די ווירטשאַפט, וועלכע מיר באַמיען זיך צו שטעלן אויף די פיס. און אחוץ אַלעמען: מען גיט אייך פון אַלעם גרייטן — טאָ צו וואָס אָט דער „בלעק-מאַרקעט"?

נאָר גיי דערקלער די אַמעריקאַנער דעם שכל, אַז זיי האָבן גאָר אין זינען די „יעקעס"...

איז פּרויקע שוין אַ קנאַפּע וואָך געזעסן אין לאַגער-טורמע, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעבויט אין זייערע קאַזאַרמעס פאַר אַ מיליטערישן קאַרצער. בעניע „בליץ" האָט איינגעטענהט מיטן אַדוואָקאַט, ער זאָל צעפירן די הענט און אַ „שמיר" טאָן ווו מען דאַרף, מען זאָל דעם בחור דערוויייל אַרויסלאָזן. נאָר דער אַדוואָקאַט האָט גאָרניט געקאָנט אויספועלן, ווייל די אַמעריקאַנער האָבן שוין אָנגעהאָנגען אין פּרויקען אַ היפּש פּעקל.

— דער בחור דאַרף מאַכן פּליטה, פאַרן פּראָצעס — אַזוי האָט געעצהט דער אַדוואָקאַט — אַניט וועט ער אָפּפינצטערן אַ שיינע פּאָר יאָר ביי די „יעקעס"...

פּרויקע איז ביי דער לאַגער-פּאָליציי געוועזן אַן אייגענער. נאָר זיי האָבן קיין ברירה ניט געהאַט, און אים געמוזט היטן. פלעגן זיי אים באַגלייטן אין זיין צימערל, ווען ער האָט זיך דאָרטן געטראָפן מיט פרידלען; געפירט אים צו וויגדאָרן אין רעסטאָראַן אַריין, ער זאָל קענען ריידן אַ וואָרט צו עמעצן.

— ער איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, און אַן אייגענער דערצו...

און פּרויקע „דזשאָן" איז נעלם געוואָרן...

* * *

אין לאַגער איז געוואָרן שיטערלעך. יידן זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, און מ'האָט שוין אַגב געשמועסט, אַז די אַמע-ריקאַנער וועלן איבערהויפּט גאָר אין גיכן פאַרמאַכן דעם לאַגער;

אַז זיי וועלן פון אַ דריי־פיר לאַגערן מאַכן איינעם; אַז זיי ווילן די ייִדן זאָלן זיך רירן פון דייטשלאַנד אַרויס.

אין יענע טעג איז בעניע „בליץ" געזעסן ביים בלאָנדן ווינגדאָר אין רעסטאָראַן, אָן אַ שטאָך אַרבעט. אויף וואַניען האָבן די עלטערן געהאַלטן אין אויג; געקאָרמעט אים מיט פויגל־מילך; אַן אַנשטענ־דיקן טרונק בראַנפן אפילו באַזאָרגט — אַבי ער זאָל זיצן אינדער־היים און ניט אָנמאַכן קיין צרות. וואָרים, אַט — אַ ליאַדן טאָג רופט מען צום אַמעריקאַנער קאָנסול, און מ'דאַרף זיין כשר.

אין יענע טעג, זענען אין לאַגער פאַרפאָרן עטלעכע בחורים. מ'האָט באַלד באַמערקט אַז איינעם פון זיי פעלט אַ האַנט, און דער לײדיקער אַרבל איז פאַרקניטשט אין טאַש אַריין, ער זאָל זיך ניט באַמבלען און קריכן אין וועג. איינער פון די בחורים האָט גע־סקיפּעט מיט אַ הילצערן פוס, וועלכן ער האָט נאָכגעשלעפּט. איינער פון זיי האָט, דורכט זיך געהאַט אַלע אבֿרים, נאָר באַוועגט האָט ער זיך ווי די גלידער זיינע וואָלטן לויז געווען, און אַרויס פון די געלענקן.

בעניע „בליץ" האָט זיך צוגעזעצט צו זיי אין ווינגדאָרס רעס־טאָראַן. נאָכן ערשטן גלעזל, נאָכן ברייטן:

— שלום עליכם, פון וואַנען זענען ייִדן? און וואָס טוען עפּעס ייִדן דאָ הי?

האָט זיך אויסגעשטעלט, אַז די בחורים זענען מלחמה־אינ־וואַלידן — טשאַרט פּאָביערי — און וווינען, וווינען זיי אין וואַסער־בורגער לאַגער, ווו זיי האַלטן אַ ביר־קעלער, וועדליק דער יעקישער מאָדע.

— דאַרפט איר דאָך אוודאי אַביסל סחורה? — האָט זיי בעניע „בליץ" גענומען אויפן פאַרהער.

— אָט פונקט ווי איר וואָלט געשטאַנען דערביי...

נאָך איידער דאָס פלעשל מיט די „דריי שטערן" איז לײדיק געוואָרן, האָבן זיי אָפּגעשלאָסן דעם מסחר, און בעניע „בליץ" מיטן איידעם זיינעם האָבן געהאַלפן פאַרלאָדן די סחורה אויפן אַלטן לאַסט־אויטאָ וואָס האָט מיט אַ קרעכץ און אַ שיפּע געלאָזט זיך איבער דער אויטאָ־באַן, אויפן וועג קיין וואַסערבורג.

דער איידעם האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויפן שווער זיינעם. בעניע „בליץ" האָט געגנוי פאַרשטאַנען וואָס אָט דער קוק באַדייט...

— ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון אַ גוט פאַרדינסטל...

— אָבער די סחורה איז דאָך ניט אונדזערע; מאָרגן פרי קומען אהער די סוחרים...

— מ'עט מיט זיי דורכקומען — האָט בעניע געהאַט בטחון.

— זיי קומען מיט די בערישעס אזש פון שטוטגאַרט, און דאָ קען זיך גיסן בלוט. וואָרים די בערישעס פאָרן ניט אומזיסט, און תירוצים העלפן ניט... מ'עט ביי זיי די נשמה אויסשפּייען.

איז עס בעניען אריין אונטערן לעפעלע, און ס'האָט גריילעך אויסגעזען, אז די פּאָר לייכטע דאָלער פאַרדינסט, וועלן ארויסגיין באָקעם. מ'קען אפילו נעמען שפּייען מיט בלוט.

און בעניע „בליץ" האָט שטאַרק חשק געהאַט צו קומען קיין אמעריקע מיט גאַנצע ביינער. זיצן אין רעסטאָראַן און קוקן אויפן בלאָנדן ווינדאָר, וואָס איז שוין אויך געווען כמעט א ניט היגער און געוואָלט ארויסקריכן פון מסחר — האָט בעניע געזען איז ניט קיין תכלית. עפּעס מוז מען דאָ צענעמען די פינגער. וואָלט מען געקאָנט אָפּקויפן אַנדערע פּאַפּיראָסן — איז א כפּרה דער פּאַר-דינסט. נאָר די די גרענעץ איז מען שוין זעלטן ווען געגאַנגען (דער גראָבער אלעקס האָט געהאַט מזל — איז אים בעניע מקנא — און זיך אָפּגעטראָגן אין דער ריכטיקער מינוט...) און קיין סחורה איז ניט געווען.

— נעם ארויס דעם רזשיפּ, און איך גיי א רוף טאָן וואַניען. פאַרגעס ניט מיטצונעמען די „כלים".

בעניעס איידעם, אָט דער האַרער בחור אין ברילן מיטן אָדלער-נאָז וואָס האָט גענומען זיין טאָכטער, ווייל ער איז שוין צו ווייט פאַרפאָרן — האָט פאַרשטאַנען אַן עסק און צוויי מאָל ניט איבער-געפרעגט. אז זיי זענען מיט אימפּעט ארויס אויף דער אויטאָ-באַן, האָט דער איידעם זיך פאַרנומען מיטן געשלעגנלטן, שמאָלן וועג, וואָס איז געווען פאַרבאָטן צו באַנוצן פאַר ציווילע לייט. דאָס איז געווען איינע פון די סטראַטעגישע וועגן וואָס די דייטשן האָבן דורכ-געהאַקט, און אפילו די אמעריקאַנער האָבן עס זעלטן ווען באַנוצט, צוליב ריזיקאַלישקייט. דער איידעם אָבער איז געווען ביז גאָר געניט אין פירן אַן אויטאָ, און האָט דעם וועג געקאָנט. נאָך עטלעכע שעה פאָרן, זענען זיי אָנגעקומען צום שאַרפן פאַרדריי פון דער אויטאָ-באַן, וווּ אויטאָס מוזן פאַרלאַנזאַמערן זייער לויף, אויב זיי ווילן ניט אריינפילן אין אַן אָפּגרונט אריין.

— דאָ וועלן זיי באַלד אדורכפאָרן — האָט בעניע געזאָגט, כדי איבערצורייסן דאָס שטילשווייגן, כאָטש די אַנדערע האָבן עס

סיי ווי געווסט. וואַנקע האָט אפילו א טראַכט געטאָן, אז ער איז שוין א גאַנצער אמעריקאַנער, און באַלד וועט דאָ פאָרקומען אן אמתער „האָלד־אַפּ" — קאַק ווקינאָ...

וועט זיי דאָ די כאָליערע נעמען...

דער אַלטער לאַסט־אויטאָ האָט מיט א קרעכץ ארומגעקרייזט דעם באַרג און זיך גענומען דראַפּען ארויף.

מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן זענען די דריי ארויסגעשפּרונגען אויפן וועג.

— שטיין בלייבן! אַניט איז א בראָך צו אייערע פּאָר יאָר...

וואַניע האָט זיך שוין באַוויזן ארויפכאַפּן אויף דער מאשין, און דורכן הינטערשטן פענצטערל געצילט אויף די בחורים:

— זאַוואָראַטשעוויי מאשינו — האָט ער באַפוילן אין רוסיש — א טאָ ראַסטרעליו נאַכער...

דער לאַסט-אויטאָ איז ארונטערגעפאָרן פון וועג, און די דריי האָבן שנעל איבערגעלאָדן די סחורה אין דזשיפּ אריין, און פאַר-שוווּנדן...

די וואַסערבורגער אינוואַלידן זענען נאָך אַלץ געווען צעמישט. געריכט האָבן זיי זיך אויף אמעריקאַנער פּאָליציי, און פאַר זיי טאַקע אָנגעגרייט די ריכטיקע תירוצים מיט פּאַפּירלעך, ווי ס'געהער צו זיין. אָבער אויף אזא שטיל ארבעט...

— מילא — אָפּגעברענט מיט די פּאָר דאָלער — האָבן זיי זיך אליין געטרייסט — אבי ארויס מיטן לעבן...

.5

דער לאַגער־פּלאַץ איז פול געווען מיט לאַסט־אויטאָס, און „אונרא"־אָפיצירן מיט ליסטעס אין די הענט האָבן אויסגעזוכט מענטשן, אָנגעוויזן זיי וואוהין זיי פאָרן און אין וועלכן אויטאָ זיי דאַרפן זיך פאַרלאָדן.

דעמאָלט האָבן שוין אלע באַשיימפּערלעך געזען, אז די קלאַנ-גען וועגן ליקווידירן דעם לאַגער זענען ניט געווען אין דער וועלט אריין. נאָר סיי ווי האָט יעדער געהאַט גרייט די פּאָר קעסטלעך.

— מ'ווערט פּטור די אלע צרות — האָט בעניע „בליץ" א זאָג געטאָן צום איידעם זיינעם — מ'זאָל נאָר בשלום אָנקומען קיין

אמעריקע. ווארים בעניע „בליץ" איז אצינד געפארן אין טראנזיט־לאגער אריין, וווּ ס'זענען שוין אנגעקומען די פאפירן פאר אים און זיין משפחה.

— בעסער אזוי. ניטא קיין לאגער. קיינער קען ניט בעניען — אוים. מ'הויבט אן א נייַ לעבן, מחמת מען פארט צו מיינע ברידער קיין אמעריקע, און דארטן שמועסט מען, הארף מען זיין א לייט...

דער טראנזיט־לאגער הינטער מינכען, איז געווען ווי א גרויסער באק־אויוון, וואוהין מ'האט אריינגעפאקט היימלאזע פליטים און ארויסגענומען פריש אפגעבאקענע קאנאדער; אויסטראליער אדער אמעריקאנער. לשונות און פנימער פון גאנץ אייראפע האבן זיך גערוקט ווי אויף א מעכאנישער באנד פון צימער צו צימער; פון איין באאמטן צום צווייטן; ארויפגעצויגן שטעמפלען אויף פאפירן; געקלאפט קאסטנס; זיך פארלארן אויף שיפן — אט אזוי גאנצע לאגערן מיטאמאל.

בעניע „בליץ" מיטן איידעם זיינעם און דער טאכטער, וואס האט שוין געזויגן אן אייניקל, האבן זיך געהאלטן גאר אן א זייט. ווייניק געמישט זיך מיט אט די נייע מענטשן, וועלכע האבן זיך צעליינט איבער צימערן מיט זייער האב און גוטס. נאך א וואך, נאך א טאג און ער וועט גלייך מיט אלע אדורכקריגן זיך דורך אט דער מאשין, און וועט אוועק. דערווייל איז אלץ געגאנגען כשורה.

איין פארמיטאג איז טשעמיילאך, וואס איז דא געווען צוזאמען מיט בעניע „בליצן" און דעם בלאנדן ווינדאר, באמערקט באקאנטע פנימער זיך ארומדרייען ארום דער געביי פון דער אמעריקאנער זיכערהייטס - דינסט. דארט וווּ מען האלט אן אויג אויף דעם, ווי־אזוי די עמיגראנטן האבן זיך באנומען אין די לאגערן; און נאך פריער — מלחמה־צייט — אפשר מיטגעהאלפן דעם שונא; געזוכט אויס־סטאטואירטע ס. ס. צייכנס אונטער די פאכוועס; און אז זיי זאגן: לא — מעג מען זיך שטעלן אויפן קאפ, העלפט עס ניט. ס'איז אוים מיט אמעריקע.

ס'איז אלע מאל גוט צו וויסן, וואס עס טוט זיך דא ארום, איז טשעמיילאך ניט פויל געווען, אריבערגעקומען צו די, וואס האבן אים אויסגעזען קענטלעך.

— עמך?

— געווים עמך... און די יידן זענען דווקא געווארן זייער באַ־רעדעוודיק, ווארים אויך טשעמיילאך האט זיי אויסגעזען קענטלעך פון ערגעץ.

— קיין אַמעריקע, הייסט עס, פאָרן זיי ניט. זיי זענען אינוואַ־לידן. נאָר וואָרעם? זיי ווייסן, אַז דאָ געפינט זיך זייער אַ באַקאַנטער בעניע „בליץ", און וועגן אים איז כדאי אַ שמועס צו טאָן מיט די זיכערהייטס־מענטשן...

אַז טשעמיילאַך זאָל זיי טאַקע גלויבן, האָבן זיי אָנגעוויזן אויף אַ בחור וואָס איז געשטאַנען דערנעבן:

— אָט דער חברה־מאַן רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער...

פון דעם גרוס איז בעניען געוואָרן גאָר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, און ער האָט דערפילט, אַז ער עקט זיך. אַז דאָס, וואָס זיינע ברידער ליגן דאָרט איין וועלטן פאַר אים איז ניט ווערט קיין פעטרושקע, טאָמער דערגייט די מעשה צו די אַמעריקאַנער.

בעניע „בליץ" האָט דערפילט, אַז זיין נשמה ליגט אין די הענט פון די וואַסערבורגער אינוואַלידן; אַז מ'דאַרף איר אויסלייזן...

— טשעמיילאַך, לויף אַריבער און פרעג זיי: וויפל? מען איז דאָך יידן, וועט מען אַדורכקומען...

האָבן זיך די אינוואַלידן ניט געפוילט, און געשטעלט אַ פּרייז אויף בעניעס קאָפּ:

— פינפהונדערט דאָלער...

אין בעניען האָט עס געקאָכט ווי אין אַ קעסל, וואָס וועט אַ ליאַדע רגע פּלאַצן:

— באַנדיטן! רויבערס! האַלדז־שניידערס! 500 דאָלער גיב זיי! מענטשן גאָר אָן סאָוויעסט — זאָל איך אָנקומען קיין אַמעריקע אין איין העמד?

ער האָט זיך געוואָרפן און געדונגען. נאָר די וואַסערבורגער האָבן אים געהאַלטן ממש פאַרן גאָרגל.

— איז ניט. וועלן מיר טאָן דאָס וואָס מען באַדאַרף. האָט געקאָסט אַזוי פיל, וועט קאָסטן נאָך אַ פּאָר דאָלער — דאָס האָבן זיי אָנגעוויזן אויפן בחור וואָס רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער. מיר האָבן דאָך ניט וואָס מורא צו האָבן. קיין אַמעריקע פאָרן מיר דאָך סיי ווי ניט. און מיט יענעמס ענגליש, וועט שוין בעניע פאַרלייגן מיטן קאָפּ און אויסקרענקען די פּאָר דאָלער.

— פאַרנאַכט גייט אָפּ די באַן — און נעכטיקן קלייבן מיר זיך דאָ ניט — האָבן זיי געגעבן טשעמיילאַכן צו פאַרשטיין — שפּעטער וועט שוין אַלץ זיין סיי ווי פאַרפאַלן. אַז מירן אונטערשרייבן...

מיט ציטערדיקע הענט האָט בעניע אויפגעטרענט דעם אונטער-שלאק פון רעקל, וועלכן ער האָט געטראָגן, און פון אונטערן אקסל-קישעלע ארויסגעצויגן פינף צענויפגעלייגטע באנקנאָטן...

— איז לאָמיר גיין צום באן — האָט ער מיטגערופן טשע-מיילאכן. — די קעשענע שניידער טוען אויס א יידן נאקעט. וואָלט איך זיי די גוטע קרענק געגעבן — האָט ער זיך פארענטפערט פאר טשעמיילאכן — נאָר וואָס טוט מען ניט פאר אן אייניקל...

טשעמיילאך איז געווען אן עדות. ער האָט ביי די וואסער-בורגער גענומען א האנט, אז זיי האָבן מער צו בעניען גאָרניט. זיי זענען אים מוחל, און בעניע האָט געסילוקט...

א באַראַקטער־זאַך...

אָפּגעריסן פון היימישער ערד, האָבן מענטשן זיך געטראָגן ווי אויסגעוואָרצלטע ביימער, וועלכע דער שטורעם־ווינט האָט אויסגעריסן. איז געפאָרן א צוג ערגעץ־ווו, איז רעכט געווען אריינצושפרינגען, סתם אזוי און אָפּפאָרן א פּאָר לעת. איבער אלעם האָט געפלאָטערט א פליגל פון טויט. טראָגנדיק דאָס פּ־צל לעבן אין זיך, איז דער מענטש גרייט געווען צו פארבאָרגן עס אין די טיפעניש פון דער ערד, אָדער אין די ווייטקייטן — וועלכע ער האָט ניט געקאָנט און ניט געטרויט, און דאָך אין זיי אריינגעדרונגען.

געפירט מיטן האַנט פון יידישן גורל האָבן מלחמה־פליטים פארפולט די מעריק; די „טשייכאַנאַס" און די שמאָלע, ליימיקע געסלעך פון אזיאַטישע שטעטלעך און דערפער. געוואָרן היימיש אין טאַשקענט און בוכאַרע; פערגאַנאַ און אשכאַבאַד — וואָס אלץ צוזאמען האָט עס געקאָנט היימן: טיף ראסיי — נאָר געווען איז עס איינפאַך: עק וועלט...

זיי האָבן געלעבט מיטן טאָג און מיט דער האָפענונג, אז די צוגן וועלן ווען ניט איז זיי פירן צוריק — נאָר דערוויל האָט מען געמוזט אקערן מיטן נאָז די ערד צוליבן טאָג לעבן טאָקע...

★ ★ ★

אין מיטן פון א וויסטן, אזיאַטישן סטעפּ — געשמיסן פון נאָכאַנאַנדיקע ווינטן, און גליאיקער זון האָט מען אויפגעשטעלט בעטאָנענע ווענט — פאר אן אייזנגיסערייַ.

נאָך איידער די ווענט זענען פארטיק געוואָרן, האָבן פארהאַוועטע ארבעטער שוין געלייגט רערן; צענויפגעשטעלט וואַלץ־מאַשינען. די ארבעטער — ווי די מאַשינען האָט מען אויפן דריטן מלחמה־יאָר צענויפגענומען פון די געגנטן, ווו די ארמיי האָט נאָך ניט באוויזן ארויפצולייגן די האַנט אויף זיי.

בעניעק פריד האָט זיך באַשאַפן מיט אַ בריגאַדע יאַפּאַנישע זעלנער, געפאַנגענע פון כאַרבינער גאַרניזאָן. ער האָט גערעדט צו זיי אויף אַ לשון, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען, אַז זיי פאַרשטייען אים. איינגעשפּאַנט אין אַ שווערער רער, אפשר אַ מאַן אַכט — קליינע, באַוועגלעכע ווי מוראַשקעס, האָט זיי פריד געמונטערט:

— היי! סיי נאָ!

אוודאי איז דאָס ניט געווען דאָס זעלבע, ווען די רוסן דער־לאַנגען אַ רוף:

— ראַז, דוואַ, וזיאַלי! און נאָכאַמאָל: וזיאַלי!

אָבער די רער האָט זיך פונדעסטוועגן באַוועגט פאָרויס.

אַזוי האָט זיך בעניעק פריד איינגעשאַפט אַן אוצר מיט ווער־טער. צום יאַפּאַנער, וואָס איז געזעסן אויפן דריטן שטאָק פון דער עלעקטרישער הייב־מאַשין, האָט ער אַרויפגעשריגן:

— היי — אַ ווי־טאַ!

און מאָרגנס: די מאַשין האָט זיך געטאָן אַ הייב אויף, און גע־נומען באַוועגן אין דער ריכטונג פונקט ווי מען באַדאַרף. ערשט ווען דער יאַפּאַנער האָט דערהערט אַ רוף:

— היי — סאַ־גי־טאַ! האָט זיך די מאַשין אַראָפּגעלאָזן אַקוראַט דאָרטן, ווי עס איז געווען אָנגעצייכנט אויפן פּלאַן.

צום מאַשינען מאָנטאַזש איז בעניעק פריד געקומען מיט ידיעות אין זייגערמאַכעריי און אין ברען־ספּיראַלן, די עלעמענטן פאַר עלעק־טרישע קיכן — וואָס דאָס אַליין איז שוין גאָר קרוב צו שלאָסעריי. און אַז עמעצער האָט נאָכאַלעמען געפּרובירט צווייפלען צו בעניעק וועט זיך גאָר אויסטויגן אין דער בויאונג — האָט ער יענעם באַלד פאַרמאַכט ס'מויל:

— יאַך בין אַ וואַרשעוואַ...

און דאָס האָט שוין אַלץ פאַרענטפערט.

* * *

עס איז געווען זונטיק — דער רו־טאָג. אַ טרוקענער, פראָס־טיקער פרימאָרגן. די קאַלטע זון האָט געפּרירט די ביינער. בעניעק האָט געהאַט גאָר וויכטיקע מסחרים צו דערליידיקן אויפן מאַרק. וואָרים, אַז מען וויל זיין גערעכט צו די פּליטים, מוז מען צוגעבן — די וואָך פּרנסה האָט ערשט צוגעשטעלט דער מאַרק. פון דער אַרבעט

האָט מען געהאַט נאָר די זיכערקייט, אַז קיינער וועט זיך ניט טשעפּען מיט פראַגן:

— פון וואַנען לעבט עפּעס א מענטש?

מחמת די מאכט האָט זייער געוואָלט וויסן פון וואָס איינער לעבט. דעמאָלט האָט מען מיט דעם געוויסן פון אַן ערלעכן ביר־גער געקאָנט דערקלערן:

— מיר בויען דעם מעטאַל־זאַוואָד!

אויפן מאַרק האָט מען געהאַנדלט מיט מאַכאָרקע און שרייב-פּאַפּיר; אַלטע קליידער און פרישע זייף; טיי און ווייַנטרויבן; און מיט וואָס ניט?!

בעניעק האָט געקויפט און פאַרקויפט. געכאַפּט א פּאָר רובל פון האַנט, אָדער ארויסגעבראַכט א סחורה, וואָס האָט פּונקט אויסגע-פעלט. נאָר אַז ער איז פאַרנאַכט אהיימגעקומען אין איין העמדל, איז זיין בעסאַראַבער ווייבל — וואָס ער האָט ערגעץ ווו אויפן וועג אָפּגעשפּאָרט — צו אים צוגעשטאַנען:

— אוי, א בראָך איז צו מיר בעניעקול, ווו איז די פופייקע? אין אַזאַ פראָסט גייסטו ארום א נאַקעטער?

— א מציאה — ממש א מציאה — „פאָניע” האָט געגעבן א פרייז, האָב איך זי אויסגעטאָן און פאַרקויפט.

אָט האָט מען זיך געזעצט צום מאָגערן מיטאָג אין פאַבריק. עטלעכע שטיקלעך ברויט; א ביסל צוקער — אַמאָל א שטיקל פּוטער. מען האָט פאַרטאַנדערגעוויקלט די פּעקלעך און גענומען עסן. רופט זיך אָפּ נאָכט, א יונגערמאַן וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַנדלט מיט תבואה אין לעמבערג, אָט סתם אַזוי, אויף טשעקאַוועס:

— איידער דו עסט פרידל — גיב איך דיר 3 רובל פאַרן מיטאָג.

— דריי רובל? — פינף רובל איז א מציאה.

— איך בין א שותף — רופט זיך אָפּ מאַנדל, און מען ציילט שוין געלט...

מחמת מסחר איז געווען אין בעניעקס בלוט.

האָט שוין געטראָפן, אַז ערב דעם ערשטן מאַי, ווען ארבעטער קריגן טאַלאָנען, ווי אויסצייכענונגען פאַר זייער ארבעט, צו קויפן שיך, א מלבוש — פאַר רעגירונגס פרייזן אין א געשעפט — און האָבן ניט די פּאָר רובל עס אויסצוקויפן — איז שוין בעניעק דאָ

אויפן מאַרק. און טאַקע דעמאָלסט פאַרגלוסט זיך אים צו קויפן א פּאָר קאַלאַשן.

— וואָס ווייס דער פויער מיט וואָס מען עסט עס — מאַכט בעניעק — קאַלאַשן גאָר? און ביליק, א ריינע מציאה —

נאָר גיי ווייס, אז דער פאַרשלאָפענער „פּאָניע”, וואָס האָט אויסגעזען האַלב-פאַרשניאַקעט האָט גאָר אליין געמייסטרעוועט דעם טאַלאָן?

— נאַפּלעוואַט — אזוי זאָגט בעניעק אויף די פּאָר רובל. נאָר מיר זאָל דאָס געשען?

יאָך ביז דאָך א וואַרשעוואַ!

★ ★ ★

אויסער די יידן און עטלעכע רוסן, וועלכע מ'האָט פאַרבראַקירט פון דער אַרמיי, האָבן אין דעם ווייסטן העק געאַרבעט קריגס- געפאַנגענע פון דער „אַקס”. נאָר פּאָליטיק איז ניט געווען בעניעקס דרך. פון אים אויס האָבן זיי געקאָנט ווערן א כפּרה, נאָך איידער זיי זענען דאָ אריינגעפאַלן. אזוי האָט ער בפירוש געלאָזט וויסן זיין חבר, דעם לעמבערגער תבואה-סוחר נאַכט, וואָס האָט זיך דאָ באַשעפטיקט מיטן נייעם פאַך זיינעם — א מאָנטער פון מאַשינען.

אויב א קריגס-געפאַנגענער האָט עפּעס געהאַט א ווערט אין די אויגן פון די פּליטים — זענען עס געווען די יאַפּאַנער — וועלכע האָבן נאָך געהאַט וואָס אראָפּצופאַרקויפן פון זיך. די אַנדערע זענען אהער אָנגעקומען מיטן נאַקעטן הינטן ממש. די יאַפּאַנער אָבער האָבן געהאַט סוועטערס; וועש; העמדער — וואָס דאָ, זענען עס געווען „דעפּיציטן”. אזא האַנדל האָט טאַקע געשמעקט מיט סיביר, און באַוואָפנטע, רוסישע זעלנער האָבן גוט אַכטונג געגעבן, אז די געפאַנגענע זאָלן ניט ווערן צופיל שמעלקע מיט די פּליטים. מען זאָל שטילערהייט ניט טוישן...

וואָלטן אָבער די היטער געווען אפילו מיט צען קעפּ — איינהיטן האָט מען ניט געקאָנט.

אדרבא: נעמט דעם פאַל מיט ראַביענקאָ, דעם בעסאַראַבער בחור. געאַרבעט האָט ער אלס צושטעלער פון מאַטעריאַלן. אַרומגעפאָרן, געזוכט, געגנישטערט — אויפן גלייכן וועג איז שווער געווען עפּעס צו קריגן. און בויען האָט מען געמוזט. אמאָל האָט ער אויסגעבאָרגט א לאַסט-מאַשין מיט אייזנבאַן-שפּאַלן, מ'זאָל קענען אויס-

לאָדן א טויזנטפּודיקע ראָד, א „מאַכאָוויק" פון א וואגאָן־פלאַטפאָרם. אויסגעלאָדן — דאַרף מען די שפּאַלן צוריקקערן. ארויסצופירן זיי פון דעם בוי־שטח — דאָס איז ערגער ווי קריעת ים־סוף. קודם וויל מען וויסן: — וואָס פארא שפּאַלעס? פון וואנען שטאַמען זיי? און נאָך פראַגן, אויף וועלכע ראַביענקאָ האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו ענטפערן. און נאָך אַלעמען מוז מען האָבן א „פּראָפּוסק" פאר־זען מיט אונטערשריפטן, באַשטעטיקונגען — כאָטש וואַרט אויף א דעציזיע פון מאָסקווע. און דערווייל ווערט „היים". מען מאָנט די שפּאַלעס. איז האָך ראַביענקאָ א בחור מיט שכל — שטעלט ער אויס א פּראָפּוסק, שרייבט זיך אונטער אמאָל צען און לייגט ארויף א שטעמפּל מיט א קופּערנער קאָפּיקע — ווי ס'באַדאַרף צו זיין און פאָרט אַדורך דעם וואַך־פּאָסטן כשר, ווי קיינמאָל גאָרניט.

* * *

געוווינט האָט די פּליטים אין א גרויסן זאל, באַשטימט פאר די מאָנטאַזש־אַרבעטער. האָט זיך יעדער אָפּגעצאַמט זיין ווינקל מיט א קאָלדרע — פּריוואַט — אַן אייגן נעסט.

בעניעק פריד האָט זיך אפילו ארויפגעאַרבעט אויף א געמויערט ווענטל, מיט א טיר — א גאָר לייטישע דירה.

אין „אָבשטשעזשיטיע" זענען שוין כמעט אַלע געשלאָפן. בלויז בעניעקס פרוי, דאָס בעסאַראַבער ווייבל טאַקע, וואָס האָט אים גערופן ניט אנדערש ווי: בעניקול — האָט געוויגט ס'קינד און געוואַרט אויפן מאַן, וואָס האָט זיך ערגעץ ווו פאַרהאַלטן צוליב די געשעפטן זיינע. געווען איז זי אומגעדולדיק. ווען בעניקול זאָל זיך אצינד באַ־וויזן, איז זי גרייט אים צערייסן, ווי א הערינג.

— אזא אויפטוער, בעניקול — האָט זי גערעדט צו זיך — עפּעס א קליינינקייט? נאָר די מציאות קויפן אנדערע. און דאָס טאַקע האָט איר געקרענקט:

— די מציאות כאַפּן אנדערע...

בעניעק איז שטיין געבליבן אין טיר. נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצוטאָן די פופייקע — האָט אים דורכגעשפּיזט איר שאַרפער בליק. ער האָט דערפילט, אז מיט עפּעס וואָס האָט ער זיך דאָ פאַרזינדיקט. די לופט איז פול געווען מיט עלעקטרע און מיט שטורעם. ער האָט געוואַרט, זי זאָל ארויס מיט לשון.

— פיש, בעניקול, צעלייגער מיינער — האָט היינט נאָכט גע־קויפט אַ זאַך, אַזוינס און אַזעלכעס — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער פרייער האַנט, אין דער ריכטונג פון נאַכטס ווינקל — אַז מען זעט עס דאָ איבערהויפּט ניט. טייערער שטאָף אויף הויזן. און פאַר קנאַפּע 60 רובל. און ווו ביזטו מיט דיין טאַלאַנט?

און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט זי אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין:

היינט שלאָפסטו ביי מיר צופוסנס...

די מעשה מיטן שטאָף איז אים אַריין אין דער נאָז, צוליב אַ סך טעמים. דער עיקר טאַקע, וואָס ס'האָט זיך אים ניט געגלוסט שלאָפן צופוסנס. האָט ער זיך אַריינגעשאַרט צום שכן, וואָס איז שוין געלעגן אין בעט — ווי אייגער וואָס קען זיך דערלויבן פריי ליגן שלאָפן, נאָכן גוטן געשעפט וואָס ער האָט געמאַכט. פריד איז באַלד צוגעטראָטן צום ענין: — ניט געזעענערהייט קריגסטו טאָפּלט פאַרן שטאָף...

נאָכט האָט שוין פון פריער נאָך געהערט, וואָס איבערן וועגטל איז פאָרגעקומען.

— כ'וויים — האָט ער זיך געקווענקלט — אַז דו ווילסט עס קויפן, צוליב שלום בית, קאָנסטו עס האָבן.

בעניק האָט אָפּגעציילט ס'געלט, און מיטן שטאָף אַריין צו זיך. ער האָט עס פאַרנאַנדערגעוויקלט. עס איז געווען אַ גרינע, יאַפּאַנישע קאָלדרע. ער האָט זי גענומען באַטראַכטן אַנטקעגן שיין פון נאַפט־לעמפּל. די קאָלדרע איז שוין געווען היפּשלעך אַלט, און היפּשלעך אויסגעריבן, דין — אַ זיפּ ממש.

זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן:

— עס גייט שוין ניט אין געלט. יאָך ביז דאָך אַ וואַרשעווע...

מיט אימפעט איז ער אַריין צום שכן.

— נאָכט, איז וועד אָן 20 רובל, נעם עס צוריק...

— דאָס טאַקע ניט — האָט נאָכט געענטפערט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געלערנט אַ בלאַט גמרא, ווייל אויף דעם האָט ער זיך פאַרשטאַנען אַ סך בעסער — ווי אויף מאַנטירן מאַשינעס — נאָר מילא, האָסט עפּעס אַ סחורה, בין איך גרייט אַריינצופאַלן...

בעניעק האָט גענישטערט צווישן זיינע בגדים, און ענדלעך זיך באַוויזן מיט אַ גרויען רעגן־מאַנטל, ניט פון דער ערשטער קוואַ־

ליטעט — אָבער ס׳האָט געקאָנט אָנגיין פאר א מלבוש. נאכט האָט אים באטראכט שטייענדיק אין מיטן שטוב אין אונטערוועש. קיין גרויס חשק עס צו קויפן האָט ער ניט געהאַט. דאָך האָט ער עס אָנגעמאָסן, באטראכט:

— ס׳איז ניט אזוי, איי; איי; איי; — נאָר ביזטאָך אָן אייר געגער... און מיטן ניגון פון א לערנער האָט ער צוגעגעבן:

— שלום-בית איז א וויכטיקער ענין... א ביז גאָר וויכטיקער ענין...

* * *

שוין א דריי יאָר ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ווידער האָבן פליטים פארפולט די צוגן; די וועגן. זיך ארומגעדרייט איבער שטעט און שטעטלעך פון דייטשלאנד. פון דאנען ארויס האָבן זיי זיך געריסן אין דער וועלט אריין. ווייזט אויס, אז די וועלט האָט געהאַט וויכטיקערע זאָרגן, ווי צו טראַכטן וועגן א היים פאר די פליטים — זענען זיי דערהוויל געזעסן אין די לאַגערן, געהאנדלט. אפגעשלאָגן די שוועלן פון פארשידענע אמטן, כדי צו קאָנען מאכן א לעבן. מ׳איז געפאָרן פון לאַגער צו לאַגער; געזוכט פריינד, געוואָלט אָנ-ווארעמען זיך. דערקענען א היימישן פנים.

עס איז געווען א שפעט-נאָכמיטאָגדיקער פרילינגס-טאָג. די באַן האָט זיך א טראָג געטאָן פון מינכען; דורכגעשלענגלט זיך פארביי בערג; אָזיערעס; און שטיין געבליבן ביים שטעטל פעלדאפינג — וווּ ס׳געפינט זיך דער עלטסטער פליטים לאגער. די פלאַטפאָרם איז מיטאמאָל פול געוואָרן:

עמך — איינגע... פון וואנען א ייד?

דער שניי, וואָס איז געלעגן אויף די בערג איז שוין געווען האַלב-צעגאנגען, און דער וועג אין לאַגער אריין איז געווען איין גרויסע, געדיכטע בלאָטע.

מיר האָבן אָפּגעמאָסטן דעם באַרג, אויף וועלכן מען דאַרף זיך פארנעמען; אויף די שיך, — צו זיי וועלן ביישטיין אָט דעם מאַרשרוט; מיטאמאָל איז צום אויער דערגאַנגען א שטים, וואָס באַט עפּעס אָן:

— טאַקסי! טאַקסי! א טאַקסי אין לאַגער אריין!

א טאַקסי אין לאַגער אריין, קאָסט אוודאי א פארמעגן. ניט פאר אונדזער טאַש. אָבער די שטים... די שטים דערמאָנט עפּעס.

ער האָט אונדז באַלד דערקאַנט:

— איינענע, ביעגאַוואַטער, פון מעטאַל־זאַוואָד. איר מוזט שוין אריבערקומען צו אונדז — עפּעס א קליינעקייט — ביעגאַוואַטער. פון אונדזער „אַפּשטשעזשיטיע״!

עס איז געווען דער זעלבער בעניקול. א האָר ניט עלטער גע־וואָרן. נאָר א היטל האָט ער געטראָגן א נייעס. מיט א פּייערל אין די אויגן, האָט ער אונדז צוגעפירט צום אויטאָ.

— פאר מלחמהדיקע קוואַליטעט — האָט ער ניט געוואָרט אויף אונדזער פראַגע. די מאַשין האָט אויסגעזען גענוג סאָליד, מיט פאַרהעננגלעך אינעווייניק.

— זי האָט זיך גוט אויפגעהאַלטן — האָבן מיר געמוזט צוגעבן — ווערט אודאי א פארמעגן?

— אַן עלטערע פרוי האָט זי געהאַט אָפּגעשלאָסן אין א גאַ־ראַזש. זי האָט ביי מיר תמיד געקויפט קאַווע, צוקער — מיר טאַקע פארטרויט דעם סוד פון אַן אויטאָ. קיינעם ניט געוואָלט פארקויפן. ס'איז געווען, זאָג איך אייך — פּשוט א מציאה — אַזא טייערער וואָגן...

און אַז מירן זיך נאָך אַלץ ניט געקאַנט אָפּוווּנדערן פון דער מאַשין, איז בעניעק געוואָרן אומגעדולדיק.

— נו, קריכט שוין אריין — אויף וואָס וואַרט איר?

ער האָט א קוועטש געטאָן אויף א קנעפּל, און די מאַשין האָט אָן חכמות זיך אוועקגעלאָזן צום לאַגער.

דער שליכוזל...

.1

דער פארנאכט — כאטש א סוף-זומערדיקער — איז געווען א ווארעמער. עטלעכע פולגעלאדענע, אמעריקאנער מיליטערישע לאסט־אויטאס זענען געשטאנען זייט ביי זייט, די מאטארן אויסגעלאשן. פון די אויטאס ארויס האט מען אויסגעלאדן דעם נייעם טראנספארט פליטים וואס איז נאר וואס אנגעקומען דורך עסטרייך, אין דער אמעריקאנער זאנע פון דייטשלאנד.

אין באגלאזטן ספארט-זאל, וואס האט אויך געדינט פאר א טע-אטער, זענען געשטאנען טישלעך מיט באאמטע, ווו מען האט די פליטים פארשריבן; גרופירט און צוגעטיילט וווינונגען אין די גרויע, שטאקיקע, בעטאן־געגאסענע בלאקן — אויסגעשטעלט ארום א גרויסן מושטיר־פלאץ. די דייטשע קאזארמעס האבן אצינד געגעבן א דאך איבערן קאפ די יידישע פליטים.

דער ארטיסט באבראוו האט זיך ניט געאיילט צוצוגיין צום טיש און זיך לאזן פארשרייבן. אין געאייל, אין געטומל, אין אט דער שטופעריי וועט ער פארלוירן גיין. מ'וועט אפילו זיין נאמען ניט ריכטיק פארשרייבן. האט ער דערווייל באוואונדערט די צעצונדענע אלפן־בערג, אין וועלכע די זון האט זיך פארהעקלט. אונטן, אין טאל, איז שוין געווארן שאטנדיק, טונקל. די שפיצן בערג אבער, האבן זיך געלויכטן איבערן ארום.

— דער לייכט-טורים פאר אונדזער שיף, איבער שטורמישע וואסערן פון אייראפע — האט באבראוו צו זיך א זאג געטאן. ער האט אפילו פון געוווינטשאפט א פיר געטאן מיטן האנט אין דער לופט, ווי ער וואלט אנגערירט די קאנטורן פון דער שיף. ער איז געשטאנען אויף דער בינע...

— אויף וואס ווארט איר, ר' ייד?

די פראגע האט באבראוון אראפגעפירט פון דער בינע, צוריק אין לעבן אריין.

ער איז שוין געווען דער לעצטער פון טראנספּאָרט.

— איז ווי הייסט איר? האָט דער באַאַמטער, אַ פּליט וואָס איז שוין דאָ אפשר אַ וואָכן פיר-פינף, אַ פרעג געטאָן.

— באַבראַוו — ארטיסט באַבראַוו...

דער פליט, וואָס האָט אצינדער געשפּילט דעם באַאַמטן, האָט מיט חשד אָפּגעמאָסטן באַבראַוון, און זיך ניט געאיילט ארויפצו-נעמען אָט דעם נאָמען אויפן פּאַפּיר. זיין בליק האָט געפּאָרשט דעם ארטיסט, וואָס האָט זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון די אנדערע יידן דאָ. כאָטש אים איז אבסאָלוט גלייכגילטיק געווען, ווי אַ מענטש הייסט. האָט ער דאָך דעם נאָמען ניט געקאָנט צעקייען און אראָפּ-שלינגען. דער, וואָס דערקלערט זיך פאַרן ארטיסט באַבראַוו, האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ טויט יידן. די פיגור; דער קנייטש אין קאַפּעלוש; די אויגן — פול מיט אומעט; דאָס צעפּירן מיט די הענט; אפילו דער צוק מיט די אַקסלען. און נאָכאַלעמען איז מען דאָך צווישן יידן —

פון דאָזיקן קוק האָט זיך באַבראַוו דערפילט אביסל ניט באַקוועם.

— וואָס, איר קאָנט מיר פון ערגעץ? געזען מיר אוודאי שפּילן טעאַטער. וואָדען? אין וועלכער שטאָט פון פוילן האָב איך ניט גע־שפּילט? דערמאָנסט זיך, פּאַניעטשקע? זיין פרוי, וואָס איז געווען גאָר ענלעך אויף באַבראַוום אַ שוועסטער און דווקא געהאַט אַ סלאַווישן אָנבליק, האָט זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן, וואָס האָט עס געדאַרפט באַשטעטיקן.

— ניין — ניט דאָס מיין איך — מאַכט דער באַאַמטער — אָבער באַבראַוו?

— אז מען וויל, הייס איך פונדערהיים זעליקמאַן — האָט דער ארטיסט אביסל אין פאַרלעגנהייט זיך אָפּגערופן.

— אָ — מאַכט דער באַאַמטער — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש.

— זאַלבאַ וויפלט זענט איר?

— כ'מיין — האָט דער ארטיסט אַ הוסט געגעבן — מיר זענען זאַלבאַצווייט. אָבער דער בחור, וועלכער האָט געוווינט מיט אונדז אין רוסלאַנד, איז שוין כמעט משפחה — צווייג רופט מען אים. ער האָט זיך נעגטער אראָפּגעבויגן צום באַאַמטן.

— ביי מיר הייסט ער: דער שלימזל. וואָרים, וואָס וואָלט פון אים געוואָרן, ווען ניט איך. איך און מיין פּאַניטשקע...

דער באַמטער האָט גענומען אויספּילן אַ קוויטל, מיט דער באשטעטיקונג אויף אַ וווינונג.

— מיט וועלכער פּאַרטיי זענט איר אָנגעקומען? — האָט שוין דער באַמטער אַ זאָג געטאָן, אָן צערעמאָניעס. — יעדע פּאַרטיי האָט דאָ איר בלאָק מיט וווינונגען...

— מיין פּאַרטיי? און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער צוגע־געבן: מיין פּאַרטיי? כלל ישראל..

וואָרים באַבראָוון איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אַ מענטש דאַרף געהערן צו אַ פּאַרטיי.

און אַזוי, דרך אגב האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אין פּאַפּיר אַריין:

— טוט אַ פאַרשרייב: באַבראָוו. אַרטיסט באַבראָוו — ס'אַרט אייך דען?

2.

אין זוניקן פּרימאָרגן איז זיין גאַנג געווען אַ געלאַסענער, ווי איינער וואָס ווייס, אַז ער וועט גאָרניט פאַרשפּעטיקן, וואָרים קיין איין רעדל אין אָט דעם לאַנגער קען זיך ניט איבערדרייען, כל־זמן ער זאָגט ניט: יאָ. דערצו איז ער געווען אביסל שווער־לייביק, און דער שמאַלציקער קאַרק האָט זיך אָפּגעלייגט אין פאַלדן. דער קראַגן פון העמד האָט אביסל געפּרעסט דעם דאָפּלטן גוידער, און ער האָט אָפט אַריינגעשטעקט אַ פּאָר דיקע פינגער און זיך באַמיט דעם קראַגן לויזער צו מאַכן.

מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן, מחמת מ'איז שוין געווען אָפּגעוווינט פון זען זאַטע, אויסגעגעסענע יידן דורך די אַלע מלחמה־יאָרן. געווען אפילו פּליטים וואָס האָבן מורא געהאַט צו דערקענען אים, דעם פאַרוואַלטער פון „ספּעצטאָרג" — אַקסימאָוו, וואָס האָט דאָרטן, אין אופאַ, געלאָזט זיי פילן, אַז ער האָט ניט ליב קיין יידן. ספּעציעל יענע הונגעריקע יידן־פּליטים, וואָס האָבן נאָך אַלץ זייערע בורזשואַזע געוווינטשאַפטן פון פּוילן, פון די פאַרשאָלטענע פּאַנעס. אוודאי האָט שאַפּיראָ — דער אָנפירער פון נאַציאָנאַלן עולים־אַמט געקענט ביז גאָר זיין געראָטן אין גאַנג און אין אויסזען, צו יענעם אַקסימאָוו. דעריבער איז וואָס? מאַכט זיך, אַז איין מענטש כאַפּט

דעם אַנבליק פון עמעצן אַנדערש... און אויב אַפּילו יאָ? איז אוודאי גלייכער נישט צו דערקענען.

די מורא איז נאָך אַלץ געלעגן אין די ביינער — כאָטש פון אופא איז שוין געווען אַ היפּשער מהלך.

שאַפּיראָ איז פּאַוואָליע אַריינגעקומען אין קאַבינעט פון לאַגער־פירער. ער האָט זיך אָראָפּגעזעצט אין פאָטעל, און דערך־אגב ווי ער וואָלט שוין געפירט דעם שמועס אַ היפּשע ווײַלע — האָט ער אַ ווייז געטאָן אין פּאַפּירל אין וועלכן ער האָט שוין פריער פאַרצייכנט:

— עטלעכע פאַרשלאָגן צום קאָמיטעט — כ׳בין צופיל פאַר־נומען מיט וויכטיקע ענינים — די אומלעגאַלע עליה. ס׳הייסט — אויבנאויף האַרף דער לאַגער אויסזען נאָרמאַל. שאַפט אַ קולטור־אַמט. אַ טעאַטער. מ׳דאַרף נישט פאַרזען, ס׳זאָל זיין אויך אַ פּראָ־פּאַגאַנדע-אַמט. ס׳איז זייער וויכטיק.

און אײדער דער לאַגער-פירער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן, איז שוין שאַפּיראָ געשטאַנען ביי דער טיר. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, ווי פּונקט איצט איז אים איינגעפאַלן אַ ביז גאָר נוי־טיקע זאַך:

— יאָ, די פּאַקעטן פאַר די דורכפאָרער. זאָל מען דאָס באַזאָרגן צו מיר אין אַמט אַריין...

שאַפּיראָ איז געווען צופרידן מיט זיך, און מיט די ראַפּאָרטן, וועלכע ער שטעלט צו אין צענטראַל־קאָמיטעט. דאָרט האַלט מען פון אים אַ וועלט.

צו זיך אַליין האָט ער פון געוווינטשאַפט אַ זאָג געטאָן:

— אופאַלנאָמאַטשענער — אַ ביז גאָר פאַרטרוילעכער פּאָסטן. אין זינען האָט ער געהאַט צוצושרייבן אַ צענטליק פאַרשוינען, ווי ער טוט עס געוויינטלעך ביי געהיימע טראַנספּאָרטן — ווייל נאָכאַ־לעמען איז דאָך ער אויך אַ מענטש, און ווי באַוווסט—דאַרף אַ מענטש, בפרט נאָך אַ מענטש מיט אַ פאַמיליע, זיך אויך האָבן אין זינען...

עס האָט אים נאָר געאַרט, וואָס ער האָט נישט פאַר וועמען זיך צו רימען מיט זיין שכלדיקן קאָפּ.

— די אַלטע מאַרקן אויסגעטוישט אויף דאָלאַרן. אַניט — שוין וואָלט איך אויסגעזען... דאָס האָט ער געהאַלטן חשבון וועגן דעם אָפּגעשפּאָרטן דאָלער פון די שפּייז־פּאַקעטן, וועלכע געפינען שוין זייער וועג צום „שוואַרצן" מאַרק.

3.

ארום האלבע נאכט האבן פלוצלינג אויפגעלויכטן אויטא-פראַ־זשעקטאָרן ביים הינטערשטן לאַגער-טויער. דער בחור, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביים טויער, האָט לפּנים וועגן געטראָגן א פּאָליציי־איש היטל. אָבער קיין פּאָליציסט איז עס נישט געווען, און די פּאָליציי פון לאַגער האָט גאָרנישט געהאַט קיין צוטריט צו אָט דעם טויער. דער טונקל־גרינער אויטאָ האָט זיך צענויפגעגאָסן מיט די ביינאַכטיקע פעלדער און ס׳האָט אויסגעזען: דאָס ליכט קומט גלייך פון דער ערד ארויס. דער היטער האָט זיך נישט געאײַלט אויפצומאַכן דעם טויער, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען א שווערע קייט, און א שלאָס. הינטער אָט דעם טויער, ביי ביידע זייטן וועג האָבן זיך געפונען די הילצערנע באַראַקן, וווּ ס׳זענען אַצינד געשלאָפן די חברים פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע „בדרך", וואָס פירן די עולים אדורך די ביירישע אַלפּן, פאַרשטעלט פאַר א בייז אויג. די ענגלענדער נישטערן אומעטום. אפילו דאָ, אין דער אמעריקאַנער זאָנע, קאָנען זיי זיך אריינשלייערן און פאַרהאַלטן א טראַנספּאָרט. עמעצער איז ארויס פון אויטאָ, און מיט א מעטאַלענעם מכשיר געגעבן עטלעכע קלעפּ אין די שטאַכעטן פון טויער. ערשט דאַן האָט דער היטער באַוויליקט צוצוקומען.

— סיסמה?

— ראַפאל...

— בסדר...

דער טויער האָט זיך אויפגעמאַכט און די מאַשין האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום הויפּט־לאַגער. ביי איינעם פון די בלאָקן איז זי שטיין געבליבן. דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס ליכט — אויסגעלאָשן. פינצטער. דער ארום — שטיל און טונקל. פּאָרזיכטיק האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר פון אויטאָ, און א בחור איז ארויס־געשפּרונגען. נאָך אים א צווייטער. פאַר די הענט האָבן זיי ארויס־געצויגן פון אויטאָ א מענטשן, וואָס האָט געהאַט פאַרבונדענע אויגן.

זיי האָבן אים א שטופּ געטאָן:

— הולך...

פּאָרזיכטיק האָבן זיי זיך זאַלבאַדריט אַוועקגעלאָזן איבערן לאַבירינט פון טרעפּ און קעלערן. א דינער שטראַל פון אן עלעקטריש

לעמפּל האָט קוים באַלויכטן דעם וועג. דעם, מיט די פאַרבונדענע אויגן האָבן זיי געפירט אונטער די הענט.

אַלע דריי זענען געווען כמעט אין הויף. געטראָגן די זעלבע, גרינע כאַקי בגדים. נאָר דער מיטלסטער איז געווען קרעפּטיקער, אין די אַקסלען. קיינער האָט ניט גערעדט. דער, מיט די פאַרבונדענע אויגן האָט זיך ניט געפּרוווט אַנטקעגנשטעלן. ניט געפרעגט קיין קשיות, ער האָט געוווּסט — ס'איז אומזיסט. ער האָט געוווּסט: זיי וועלן פרעגן און ער דאַרף שווייגן. ער איז מיטגעגאַנגען. זיי האָבן אים אַמאָל דריי געפירט מיטן זעלבן וועג דורך אַנדערע קאָרידאָרן; אויפגעשלאָסן און צוגעשלאָסן טירן — דער געפירטער זאָל פאַרלירן אָריענטאַציע פון שטח און צייט. ער זאָל ניט וויסן ווו ער האַלט און ווי טיף אונטער דער ערד ער איז פאַרקראָכן. ענדלעך זענען זיי שטיין געבליבן ביי א טיר. דאָס טאַשן-לעמפּל האָט באַלויכטן א נומער אכט. דער, מיטן טאַשן-לעמפּל האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אין די לעכער פון נומער 8 — און א שיין האָט זיך באַוויזן דורך די לעכער.

— מי הו זה?

— צבי...

— בסדר.

די טיר האָט זיך גערוישלאָז אויפגעמאַכט און צוגעמאַכט. דער פאַרבלענדטער איז געשטאַנען אָפּגערוקט און במילא ניט געהערט. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין א שטול און אָפּגעבונדן די אויגן.

כאָטש דאָס עלעקטריש לעמפּל האָט קוים באַלויכטן דעם קעלער, האָט דער פרעמדער געזשמורעט די אויגן, פון ניט געוווינטשאַפט צום ליכט.

— מ'האָט פון זיי צרות. — האָט צבי א זאָג געטאָן צום מיידל, וואָס איז שוין פון פריער דאָ געווען. זיי נוצן אונדזער מאַרשרוט.

— מים — האָט דער פרעמדער א קרעכץ געטאָן.

דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט א טרונק.

צבי איז געווען אומגעדולדיק. ער האָט אַרויסגעצויגן א רעוואָלווער פון א באַהעלטעניש אין דער וואַנט.

— טו אוים ס'העמד — האָט ער באַפוילן.

דער פרעמדער האָט אַראָפּגעצויגן דאָס געלאַטעט העמד, און צבי האָט מיט געניטקייט גענומען אָפּטרענען די לאַטעס, און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— דערלאַנג אַ שיסל וואַסער —

דאָס מײדל האָט אונטערגעטראָגן אַ בלעכן שיסל מיט וואַסער. צבי האָט לאַנגזאַם אונטערגעטונקט יעדעס אָפּגעטרענט שטיקל לײוונט באַזונדער. ער איז געווען אַנטוישט. דאָס וואַסער האָט גאָר ניט געענדערט דעם אויסזען פון לײוונט. עס איז נאָר געוואָרן נאַס.

— ממזרים — האָט ער אַ ברום געטאָן צווישן די צײן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט. דאָס מײדל און זײן חבר האָבן זיך ניט אָנגערופן קײן וואָרט. בײ צבי'ן אין מוח האָט עס געיאָגט אײן געדאַנק איבערן צווײטן. די נאַכט איז קורץ. און אויב מען וועט ניט באַווײזן?

ער האָט מיט דער קאַלטער לופט אָנגערירט דעם נאַקעטן קערפּער פון פרעמדן.

— דבור...

דער פרעמדער האָט אַ ציטער געטאָן, און זיך באַהערשט.

— איך בין אַ חבר פון „ברזל" — האָט ער געענטפערט.

— דאָס ממזר ווײס איך. מ'קאָן שוין דײנע לײט. — האָט צבי אַ שיפּע געטאָן.

— וווּ איז דאָס געווער?

— כ'ווײס ניט...

— עסט שוין באַלד ווײסן — האָט ער נאָך פעסטער אַ דריק געטאָן דעם בחורס ריפּן.

דער בחור האָט געשוויגן.

צבי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זײגער. באַלד וועט עס טאָגן, און מ'וועט פון בחור ניט קאָנען פּטור ווערן. אפשר איז ער געווען מיט נאָך עמעצן בײ דער גרענעץ? ניט גענדאַרפט זיך צוואײלן און פאַרכאַפּטן אים.

דעם בחורס עקשנות האָט אים גערײצט.

— דעם זאַק און די שטריק. די שטײנער. — האָט צבי באַפוילן.

זײן חבר האָט געבראַכט אַ זאַק און אַ בינטל שטריק, און אויסגעלײגט בײם בחורס פיס. דאָס מײדל האָט פון ערגעץ גענומען אַרײנבערענגען ציגל.

צבי האָט זיך גענומען פאַרען בײם רעוואָלווער. ער האָט אויף דער לופט אַרויפגעצויגן אַ ברײט רעדל, און עס פאַרפעסטיקט.

דער פרעמדער האָט גענומען שוידערן. אַ שווײס האָט אים באַשלאָגן, און ער האָט דערפילט ווי ס'וואַסער רינט פון אים אָפּ, אָן זײן ווילן איבער די פיס, אין די שיך אַרײן. די קני האָבן גע-

נומען ציטערן, און די ציין זיך טרייסלען. ער האָט דערפילט, אַז באַלד וועט עס געשען. זיינע צוויי־און־צוואַנציק יאָר וועלן זיך באַלד אויסלעשן — ווי אַ חלבן ליכטל, ווען מען באַרירט דעם קנויט. אויך ער וואָלט אַזוי געטאָן, טוט ער אַ טראַכט — ווען אַ חבר פון „בדרך" פאַלט אַריין אין זיינע הענט, און וויל ניט געבן קיין לשון. עס איז מלחמה. מלחמה מיט די ענגלענדער און מלחמה מיט „בדרך".

אַ פּאַסקודנער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט אין קעלער, ווי קעץ וואָלטן דאָ אָפּגעטאָן זייערע קעציִשע ליבעס.

צבי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן.

— פאַשיסט — האָט ער אַ ברום געטאָן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, זיך צו פאַרזיכערן, אַז מער קיין צייט איז ניטאָ.

— רגע אחד — האָט זיך דאָס מיידל אָנגערופן צו צבי'ן. זי האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף די שטיקלעך לייוונט.

צבי האָט באַמערקט, ווי אויפן לייוונט זענען אַרויסגעקומען כעמישע צייכנס. רוימישע ציפערן און עפּעס אַ שריפט. די קליינע צייכענונג האָט אויסגעזען צו זיין אַ מאַפּע. אין איין אָרט איז געווען אַ צלם, ווי פליגלען פון אַ ווינטמיל, און דער בוכשטאַב: ב.

צבי האָט אַ שמייכל געטאָן. אַצינד איז פאַר אים אַלץ קלאָר.

ב — ברזל, דאָ איז עס. עס איז גוט געווען — וואָס ער דאַרף מער גאָרניט אָפּטאָן דעם בחור. ער וועט אפשר זיין אַ גוטער חיל, ווען ער וועט קומען אין לאַנד אַריין.

— ביזט אַ שליח — האָט ער געזאָגט צום פרעמדן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער פרעמדער ווייס פון גאָרניט. מ'האָט אים געגעבן ס'העמדל אָנצוטאָן, און גיין איבער דער גרענעץ.

— טו זיך אָן — האָט ער באַפוילן דעם פרעמדן.

— גיב אים אַ טרונק וואַסער און עפּעס צום עסן — דאָס מיידל האָט, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, אויסגעפאָלגט.

זיי האָבן אים ווידער פאַרבונדן די אויגן און אַריינגעזעצט אין אויטאָ. זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דער נאַכט אַריין.

— האָסט מזל — האָט צבי געזאָגט — אַראָפּנעמענדיק דאָס טיכל פון פרעמדנס אויגן. גיי מיטן וועג לינקס. אַז ס'וועט ליכטיק ווערן, וועסטו זיין ביי אַ לאַגער. וועסט זיין צווישן ייִדן. וועסט דאָרט טרעפן דיינע. און שקר. לא מדבר...

אַליין האָט ער אַ יאָג געטאָן דעם אויטאָ צווישן די בערג. צבי האָט געקאָנט די גרענעץ, ווי זיין אייגן פּנים אין שפּיגל. יעדעס

קניטשעלע. יעדער שטריך. דער ווינט־מיל — האָט ער א טראכט געטאָן. באַלד געדאַרפט פאַרשטיין, אז דאָרט קען מען באַהאַלטן עטלעכע קאַסטנס...

.4

באַבראַוו איז געווען אין זיין עלעמענט. דער קולטור־אַמט האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט אַריין דאָס טעאַטער. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט א היפּשער עולם, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַקטיאָרן — ווייל נאָך אַלעמען האָבן טעאַטער אַרטיסטן געקראָגן אַן עקסטרע שפּייז צוטיילונג פון „דזשאָינט", און דאָס האָט עפּעס געמיינט פאַר זיי.

מען האָט גענומען איינשטעלן א פאָרשטעלונג, און ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז דאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. באַבראַוו איז אַרומגעלאָפן איבער דער בינע. דערפילט: אַצינד לעבט ער. מ'טוט עפּעס אויף. דעריבער האָט ער געמונטערט די מיטשפּילער זיינע:

— לעבעדיקער, חברה. מ'פאַרלאַנגט רעזולטאַטן. אין אַנדערע לאַגערן גייט עס א גאַנג, און ביי אונדז שלאָפט מען...

אויף די צענויפגערוקטע בעטלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם אָנבליק פון א פאַמיליען־בעט, זענען געלעגן צווייג און פאַניעטשקע. כאָטש די טיר איז געווען צוגעשלאָסן, זענען זיי געלעגן זאַלבאַנאַנד, ווי א פאָרפאָלק, וואָס האָט שוין איינער ביים צווייטן אַלץ אַנטדעקט און איבעראַשונגען קען מען ניט דערוואַרטן. פאַניעטשקע האָט זיך געבלאָזן. געווען אַביסל ברוגזלעך.

— מילא, באַבראַוו ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און נעכט, איז ניט קיין אומגליק. די צוטיילונגען ברענגט ער אַהיים. דאָס איינציקע וואָס איז אים נאָך געבליבן — איז טעאַטער. דאָרט קען ער נאָך אַמאָל א שפּיל טאָן דעם אויפטוער. אָבער דו?

צווייג האָט געוואָרט, זי זאָל אָנהויבן פון מעשה בראשית. פון יענער נאַכט אין וואַגאָן פול מיט פּליטים, ווען זיי האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט. וועגן דעם אַז דער אַרטיסט באַבראַוו, וואָס האָט אים, אויף איר פאַרלאַנג, אַריינגענומען צו זיך, ווי אַן איינגענעם. פון יענע פריידיקע מינוטן וועלכע זי האָט בלויז אים געשענקט, כאָטש מענער זענען פאַר איר די כפרה געוואָרן, ווען זי האָט זיך נאָר באַ־וויזן אויף דער בינע, אין א קורץ קליידל מיט די נאַקעטע פיס אין

רויטע שטיוועלעך. דורכן ענגן בלוזקעלע האָט דאָס ווייבלעכקייט אָנגעהיצט דעם זאַל. אַפילו צווייג, פאַר וועמען זי איז שוין געווען ווירקלעכקייט — אַ ביז גאָר נאָנטע, צאַפּלדיקע און ליבלעכע ווירק-לעכקייט — וואָס וואָרעמט אַ סך מער ווי אויסגעטרוימטע צערט-לעכקייטן — אַפילו צווייג האָט זיך אָנגעשטעקט מיט אָט דער אָנ-געהיצטקייט פון זאַל און ס׳האָט גענומען נעכט און נעכט, ביז אָט דער פיבער האָט נאָכגעלאָזט.

ער האָט געוואָרט. נאָר פּאַניעטשקע האָט גאָרניט געזאָגט. דאָס האָט אים פאַרדראָסן. זי איז געווען אַ מבין אויף אים. געוואוסט זיין שוואַכקייט. און דאָס האָט אים אויפסניי פאַרדראָסן. באַבראַוו איז געווען אַרטיסט — דער קאָלעקטאָר פון אַפּלאָדיסמענטן און אָנער-קענונג. ווען אים האָבן מענטשן געזאָגט:

— אוודאי — עפּעס אַ קלייניקייט: באַבראַוו...

דעריבער האָט ער פּאַניעטשקען געזאָגט:

— מ׳באַט מיר אָן אַן אַמט אין פּראָפּאַגאַנדע דעפּאַרטמענט. אַ פאָלק דערוואַכט. די וועלט צאָלט אונדז צוריק אַ חוב. מיר האָבן אַן אייגענע מדינה — טאַ ווי קאָן איך שווייגן? איך — וואָס האָב תמיד געטרוימט וועגן אָט דעם גרויסן טאָג... די מענטשן אין לאַגער זענען צו פיל פאַרזאָגט. מ׳דאַרף אין זיי אויפוועקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין...

ער האָט געוואָלט זען, ווי זיינע רייד וועלן זיך אויסווירקן אויף פּאַניעטשקען. נאָר ווייל טעאַטער איז געווען אַ טייל פון איר לעבן, האָט זי דעריבער געשוויגן.

צווייג האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל.

— דאָס איז ניט עפּעס טעאַטער. פּורים-שפּיל. דאָס איז נאַ־ציאָנאַלע אחריות.

אַרום מיטאָג־צייט, ווען דער לאַגער-עולם האָט זיך געקליבן אין קיך אַריין אָפּנעמען ס׳מיטאָג, און דערווייל געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט — האָט זיך איבערן לאַגער דערהערט צווייגס מעטאַלענע שטים, דורכן ראַדיאָ-הילכער.

דער עולם איז געבליבן פאַרגאַפט. צווייג האָט גערעדט, און יעדעס וואָרט איז אַרויסגעקומען, ווי אויסגעהאַמערט. ער האָט גע־רעדט צו זייער געוויסן:

„מ׳יאָגט זיך שוין ווידער נאָך מאַטעריעלע ווערטן. מ׳וויל רייך ווערן אין לאַנד פון עמלק. אין אונדזער אויסגעטרוימט היימלאַנד גיסט זיך בלוט. געווג זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד. געבעטלט

ביי פרעמדע שוועלן. לאָמיר זיך אויפהויבן און אוועקגיין אַהין, ווו אונדזערע קינדער וועלן אויסוואַקסן ווי שטאָלצע מענטשן, ווו ס׳וועלן מער ניט זיין קיין קאַלך־אויוונס... פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די מאַמעס — וואָס האַלטן צוריק זייערע קינדער און זוכן אַ וועג קיין אַמעריקע אָדער קאַנאַדע..."

פּאַניעטשקע האָט זיך אָנגעלענט אויפן פענצטער־ברעטל פון דריטן שטאָק און זיך צוגעהערט. זי האָט צווייגן נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געהערט ריידן. זיין שטים האָט איר דורכגענומען און אַריינ־געדרונגען אין אַלע קעמערלעך פון איר קערפּער, אַזש טרערן פון גערירטקייט האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

שאַפּיראָ איז געשטאַנען אומבאַמערקט הינטער אַ מויער און זיך צוגעהערט. אים האָט ווי תמיד הנאה געטאָן פון זיין קלוגן איינפאַל, פון דעם וואָס ער האָט באַשטימט דעם פאַסיקן מענטש אויפן אַמט פון פּראָפּאַגאַנדע. אין אַ מינוט פון פאַרגעסנקייט האָט ער זיך אַפילו דערפילט געריררט פון צווייגס אמתדיקע רייד. דאָס אָבער האָט נאָר געדויערט אַ רגע. ער איז צו צו צווייגן, וואָס האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין און אים גוטברודעריש געקלאַפּט אין פּלייצע:

— מאָלאָדיעץ צווייג. ס׳איז אַ גוטער אויפטו — אַ ביז גאָר וויכטיקער אויפטו וואָס איך האָב אייך באַשטימט אויפן פּראָפּאַ-גאַנדע-אַמט.

צווייג איז געווען אָנגעטרונקען מיט דערפאָלג. ער האָט גע-רעדט צו אַכט טויזנט יידן. אַכט טויזנט... אַ שטאָט אַ גאַנצע. אַרויפצוגיין צו פּאַניעטשקען און איינזאַמלען די אָנערקענונג — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ניט נאָר ווי אַ מאַן, נאָר ווי אַ נאַציאָ-נאַלער העלד.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן לאַגער שפּאַצירן, כדי מענטשן זאָלן אים זען און דערקענען, און אפשר טאַקע באַוווּנדערן?

ערשט שפּעטער איז ער אַרויף אין צימער. פּאַניעטשקע איז צו אים צוגעפאַלן מיט הייסע, פולע ליפּן. זיך איינגעקלאַמערט אין אים און צוזאַמען אַ פאַל געטאָן אויף די צוויי צענויפגערוקטע בעט-לעך — וואָס כאַפּן דעם אָנבליק פון אַ פאַמיליע־בעט. אין איר האָבן זיך אויפגעוועקט דרימלענדיקע שטראָמען וואָס האָבן איבער אים אַ פלייץ געטאָן, עלעהיי זיי ווילן אים פאַרכאַפּן אין ווירוואַר... נאָר ווי אַ געניטער שווימער, וואָס דערפילנדיק דעם שטראָמיקן פאַרנעם, האָט ער זיך געלאָזט טראָגן פון זיי. ווערן מיטגעריסן. ער

איז אַרויסגעשווומען פון אויבן, זיך אונטערגעטוקט און ווידער אַרויסגעשווומען. דער געניטער שווימער האָט באַלד גענומען באַ־הערשן דעם שטראָם. ער איז אַריינגעדרונגען אין איר. דער שטראָם איז געוואָרן אונטערטעניק. אַצינד האָט זי זיך געטראָגן מיט זיין ריטם. צוויַיג האָט גענומען שווימען קעגן שטראָם און באַוואונדערט זיין כוח אין באַהערשן די שטראָמען. ער האָט ניט באַמערקט, ווי די נאָכגיביקע שטראָמען האָבן אים, אין זייער נאָכגיביקייט, אַריינ־געצויגן טיפער, טיפער... ער האָט געשפּירט ווי די באַרוישונג נעמט אויסרינען פון אים...

.5

סוף אָקטאָונפערציק, האָט שאַפּיראָ שוין געהאַט אַ שטאַב מיט מענטשן וועלכע אַרבעטן אין זיין אַמט. מיט שרייב־מאַשינען; מיט סעקרעטאַרינס; ס׳איז שוין געווען אַן אייגענע מדינה און מ׳האָט מער ניט געהאַפּט שמוגלען די מענטשן דורך די נעכט; אָפּציען די וואַכזאַמקייט פון די ענגלענדער, און אָפּגעהיט פאַרצייכענען נעמען פון אומלעגאַלע, אין געהיימע קאַרטאָטעקן, מיט מאָדנע צייכנס, וואָס נאָר ער אַליין האָט געוווּסט דעם באַדייט — און ערגעץ ווו — צווישן מינכען און מאַרסעל — האָט עמעצער געהאַט אַ בוך, לויט וועלכן מען וועט די נעמען פאַרנאַנדערשיפרירן, ווען די צייט וועט קומען. אַצינד האָט שאַפּיראָ אונטערגעשריבן פּאַפּירן מיט זיין אייגן נאָמען: שאַפּיראָ — אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל, עלעהיי אַ וויזע. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון אַנגעזעענע פאַרמלחמהדיקע טוער, וועלכן שאַפּיראָ האָט געלאָזט צענויפשטעלן, כדי מען זאָל זען אַז אַלע זענען פאַרטאָן אין דעם וויכטיקן אויפטו, וואָס מ׳רופט: עליה, האָט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו רימען אים פאַר דער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך, אין וועלכער ער איז פאַרטאָן מיט לייב און לעבן.

— וואָס עפּעס איך? — האָט ער זיך געוועריט. — מיר אַלע ליגן צו אַ האַנט. מיר אַלע העלפן דערפילן דעם טרוים פון צוויי טויזנט יאָר.

צופרידן מיט זיך — האָבן די טוער טאַקע מסכים געווען.

—אוודאי — מיר אויך. ווי זשע אַנדערש?

די חשבונות מיטן קאָמיטעט איבער שפּייז־פּאַקעטן; רייזע־הילף האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. געווים האָט מען מיט דער „אונרא“

פארהאנדלט וועגן שיפן, באן־רייזעס אויסצאלונגען אין צענטער. נאר ווי שווערלייביק ער איז ניט געווען, ווי פאוואליע ער האט זיך ניט באוועגט, אזוי פלינק האט שאפירא זיך געקאנט ארײנדרייען אין א סיטואציע פאר זיין טובה וועגן.

קיבוצים האבן שוין מער ניט געהאט וואס צו טאן אין די לאגערן. מען האט שוין מער ניט געדארפט דעם כוח, אויף וועלכן די לאגער־קאמיטעטן האבן זיך געהאלטן.

מיטן „מזרחי״־קיבוץ איז דער קליינער שלמהלע אוועק קיין ישראל. אין די פאר יאר, וואס ער האט געהאנדלט שותפות מיטן שווארצן אייזיק ביים לאגער־טויער מיט ציגארעטן און קאווע — איז אים געבליבן א פאר דאלער. דער שווארצער אייזיק האט געהאט א מומע אין אמעריקע, און זי האט איינגעלייגט וועלטן, ער זאל אהינקומען.

— איך וויל וויינען צווישן יידן — האט שלמהלע געטענהט — אין קיבוץ איז תמיד דא א מנין. אז איך האב סיי ווי אין ערגעץ קיינעם ניט...

נאר ביים געזעגענען האט ער אנגעזאגט דעם שותף צו האלטן אן אויג אויפן מיידל, וואס ער לאזט איבער.

— מיטן קיבוץ קען איך זי ניט מיטנעמען. א ווויל מיידל, אבער פארט א דייטשקע — נאכער וועט מען זען.

דער שווארצער אייזיק איז געווען אן ערלעכער בחור. ער וועט זיך ניט לאשטשען אויפן חברס א מיידל. און עמא האט טאקע ניט געזוכט קיין אנדערע. זי האט שלמהלען געטרויט.

אז אייזיק און עמא האבן פארגליכן בריוו — האט זיך ארויס־געוויזן ס'זעלבע: שלמהלע בענקט.

מ'שמועסט אז ליבע צעשמעלצט אייזן; צעלייגט מויערן. שלמהלע האט אין ישראל איינגעלייגט וועלטן ממש. א לאנד איז געשטאנען אין מיטן ווערן. גיוס און קליטה. מ'באזעצט געביטן. נייע ישובים וואקסן. עולים שטראמען אין פארט אריין. אין מיטן פון דעם אלעם, האט שלמהלע ארויסגעקראגן א התר פון ראבינאט. אצינד איז שוין קיין שטערונג ניט געווען, און דער שווארצער אייזיק האט אנגעוויזן עמאן דעם אמט, וואס וועט שוין די רייזע באזארגן.

שאפירא האט איר געלאזט לאנג ווארטן — מחמת פארנו־מענקייט.

נאכהער האָט ער געקנייטשט ס'פּאַפּירל געשריבן אין עברית, ווי אַ פּאָרזיכטיקער קאַסיר פון אַ באַנק, וועלכער פאַרדעכטיקט אַ פאַלשן באַנקנאָט, און צוליב דעם קען די באַנק האָבן אַ גרויסן פאַרלוסט — טאָמער לאָזט ער עס אַדורך. פון די בריוו, וואָס שלמהלע האָט געשריבן — און עמאַ האָט זיי דאָ אָ אויפן שרייב-טיש אויסגעלייגט — האָט זיך שאַפּיראָ אָנגעשטויסן, אַז דער ראַבינאַט האָט גאָרניט קעגן דעם, אַז עמאַ זאָל אַריינקומען אין גבול פון יידישקייט.

מיט דייטשישער רעספּעקט פאַר ביוראָקראַטן, איז עמאַ געזעסן אויפן ברעג פון שטול, און מיט הכנעהדיקע בליקן געקוקט צו דעם, וואָס באַדאַרף דעצידירן איר גורל.

דער שוואַרצער אייזיק האָט געוואַרט אין דרויסן, און בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין הלמאי די זאַך פאַרציט זיך אַזוי לאַנג.

— דאַכט זיך אַ קלאָרער טיש — האָט ער זיך אַליין געגעבן צו פאַרשטיין — דאָס לאַנד באַדאַרף מענטשן. שלמהלע איז דאָרטן. וועט ער האָבן אַ ווייב. אַז דער ראַבינאַט קען באַשטיין, קען שאַפּיראָ ניט? זי וועט ווערן אַ יידישקע... און מענטשן זוכט מען דאָך מיט ליכט...

אַז עמאַ האָט זיך ענדלעך באַוויזן — איז זי געווען ווייס ווי קאַלך. אירע ליפּן האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. זי האָט קוים געקענט שטעלן אַ טראַט. די פיס האָבן זיך געבויגן אונטער איר. אייזיק האָט זי אָנגענומען ביים האַנט, זי אונטערצוהאַלטן. די האַנט איז געווען אײַן שטיק אייז.

— דער שוויין... — האָט זי קוים באַוויזן אַרויסצוזאָגן.

אייזיק האָט איר דערלאַנגט אַ סיגאַרעט. זיי האָבן ביידע גע-רויכערט און געשוויגן. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרואיקט.

— די שפּייזן — אַזוי האָט ער געזאָגט — ווער וועט באַצאָלן פאַר די באַן-בילעטן? פאַר דער שיפס-קאַרטע?

— ווער? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען — אַט שרייבט דאָך שלמה: דער עמיגראַציאָנס-אַמט וועט שוין אַלעס באַזאָרגן. די הערן פון ראַבינאַט...

— וואָס האָט ער דערויף געזאָגט? — איז אייזיק טשעקאַווע צו וויסן.

— דער שוויין — האָט זיך עמאַ ניט געקאָנט צוריקהאַלטן — געווים קען איך באַצאָלן — האָט ער געענטפערט. דו וועסט מיט

מיר אָבער מוזן אַרויסגיין, ביזן אָפּפאָרן אין אַ האָטעל אַריין — מ׳מוז דאָס געלט פּאַרדינען...

— אַן איינפאַל אַביסל פון אַ חזיר — האָט אייזיק צו זיך אַ זאָג געטאָן — כאָטש אויף אים דאַרף מען זיך ניט וווּנדערן...

* * *

צבי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קורץ בריוול, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען. ער איז געווען פּאַרקלעמט. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ הילפלאָזער צער, און ס׳האָט זיך געדוכט — אַז אָט, אָט וועט ער זיך צעוויינען. די אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט פייכקייט, און צבי האָט זיך אַפילו ניט געפּרוּווט באַהערשן. דאָס בריוול האָט שוין אַלץ געהאַט געזאָגט — און מער קיין פּרטים האָט מען סיי ווי ניט געקאָנט דערגיין.

אַרום זענען געזעסן די חברים. די קעפּ נידעריק געבויגן. זייערע בליקן האָבן זיך אויסגעמיטן. יעדער פון זיי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט געדאַרפט זיין דאָרטן, צוזאַמען מיט מאָטלען. ווען זיי וואָלטן געווען מיט אים — צווישן זיי — וואָלט אַזאַ זאַך ניט גע־קאָנט פּאַסירן.

איבערן צימער איז געהאַנגען אַ געדיכטער, בלייענער וואָלקן פון שווייגן, וואָס האָט שווער געמאַכט דאָס געמיט.

אויפן זעלבן אָרט זענען זיי צוזאַמען געזעסן — ערשט מיט אַ וואָכן דריי צוריק. מען איז געווען פריילעך, געטרונקען לחיים און געזונגען קיבוצישע לידער... נו — מיט אַ וואָכן דריי איז עס געווען אַנדערש. זיי האָבן דאַך געזעגנט מאָטלען, וואָס איז מיט דער עליה אַוועק קיין ישראל. זיי זענען אַלע געווען איין חברה; דורכגעגאַנגען קאַלטס און וואַרעמס צוזאַמען. ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען — אַז מאָטל און צבי — זענען אַ צווילינג. ניט מער — צבי איז געווען דער קאָפּ, און מאָטל — די הענט און די פיס.

דער פּראָנט-זעלנער מאָטע־בער זאַטורענסקי האָט פון דער מלחמה אָפּגעשפּאָרט עטלעכע וווּנדן, אַן אַלטן, אָפּגעריבענעם שינעל און די דערפאַרונג פון פינף מלחמה־יאָרן, אין דער רוסישער אַרמיי.

מיט דעם באַגאַזש איז ער אָנגעקומען אין „בדרך" — צו העלפן דער אומלעגאַלער עליה.

א גרויסער שווייגער — מאַטע־בער. אפילו דאָס מיידל וואָס האָט אים ארומגענומען מיט מאמישער ווארעמקייט, אויף אָט דעם דורכגאַנגס־פּונקט, האָט קוים געקאָנט דערשפּירן אָט דעם ציטער, וועלכן ער פילט. געוווינט צו זיין שווייגן, האָבן זיי אפילו ניט גע־ווּסט, אַז אין אָט דעם לאַגער לעבט אַ היימישער, וואָס געדענקט נאָך מאַטע־בער פּיזונטשיקס מיט די פעטע, גלאַנציקע ליפּן — פון צו פיל הערינג עסן. און אַז ער פלעגט אַ מידער, פון נאַכטיקע מאַרשרוטן, פון פירן מענטשן דורך גרענעצן; דורך בייערישע אַלפּן — אַריינכאַפּן זיך צו די היימישע — איז אָנשטאָט רייד — אַ פאַל טאָן אין בעט און שלאָפן... שלאָפן...

מ׳האָט דעריבער ניט געוווּסט צו פיל פון אים...

צביען האָט עס געעקבערט: מאָטל איז געפאַלן אויפן פראָנט. אַזוי שרייבט מען אין קורצן בריוול: „אראָפּ פון שיף אין ח׳יפה, זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין אַ פאַרמאַציע און אַוועק אין דער באַ־פרייאונגס־מלחמה".

צבי האָט אַ וויש געטאָן די אויגן.

— ער איז געווען אונדזערער — האָט ער געזאָגט — און מירן אים תמיד טראָגן אין זיך — האָט ער אַ וויז געטאָן אויפן הארצן.

עס איז געווען דאָס יאָר נייַנצנהונדערט און אַכטאונפערציק.

6.

מ׳האָט שוין געזען באַשיינפערלעך, אַז די פּליטים־לאַגערן ווערן פּוסט. ניט נאָר פון טעאַטער־אַנסאַמבל איז געוואָרן די העלפט, ס׳איז שוין כמעט ניט געווען פאַר וועמען אויפצוטרעטן. און וועמען ליגט אין זינען טעאַטער — אַז אָט היינט, מאָרגן טוט מען אַ רוף צום קאָנסול, און ווער ווייסט מיט וואָס מען גייט אַרויס פון אים. אַנ־דערע האָבן איינגעקויפט ווירטשאַפט און זיך געלאָזט קיין ישראל.

באַבראַוו, וואָס האָט דורך די יאָרן איינגעשאַפט זיך אַ נאָמען, האָט געהאַט זיינע קאָנטשאַפּטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז פון באַבראַוו דער אַרטיסט געוואָרן צוריק זעליקמאַן — דער שניידער, און פאַר שניידערס האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר קיין קאַנאַדע.

דעמאָלט האָט פּאַניעטשקע אַ פרעג געטאָן די סאַמע נאַטיר־לעכסטע פראַגע:

— אויף וועמען וועלן מיר איבערלאָזן צווייגן?

— נאָך אַלעמען איז דאָך צוויג אַ מענטש מיט אידייען, מיט שטרעבונגען — באַבראָוו האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קען זיין אַן איבעררייד וועגן צוויגן.

— אָ, דו מיינסט די רעדעס זיינע דורכן ראַדיאָ? — האָט פאַניעטשקע זיך אָנגעשטויסן, וואָהין ער צילט. — ביי מיר איז רעכט, אַז ער וויל גאָר מיטפאָרן מיט אונדז... און נאָך איידער באַבראָוו האָט געקאָנט עפּעס זאָגן, האָבן שווערע טרערן גענומען רינען פון אירע אויגן:

— אַן צוויגן ריר איך זיך ניט פון אָרט...

נאָך פאַניעטשקעס אוועקפאָרן, האָט צוויג זיך באַזעצט אין מינכען, ווייל אַ מענטש וואָס וואַרט אויף קאַנאַדער פּאַפּירן מוז האָבן אַ סטאַבילן אַדרעס, און ניט אַרומוואַנדערן איבער לאַגערן.

אין מינכען האָט ער גענומען אַרומזוכן זיין אַלטן באַקאַנטן — שאַפּיראָ. אין צענטראַל-קאָמיטעט האָט קיינער ניט געוווסט וואָס ער טוט. נאָכן פאַרמאַכן דעם לאַגער האָט שאַפּיראָ אויסגערייניקט זיין אַמט, און די וויכטיקסטע פּאַפּירן איבערגעליפערט, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַפילו אַ באַשטעטיקונג באַקומען דערויף. אָבער ווו ער איז — דאָס ווייסן זיי ניט.

— ער איז אַוודאי עולה געווען — קען צוויג ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער הויפּט־עמיגראַציע-אַמט ווייס ניט דערפון. ער האָט גענומען אַ יאָר חפש — פּרובירט דער באַאַמטער אויפקלערן צוויגן, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט שאַפּיראָן.

דאָס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, כאָטש אינגאַנצן פאַרשטענדלעך איז עס ניט געווען.

צוויג איז געזעסן אין דער „אָקסימאָור־קאַפע״, אויף מאַקסעמיליאַן שטראַסע, וווּ מען זעט אָפט אַ יידיש פּנים — און געלייענט פאַניעטשקעס בריוו. צייטנווייז האָט ער צווישן די זייטלעך געפונען עטלעכע דאָלער. אין דער קאַפע טאָקע האָט ער זיי אויסגעטוישט, ביי די וואַליוטע-הענדלער פון דער מעל-שטראַסע. צוויג האָט באַוווּנדערט פאַניעטשקעס חכמה: ווייל בלויז מיט ליבע אַליין און מיט בענקשאַפט — קען אַ מענטש ניט לעבן.

באַבראָוו האָט אין נייעם לאַנד געהאַט גענוג אייגענע זאָרגן, ווי צו טראַכטן וועגן צוויגן. אַזוי שרייבט פאַניעטשקע. נאָר זי האָט שוין אירע וועגן אים צו דערמאָנען אין צוויגן און אין זיין צוזאָג.

באַבראָוו האָט געטראַכט זיינע אייגענע געדאַנקען:

— עפּעס איז דאָ אין דעם, וואָס זי ציט צו אים... זיין לעבנס-דערפאַרונג האָט אים אונטערגעזאָגט :

— שוין בעסער דער שלימזל — איידער אַ ווילד פּרעמדער...

צווייג איז שוין געווען גרייט אָפּצופאָרן. ער האָט געוואָלט עפּעס מיטברענגען פאַר פּאַניעטשקען, און גערעכנט אָפּטוישן אַ פּאָר דאָלער אין דער קאַפּע.

די „אַקסימאָור־קאַפּע" איז געווען פאַרמאַכט, כאָטש די טיר איז געשטאַנען אָפן. אַרבעטער, מיט שווערע ברעך־אייזנס, אויף לייטערס האָבן געהאַקט ווענט. אַן עלעקטראָ־מאָנטער האָט אריינ-געשטעלט רערן אין אויסגעבויערטע לעכער, וואָס וועלן פירן עלעק־טרישע דראָטן אונטערן טינק.

צווייג האָט אָפּגעשטעלט דעם עלעקטראָטעכניקער, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ פאַרשטענדלעכער בחור, און אַ פרעג געטאָן :

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט אין מיטן דרינען ?

— מענטש — האָט דער עלעקטראָטעכניקער צווייִדייטיק אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג — ס'וועט שוין אַצינד הייסן: „אַקסימאָוו קאַבאַרעט". דער הער שאַפּיראָ — אַן אויסגעקאָכטער קאָופסמאַן, פאַרשטייט וואָס קונדן ווילן. ער האָט שוין באַשטעלט פיינע מייד־לעך, ביז גאָר היפּשע מיידלעך...

ער האָט איבערגעלאָזן צווייגן שטיין אַ פאַרחידושטן אין מיטן שטויביקן צימער, פול מיט ציגל־ברוך און אַליין שטאַרק פאַרהאָ-רעוועט, גענומען דורכשטופּן אַ שטאָלענע שנור דורך אַן איינגע-מויערטער רער, כדי נאָכער דורכציען עלעקטרישע דראָטן.

אין צווייגס מוח האָט עס אויפגעלויכטן, ווי אַלע קאַבאַרעט-ליכטער וואָלטן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן: אַקסימאָוו און שאַפּיראָ: ס'איז דאָ אַ שייכות צווישן זיי — הייסט עס: די יידן אין לאַגער האָבן ניט געערדט פון ווענג? ער בענקט נאָכן אַלטן נאָמען... איז עפּעס טאַקע דאָרטן פאָרגעקומען אין אופאַ ?

נאָר וועמען איבערצופרעגן איז ניט געווען...

שוועסטער

צום דריטן מאָל האָט שוין מאיר ליפּמאַן געקלונגען. אַרום האָבן געקלאַפּט די וועב־שטולן. די לעדערנע רימענס זענען אייליק געלאָפן איבער די טראַנסמיסיעס. אויף די לאַנגע שפּינעריי-מאַשינען האָבן זיך צעלאָזט די שפּינדלעך מיט אַ רעש, ווי עראָפּלאַן־פּראָפּע-לערס. מאיר ליפּמאַן האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען צו דערהערן אין טרייבל די דינע, אַביסל ציטערדיקע פרויען-שטים, וואָס האָט אים געענטפערט. דאָס גאַנצע קלינגען איז פאַר אים געווען אַן אָפּ־קומעניש. ס׳איז אים געווען ניט אָנגענעם פאַרן פאַרוואַלטער צו אָפּשטעלן עטלעכע מאָל די מאַשין, און קלינגען.

— אָבער בעסער צו פאַרלירן אַ פּאָר מינוט, איידער אַ האַלבן טאָג אַרבעט.

דער געדאַנק האָט גובר געווען, אַז מאיר ליפּמאַן, דער פּינקט-לעכער און פלייסיקער אַרבעטער פון דער פירמע „טעקסטיל מיללס״, זאָל פאַרהאַלטן די מאַשין און אָנרופן.

צום דריטן מאָל האָט אים אַ פעסטע, זיכערע מענער-שטים געענטפערט:

— היינט אין אָוונט!

— אַרום ניין.

— דאַק נר 7.

—אַראַנק!

דאָס טעלעפאָן־קעסטל האָט אַרויסגעלאָזט אַ לייכטן קלונג, ווי אַ ווידער־קול פון ברום, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון ליפּמאַנס ליפּן, און וואָס נאָר ער אַליין האָט פאַרשטאַנען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט יאָרן צוריק, אַז מאיר ליפּמאַן איז אַראָפּגעקומען פון אייראָפּע צו זיין פרוים משפּחה, האָט ער באַוויזן אָפּצועסן דעם שבתדיקן טשאָלנט, אויסגעהערט אַלע מינים עצות און איז זונטיק אינדערפרי אַוועק זוכן אַ וווינונג...

פון זיינע עמיגראנטן־יאָרן האָט זיך אין מאיר ליפּמאַנס געדאַנק אויסגעפּאַרעמט איין בילד:

א הייסער זומער־טאָג. מיט א פּאַפּירל אין האַנט, אויף וועלכן עס איז אויפגעשריבן דער אַדרעס פון עפּעס א פאַבריק, וואָס קיינער ווייסט ניט ווו זי געפינט זיך — שפּאַנט ער איבער א גרויסער, פרעמדער שטאָט, אָן א פּענע אין טאַש צו קענען זיך קויפן א טרונק וואַסער, און אָן א האָפענונג צו קענען געפינען דעם דאָזיקן פּלאַץ ווו ער דאַרף קריגן אַרבעט... א מענטש רעדט אָפּ פערציק יאָר, און מיט איין מאָל אויס, שטום... אין קאָפּ באַמבלען זיך אים די עצות וואָס זיין ווייבס משפּחה האָט א גאַנצן זונטיקדיקן טאָג אין אים פּאַוואָליע, איינער נאָכן אַנדערן אַריינגעגעבן ווי מעדיצין... דער שוויים רינט אים אונטערן קאַלנער. דאָס העמד קלעפּט זיך פאַר־עקשנט צום לייב... דער שוויים רינט פון שטערן איבער די פאַר־טריקנטע ליפּן... ער איז געזאַלצן...

און תמיד, ווי נאָר מאיר ליפּמאַן דערמאָנט זיך זיינע עמי־גראַנטן־יאָרן, דערשפּירט ער אויפן גומען יענעם איבלדיקן, גע־זאַלצענעם טעם...

מיט דער עקשנות פון א פּיאָנער, וואָס רייסט אַרויס פון דער ווילדער נאַטור איין שטיק ערד נאָכן צווייטן, אומבּרחמנותדיק, כדי זיך אין איר צו פאַראַנקערן און וואָרצלען — האָט מאיר ליפּ־מאַן אויפגעריסן דעם האַרטן אויסטראַלישן באָדן. הגם ער האָט זיך געפונען אין א ציוויליזירטער שטאָט, האָט ער געהאַט דעם געפיל, אַז ער לעבט אין בוש,*) און מוז שווער אויסהאָרעווען יעדן טראָט, יעדעס ענגליש וואָרט... דורך די אַלע יאָרן האָט זיך אין אים אָפּ־געזעצט, ווי זאַלץ אויף די ברעגן פון אַזערע — א ביטערער פּאַרדרוס־געפיל אויף זיין ווייבס משפּחה; א געפיל וואָס האָט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער געדריקט אויף זיין נשמה. ער האָט געוואָלט עס פאַרגעסן, אויסמעקן, אָדער ווי אַן אויסגעלייענטע צייטונג — אוועקוואַרפן, נאָר עפּעס איז דאָס אים ניט געלונגען.

זיין פרוי זעלדע, האָט א שוועסטער וואָס לעבט מיט איר פאַ־מיליע, ערגעץ־ווו אין א לאַגער אין דייטשלאַנד — און דאָס פּילט ער — ווערט פאַלן אויף אים, דווקא ווייל ער האָט א ווידערווילן צו דער גאַנצער משפּחה.

---

*) ווילדער וואַלד, דזשונגל.

— מ'נאַ, כ'ווייס ניט, וואָס עפּעס איך — מאַכט ער צו זעלדען, אַריינלייענדיק די ברילן אין שיידל — ס'איז דאָך איר משפּחה פּונקט ווי דיינע. זיי זענען אין לאַנד אַ יאָר צוואַנציק לענגער ווי איך. זאָלן זיי מאַכן דעם „פּערמיט". פאַרשטייסט, מ'מוז אַ טאָג באַלעמוטשען, לויפן אַהין, לויפן אַהער. נו, און אַ וווינונג דאַרף מען אויך האָבן. קענסט זיי אַ וווינונג שאַפן?

אויף דעם האָט זעלדע גאָרניט צו ענטפערן. גערעכט איז מאיר, אָבער ס'איז דאָך פּאַרט די איינציקע לעבנגעבליבענע שוועסטער פון דער גאַנצער פאַמיליע. קלעמען די טרערן איר אין האַלדז.

נאָר ער, מאיר ליפּמאַן קען עס ניט פאַרשטיין...

סוף כל סוף האָט זעלדע איינגעביסן דעם מאַן. ניט גרינג איז עס איר אָנגעקומען. זי האָט צו דעם אָנגעווענדט אַלע אירע פרוי-אישע טאַלאַנטן, פון וועלכע זי פאַרמאָגט אַ גוטן זייער וויניק (אַזוי האַלט מאיר ליפּמאַן), כאָטש אים לאָזט זי ביי יעדער געלעגנהייט וויסן:

— אין די יונגע יאָרן זענען מיר בחורים נאָכגעלאָפן, ממש אָפּגעשלאָגן די שוועלן!

מאיר ליפּמאַן איז אַפילו אין דעם פאַל געווען אַ סקעפּטיקער...

— איינס — האָט מאיר פאַרלאַנגט פון זיין ווייבס שוועסטער — אַ דירה קען זי ביי אים האָבן נאָר אויף אַ פּאָר וואָכן, און ניט מער.

מאיר ליפּמאַן וואָלט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז ערגעץ־ווו אין אַ דייטשישן לאַגער וואַרט זיין שוואָגער ברוך־נאָטע מיט ווייב און קינדער אויף אַ וויזע, צו קומען צו אים, קיין אויסטראַליע. תמיד אָבער האָט אים זיין פרוי דערמאָנט, אונטערטראָגנדיק אַ בריוול, נאָר שוין אָן דעם זיפץ, „וועגן דער איינציקער, לעבנגעבליבענער שוועסטער, נעבעך"...

די ערשטע צייט זענען אים באַפאַלן ספקות. וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן ביי אים וווינען אַ גאַנץ יאָר, ווי ער האָט זיך פאַר־פליכטעט און אונטערגעשריבן... מיט זיין אייגענער האַנט אונטער־געשריבן. פון אָנהויב לאַנגזאַם, אומזיכער געפירט די פעדער, ווי אַ קינד וואָס שטעלט די ערשטע טריט, און פאַרענדיקט מיט אַ פאַר־צוקט דריידל, ווי אויף אַ ידידי־בריוועלע: מאיר ליפּמאַן.

אין אַזעלכע מאָמענטן פון חשבון־הנפש און ספקות, פלעגט ער זיך צעשאָקלען ווי אין די בחורישע צייטן אין גערער שטיבל, מיט אַ ניגון:

— איז וואָס אַ שטייגער וועל איך טאָן, אַז זיי וועלן זיך צע־לייגן אין מיינע שטובן און ניט וועלן אַרויסגיין? איז זאָל איך ניט גיין צו דער שיף זיי אָפּוואַרטן, וועט מען זיי אַריינשיקן מיט אַ טאַקסי ביז אין שטוב אַריין און נאָך הייסן באַצאָלן, כ'וויים וויפל?

— איז צו וואָס מאירל, האָט זיך דיר געלוינט ס'גאַנצע גע־שעפט, הא?!

נאָר מיטאַמאָל האָט ער אַוועקגעמאַכט מיטן האַנט, מיט אַ כ'מאַ, וואָס האָט געדאַרפט באַדייטן: אַי, מען וועט זען, איז צו וואָס זיך גריבלען בטלניש... ער האָט מורא געהאַט צו לערנען דעם פשט — צו האָט אים געלוינט ס'גאַנצע געשעפט. ער וואָלט גע־דאַרפט אָנהויבן פון יענעם אוקראַינישן שטעטל, ווו ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער איבערגעוואַקסענער זעלדע, וואָס האָט שוין לאַנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן, און אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן, אַז מאיר ליפּמאַן איז ביי זיך נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען ווו ער האַלט אין דער וועלט, אין דער צעשרויפטער, מלחמה־פיבערנ־דיקער וועלט — זענען זיי שוין געווען מאַן און ווייב, אַ צושטאַנד איבער וועלכן מען קען ניט פילאָזאָפירן...

די צייט האָט איבער מאיר ליפּמאַנס ספקות געלאָזן פאַלן שטויב און ער איז כמעט היימיש געוואָרן מיטן געדאַנק:

— ס'מייניקע האָב איך געטאָן — און אפשר וועלן זיי גאָר־ניט קומען?!

* * *

אַז מאיר ליפּמאַן האָט אַוועקגעלייגט ס'טעלעפאָן־טרייבל און זיך געלאָזט גיין צו זיין מאַשין, איז אים אויפן וועג קלאָר געוואָרן:

— זיי קומען טאַקע — און ער, מאיר — וואָס קערט זיך מיט זיי כמעט ווי גאָרניט אָן, וועט איצט אַהינפאָרן צום האַפן, דינגען אַ טאַקסי און אַראָפּברענגען זיסלען מיט ברוך־נאָטען און די קינ־דער — זיי זאָלן זיך צעלייגן איבער זיינע שטובן...

זעלדע האָט געשיינט פאַר נחת. אירע האָר פריש אויפגעקעמט, איר פנים איז נאָך רויט — צעפּאַרעט פון דער הייסער באָד. דאָס שניי־ווייס געפּרעסטע בלוזקעלע האָט געשימערט מיט די פּערל־מוטענע קנעפּ.

אויף דער קיך האָבן גערעדט צווישן זיך די טעפּ, מיט אַ צישען, ווי אויך זיי וואָלטן זיך דערציילט אַז היינט ביינאַכט וועט

פון שיף אהערקומען זעלדעס איינציקע לעבנגעבליבענע שוועסטער, זיסל, מיט איר מאַן ברוך־נאָטע.

פרויען דאַרפֿן ניט אָנגרייטן טרערן פֿאַר אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, ווי מען גרייט צו בלומען אָדער ווײַן. זיי האָבן עס שטענדיק גרייט, צו באַצירן אַ פֿייערלעכן מאָמענט. זעלדע איז געפֿאַלן זיסלען אין די אָרעמס. טרערן זענען געפֿלאָסן אין דינע, קוים באַמערקבאַרע ריטשקעלעך, אין די טיכלעך אַריין...

צווישן איין געריכט און צווייטן, האָט מאיר ליפּמאַן דערציילט זייערע ערשטע טעג אין מעלבורן:

— האָבן מיר געדונגען אַ בוידעם-שטיבל, וווּ קוים צוויי האָבן זיך געקענט דורכשטופּן.

הכלל ס׳איז געווען זייער שווער. היינט אַ באַלעבאָסטע האָבן מיר געהאַט — איז דאָ שטעל זיך ניט, דאָ גיי ניט, גאַז ברען ניט, וואַרים גאַז קאָסט געלט...

זעלדע איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד אַריין:

— די אַלטע קוואָקע האָט געשריגן: מיר גייען צו הויך אויף די טרעפּ. נאָר דירה-געלט צאָלט איר, וויפֿל זי אַליין וויל!

ברוך־נאָטע האָט אויף דעם אַלעם געשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעסן דאָס הייסע געקעכץ און געפֿינטלט מיט אַן אויג צום געלעגער.

זעלדע האָט צעלייגט די משפּחה שלאָפֿן באַזונדער: זיסלען מיט דער טאָכטער אויף דער קאַנאַפּע אין אויפֿנאַם-צימער, און ברוך-נאָטען מיטן יינגל אין זומערדיקן „סליפּ־אוט" — אַביידל וואָס איז געשטאַנען אויפֿן הויף.

צומאָרגנס האָט זעלדע גענומען לערנען איר שוועסטער:

— גאַז דאַרף מען ברענען, ניט ווי אין לאַגער — נאָר מיט אַ חשבון. דאָס ליכט אין קלאָזעט דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן אויסצולעשן. עס גייט ניט אין די פּאָר שילינג, נאָר מען דאַרף זיך פֿירן באַלעבאַטיש. אין „פֿרידזש" דאַרף מען ניט אַרײַנשטעלן קיין נאַסע פֿלעשער, און מען דאַרף ניט קלאַפּן מיט דער טיר. אויפֿעפֿענען זאָלסטו אים פּאַוואָליע, די פּאַרב זאָל זיך ניט אָפּשלאָגן. אַזאַ „פֿרידזש" קאָסט אַ פֿאַרמעגן. ס׳איז דאָך אַ צירונג אין אַ שטוב.

* * *

דעם ערשטן שבת איז מאיר ליפּמאַן מיט די אימיגראַנטן געגאַנגען אָנקוקן וווינונגען. עפּעס זענען זיי ברוך־נאָטען ניט געפֿעלן גע־

וואָרן. איינע — צו ענג; די אַנדערע — צו טייער. ניט געאיילט זיך, נישקאָשע:

— מ׳זיצט דאָך ניט אין דרויסן...

אַהיימגייענדיק האָט מאיר ליפּמאַן דרך־אגב באַמערקט:

— ביי מיר קענסטו וווינען ווי לאַנג דו ווילסט. נאָר אַז מ׳ר זענען געקומען, האָבן מיר געוווינט אין אַ בוידעם-שטיבל, אַבי ניט ליגן ביי משפחה...

ברוך־נאָטע האָט אַהיימגעבראַכט ס׳ערשטע פּאַרדינסט, נאָר קיין וווינונג איז נאָך אַלץ ניט געווען. איז ער געזעסן אין קיך, פּאַוואָליע אויסגעטאָן די שיך, פאַרשאַרצט די הויזן ביז די קני, איבער זיי די ווייסע גאַטקעס און זיך גענומען וואַשן די פיס אין אַ שיסל וואַסער, ווי קיינמאָל גאָרניט.

אינדערשטיל האָט ער אויסגעזוכט די קרובים — מאיר ליפּ־מאַנס שונאים, און זיך גענומען אַרומקוקן, ווו מען האַלט אין נייעם לאַנד.

אַז מאיר איז עס געוויר געוואָרן, האָט זיך זיין פּנים צוערשט רויט אָנגעצונדן און דאַן בלאַס געוואָרן, ווי יעדעס טראָפּן בלוט וואָלט פון אים פאַרשוווּנדן, און אַ צעקרומטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן:

— ס׳גייט מיר שוין אין קיין זאַך ניט — האָט ער אויסגע־רעדט ס׳האַרץ פאַרן שוואַרצן אייזיק, ווען זיי זענען מיטאָג-צייט געזעסן ביים טיי — ס׳גייט מיר שוין ניט וואָס מען טרעט מיר אָפּ די קאַרפּעטס, אָבער מענטשלעכקייט ווו איז?!

* * *

פרייטיק איז ברוך־נאָטע אַהיימגעקומען שפּעט נאָך ליכט־בענטשן, און זיך גלייך גענומען אייַנטענהן מ ט דער שוועגערין:

— פאַרשטייסט זעלדע: דער קוזין באָרגט מיר הונדערט פונט, דער לאַנדסמאַן בערל קרויקע הונדערט, האָבן מיר צוויי הונדערט. דאָס גליד־שעסטערקינד הונדערט — האָסטו שוין דרייהונדערט. די גמילת-חסד-קאַסע הונדערט — האָסטו שוין פירהונדערט — איז געבליבן דו זאָלסט באָרגן אַ הונדערטער, וועלן מיר האָבן פינפהונ־דערט, און כ׳וועל קענען געבן דעם דעפּאָזיט אויפן הויז.

— איך? — האָט זיך זעלדע אין דער ערשטער מינוט פאַר־לאָרן, נאָר באַלד איז זי אַרויס פון פאַרלעגנהייט — מיר האַלטן אַליין ביים קויפן און קענען קיין גראָשן נישט אָוועקגעבן.

— אויב דו האָסט מורא — מאַכט זיסל — קען מען דיר געבן אַ משכּון.

— איך האָב מורא? — ווייזט זעלדע אָן אויף זיך מיט אַ פראַגע — ס'איז דאָך ניט מיין געלט אַליין, מאיר האָט דאָך אויך עפּעס צו זאָגן...

די פלעמלעך אין די לייכטער האָבן אויסגעהויכט די נשמות אין זייער לעצטן פלאַטער און אַ בלויער רויך האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, צוזאַמען מיט אַ ריח פון צעשמאָלצענעם חלב. די שוואַרצע קנייטלעך זענען אומגעפאַלן אין די שיסעלעך, זיך צענויפ־געטראָפן מיטן וואַסער, אַ שטיקן צישש געגעבן און געבליבן ליגן.

די משפּחה איז נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש און זיך פאַרהערט.

— אַ ווילד־פרעמדער שוועסטערקינד וויל אונדז אַרויסהעלפן, נאָר אַן אייגענע שוועסטער ניט, טאָ ווו איז עס געהערט געוואָרן.

— זי, דאָס שוועסטערקינד? — האָט זיך זעלדע אָנגעצונדן — צען פונט האָט זי ניט געוואָלט מיר באָרגן. זיי ווילן אייך קיינער קיין פּענע ניט לייען, נאָר פון מיר ווילט איר אַרויסרייסן שווער פאַרפּראַצעוועטע הונדערט פונט. ניין, כ'וועל ניט לייען, און איר קענט גיין צו יענע, צו מיינע שונאים!

צומאָרגנס איז מאיר ליפּמאַן געקומען פון גאַס אָן אויפ־געקאָכטער:

— פאַרשטייסט — מאַכט ער — זיי האָבן שוין נעכטן איינ־דערהפרי געקויפט ס'הויז, נאָר פון מיר האָבן זיי געוואָלט אַרויסרייסן אַ הונדערטער. דיין משפּחה, האַ?

אויפדערנאַכט האָט רחל־לאה אַריינגעשטעלט אין „סליפּ־אוט" דער שוועסטערס פעקלעך, די פּאָר טעפּ און דעם ניט דערקאָכטן מיטאָג צוזאַמען מיט אַ פּאָר קללות. נאָר אַז זיסל האָט עס פאַרשוויגן, ווי ניט איר מיינט מען, האָט זי זיך מיט איר געריצט:

— אַ פייג האָסטו געקראָגן ביי מיר, ניט קיין געלט, האַ? — און אונטערגעטראָגן איר אַ פייג, אויסגעפלאָכטן פון אירע קלעצל־דיקע פינגער.

פאַר אַ פּאָר טעג איז דער כעס אויסברוך געוועזן געענוג צו אַנטשפּאַנען זעלדעס נערוון, וועלכע האָבן נאָך אַלץ וויברירט, ווי אָנגעצויגענע סטרונעס. ביסלעכוויים איז דער כעס אַריבער און

אויף זיין אָרט איז געקומען א פוסטקייט, אין וועלכער ס'האָט גע־טאָפּשעט א ווערעמל פּאַרדרוס.

— מ'וועט זיי ניט שווייגן, מ'וועט זיי ווייזן, ערשט געקומען און מען קויפט זיך שוין הייזער;

דער פּאַרדרוס איר איר האָט געווירן, ווי א ראַשטשינע וואָס שפּאַרט אָן אין די ווענט פון דער באַק־דייזשע און וויל זי קען זיי ניט צעשפּאַרן, הויבט זיך עס אויף, ביז עס גיסט זיך אריבער. אין זעלדען האָט עס געשפּאַרט, געדריקט, נאָר זי האָט געמוזט שווייגן. ס'איז דאָך איר משפחה...

טיילמאָל, אז שווייגן איז שוין געווען אוממעגלעך, האָט זי ווי צופעליק געוואָרפן מיט ווערטער אין מאירס זייט. זיי זענען געפאַלן אויף זיין מוח ווי טראָפּנס הייסע פעך און געבריט. יעדעס וואָרט אירס האָט אים ווי געטאָן, ווי מען וואָלט אויפגעריסן א פרישע ווונד... ער האָט אין זיין הילפלאָזער אובאַהאָלפנקייט געביסן די ליפּן. ער האָט דאָך אונטערגעשריבן די פּאַפּירן — מיט זיין אייגענער האַנט אונטערגעשריבן...

אין דרויסן איז געשטאַנען א קאַלטע אפּריל־נאַכט. זעלדע האָט ניט געפילט די קעלט אין דעם ניט געהייצטן צימער.

— זי וועט זיי ווייזן, די שלעפּערס!

האַסטיק איז זי אראָפּ פון געלעגער, נאָך האַסטיקער אריינגע־לאָפן אין דעם הילצערנעם ביידל. אויף א בעט, אויף פעקלעך קליי־דער, זענען געשלאָפן די שוועסטער מיטן מאַן און קינדער. א ווײַלע האָט זי זיך ארומגעקוקט, ווי וועלנדיק זיך אָריענטירן אין דער פינצטער. זי האָט עפּעס געזוכט.

פלוצלינג האָט זי מיט כעס אראָפּגעריסן די פערענע פון די שלאָפנדיקע, און איז ארויסגעלאָפן.

— א מכה וועט איר שלאָפן אונטער מיין פערענע, זאָל זי בע־סער פארפוילט ווערן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א בלאַסע לבנה איז אויפגעגאַנגען אויפן פּראָסטיק־אויסגע־שטערנטן הימל. ביי א שכן האָט אן איבערגעוועקטער הונט זיך צעבילט: האַוו... האַווו...

א שטילער, איינגעהאַלטענער געוויין האָט זיך געטראָגן פון ביידל אין דער נאַכט אריין...

ניט פֿאַרשעמט דעם טאַטן...

אין סאַמע מיטן ברעג פֿון בירגער-קריג, איז אַרטשע אַרײַנגעשפּרונגען אין דער וועלט מיט אַזוינע קולות — אַז מ'האָט געקענט מיינען, אַז דאָס גוואַלדעוועט ער אַזוי צוליב אַ וועלט וואָס ווערט חרוב אָדער ווערט געבוירן...

זײַן טאַטע — עליע „צאַרסקאָיע סיעלאָ" — מען האָט אים גערופֿן אַזוי צווישן דער בריטער גאַס און די „גליניִשטשעס" — און ווו ניט?

ווײַל עליע האָט יעדן איינעם פֿאַרזיכערט: ניט הײַנט איז מאָרגן, וועט אַ נאַש בראַט זיצן אין „צאַרסקאָיע סיעלאָ".

אָבער ביז וואָס־ווען — איז עליע געוואָרן אַ קאַטאָרזשניק ערגעץ ווו אין סיביר.

— ניין, וואָזשע — האָבן ייִדן געטענהט — אַז אַ מענטש נעמט זיך אַרײַן אין קאָפּ עפּעס אַזוינס — וועט מען אים שאַנעווען?

אַהיים איז עליע געקומען שוין העט, העט נאָך אַלעמען. דאָס צאַרסקאָיע סיעלאָ אַפֿילו ניט אָנגעזען. זיך אַרומגעהאַקט מיט ווייס־גוואַרדייער, מיט אינטערווענטן און מיט וועמען ניט? אַפֿילו מיט אַ „בראַניעפּאָיעזד" געפֿאָרן. געגנעכטיקט אין שטאַלן, אין „טיעפּלושקעס" — און ווען ניט אַרטשע — אָט דער ממזרישער יונג וואָס האָט זיך געאײַגט אין דער וועלט אַרײַן: קיין צײַט ניט געהאַט, געמיינט ערט עפּעס פֿאַרשפּעטיקן — וואָלט ער געוויס אָנגעקומען אין צאַרסקאָיע סיעלאָ, ווו עס איז געזעסן אַ נאַש בראַט...

אַזוי פֿיל ווייס מען פֿון אַרטשעס אָפּשטאַם.

★ ★ ★

סוזי איז געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ שטיק וואַנט. דער שפּיגל האָט אויסגעטיילט פֿון זיך אַ ליכטיקייט פֿון די באַהאַלטענע לאָמפּן, קונציק פֿאַרבויטע אין די ווענט, אין סופֿיט.

זי האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם באָד-האַנטוך, זיך אָנגעשפּיגלט אין פּראָפיל, פון פאָרנט, און זיך גענומען אָנטאָן. ביים אָפּענעם שאַנק האָט זי זיך געישובט:

—אָנטאָן די בלויע מיט די שטיינדלעך, אָדער די זילבער־געשפּריצטע מיטן מינק-קעלנערל?

דאָס האָט זי א זאָג געטאָן צו זיך אליין, אויפן קול. נאָר דער־ווארט האָט זי, אז ארטשע זאָל זיך אָפּרופן. נאָר ער האָט געשוויגן, ווי די וואַנט. א קנעפּל ביים קאָלנער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אדורך ס'לעכל, כאָטש קראַפּיר.

— א מאַן איז עס. כאָטש גיי נאַקעט, וועט עס אים ניט אַרן. ניכיי וואָלסטו מיר געזאָגט וואָס אָנצוטאָן —

און אז ארטשע האָט נאָך אַלץ שוועד געקעמפט מיטן קנעפּל און געשוויגן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים:

— אייבי, ס'צונג איז דיר צוגעטריקנט צום גומען?

— נעווער מיין, אייבי. מעגסט מיר רופן ארטשע, נישקשה, קיינער הערט דאָ ניט אונטער.

סוזי איז רויט געוואָרן ווי א שטיק הימל, ווען די זון פארגייט. ארטשע האָט געקענט לויט דעם פּאַראַווּיסזען, אז ס'וועט זיין א שטור־רעם, אָדער גאָר א שטאַרקער ווינט. אזוי האָט ער אויך דערקענט נאָך זיין ווייבס רויטקייט, אז עס האַלט פאר א שטורעם.

— ארטשע — האָט זי פארגעסן, אז מען דאַרף זיך אָנטאָן. זי איז געבליבן שטיין אָן אויסגעפּאַסטע, די הויט ארום האַלדז ביז צו דער ברוסט — א ווייסע, א קלאָרע, אָן א קנייטשעלע. די פולע ווייבלעכע אָרעמס, צעוואָרעמט און פוכיק.

— ווי די שבת'דיקע באָבקע, — האָט ארטשע ניט געקענט פארגעסן די שבת'דיקע באָבקע, פון וועלכער ער פלעגט קנייפּן שטיקער קליינערהייט, ביי זיין באָבען און דאָס קיינמאָל ניט געהאַט צו דער זאַט.

זי האָט אָנגעהויבן דווקא רואיק, דווקא ווי א בר-דעת, ווי א מענטש וואָס האָט א שווערע טואונג פאר זיך, ווי לאָמיר זאָגן, איבערשטעלן דעם דעמבענעם קאָמאָד, און באַטראַכט זיך פריער גוט ווי מען נעמט זיך צו אים.

ארטשע — האָט זי א זאָג געטאָן — מיר גייען צו די וואָלפּ־סאָנס. דו ווייסט וועד די וואָלפּסאָנס זענען. און ניט נאָר די וואָלפּ־

סאָנס. דאָרטן וועלן זיין מענטשן מיט וועלכע מען דאַרף קענען ריידן. ס'איז דיר ניט דער דירעקטאָר פון „שייער און שמייער". דאָרטן קלאַפּט מען זיך ניט גוט־ברודעריש אין פּלייצע און מען דרייט אַריבער די וויסקי גלעזער. דאָרטן וועגט מען יעדעס וואָרט ווי אין אַן אַפּטייק. און אויפן וויסקי קוקט מען בלויז, מען זופּט קליינע זופּעלעך און יעדעס מאָל גיסט מען צו אַביסל סאָדע — ווי ביי די ענגלענדער.

— ווויל, ווויל, — שוין געהערט, — ווייס אַרטשע, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אַריינפּיר אַזאַ — דאָס וואָרעמט זי זיך ערשט פאַנאַנדער און ער נעמט זיך דערוויייל אויסבינדן דעם שניפּס.

— אַרטשע — האָט זי טיף אָפּגעעטעמט ווי אַ שווימער, איי־דער ער טונקט זיך אונטער און נעמט מיט אַ זאַפּאָס לופט — זאָלסט צורו לאָזן דיין טאַטן. ביי די וואָלפּסאָנס שמועסט מען ביזנעס; שערס; אינוועסטמענטס. איז שלעפּ ניט אַרויס דיין טאַטעלע דעם קאָזאַק, וואָס האָט געקענט שיסן מיט אַ פּיסטאָל ווי אַן אַמעריקאַנער קאָוו־בוי, רייטנדיק אויף אַ פערד. אַזאַ טאַטן לאָזט מען רוען, ווו ער רוט. וויפל יאָר ביזטו שוין דאָ אין לאַנד: צוואַנציק, דרייסיק? — און קענסט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן דעם טאַטקע דיינעם...

— לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר ווי מיין טאַטע איז געווען מער לייט ווי דיינע וואָלפּסאָנס, מיט די מערלינס, מיט די שיפּסקינס — מיין טאַטע האָט עפּעס אויפגעטאָן פאַר דער וועלט; ער האָט אַריינ־געכאַפּט קוילן צוליב איר, ניט געשאַנעוועט די באַנדיטן...

צו די וואָלפּסאָנס איז מען פונדעסטוועגן געגאַנגען, און אַרטשע האָט זיך געלאָזט רופן: אייבי, מיסטער אייבי זיסקינד — און דעם טאַטן פאַרשוויגן. די קרענקעניש האָט ער פאַרגאָסן מיט האַסטיקע שלוקן וויסקי.

— דער אינוועסטמענט איז אַ ראַיעלער — ס'איז לאַנד. ווילסט — קען מען בויען הייזער, שטאָקן, בלאָקן גאַנצע. מענטשן דאַרפן האָבן ווו צו וווינען און דירה־געלט־קאָנטראָל וועט מען אויך אַראָפּ־נעמען, — אַזוי האָט אַרטשען פאַרזיכערט מיסטער וואָלפּסאָן און בעת־מעשה ניט אַרויסגעלאָזט די גראָבלעכע פינגער פון דער קרישטאָלענער וואַזע מיט די ראָם־געפילטע שאָקאָלאַדקעס.

אַרטשע האָט זיך ניט געיאָגט אָנצוכאַפּן די שותפות. מיסטער וואָלפּסאָן האָט טאַקע נאָר געקענט זען הייזער־בלאָקן און טשעקס. עס וואַקס. אַרטשע האָט געזען מענטשן. מענטשן ווי ער, וואָס קומען אַריבער און האָבן ניט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, ווי ער האָט

ניט געהאט ביי קומען דאַ. און אַז ער האָט שוין יאָ געהאט ס'קוואר־טירל ביי דער אַלטער — אַ ביידל פון ברעטער אויפן הויף — האָט ער שוין תמיד געהאט ס'דירה־געלט צו באַצאָלן?

— וועט ער, אַרטשע, דאַרפן אַרויסוואַרפן מענטשן אין דרויסן, טאָמער האָבן זיי ניט צו באַצאָלן?

מיסטער וואָלפסאָן האָט גערעדט צו אַרטשען, און אַרטשע האָט גערעדט צו זיך. און אַלע מאָל, ווען ער האָט גערעדט צו זיך, האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס רעדט ער צום טאַטן זיינעם. און ער האָט געוואַרט.

— עליע „צאַרסקאַיע סיעלאָ" — וואָס זאָגסטו דערצו?

אַרטשען איז ניט אָנגעגאַנגען ס'געלט, וואָס מ'דאַרף אַריינ־לייגן. די קאָנטראַקטאָרס וועלן זיך שוין געפינען. דער עיקר: וואָס וואָלט געזאָגט דער טאַטע דערויף?

סוזי, אַ צעוואָרעמטע, פאַררויטלטע האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייכע האַנט אויף זיין אַקסל. די דאָזיקע האַנט, האָט זי געוווסט, וועט אַרטשען העלפן אָפּמאַכן ביי זיך. וואָרעם זי, סוזי, מישט זיך ניט אין זיינע ביזנעס.

ווי גייען די ביזנעס, אייבי? — האָט זי אומשולדיק אַ פרעג געטאָן...

— מיסטער זוסקינד איז אַ האַרטע נוס, מאַדאַם — האָט וואָלפסאָן אַ שמייכל געטאָן און ווידער אַריינגעוואָרפן אין מויל אַ שאָקאָלאַדקע.

די פרויען אין דערבייאיקן צימער האָבן הילכיק געלאַכט און ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן זיך גאָר וואַזשנע עסקים צו דערציילן.

אַרטשע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וואַנט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דער טאַטע און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— וועסט אכטונג געבן, אַז אָט דער וואָלפסאָן זאָל ניט אָנטאָן קיין צרות אָרעמעלייט...

סוזי איז געווען צופרידן וואָס אַרטשע האָט שותפות געמאַכט מיטן מיסטער וואָלפסאָן. זי האָט עפּעס געהאַט אין זינען, און דעם עפּעס געהאַלטן פאַר זיך...

★ ★ ★

דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין קאַנטאָר פון אַרטשעס פאַבריק. אויפגעהויבן דאָס טרייבל האָט תמיד זשע־

ניפער, דאס אויסטראַלישע מיידל מיטן יידישן קאפּ — אזוי האָט ארטשע געזאָגט וועגן זיין סעקרעטאַרקע, נאָך מער ווי א יידישן. א גאנצער ליטוואַק איז זי.

זשעניפער האט געהאלטן אן אויג אויף ארטשעס געשעפטן. אונטן, אין פאבריק, האט עס געדרוישט דעם גאנצן טאָג. טראַנס־מיסיעס האָבן זיך געגליטשט איבער רעדער. דאמף האט מיט א הישען ארויסגעשפארט פון די קעסלען. ארטשע האט זיך ניט געקאנט צוגעוווינען צו זיצן אין ביורא. אז יעדער שרייפל אונטען איז אים איינגן. אליין מאנטירט, געלאזן אין גאנג. פאכמענער האבן געזאָרגט צו אים היימיש, טיילמאל פארגעסן, אז ער איז דער באלע־באָס און אים געגעצהט וואס צו טאן. זיי האָבן ניט געקענט ארויס־ריידן די הארטע רייש, האט ער ביי זיי געהייסן: אטשע.

— וואס מאכסטו, אטשע?

— פיין, ביל.

אזוי האט זיך אנגעהויבן זיין טאג.

דער טעלעפאן האט ניט אויפגעהערט צו קלינגען. יעדע רגע האט זשעניפער געמוזט רופן ארטשען איבערן הילכער־סיסטעם, צוריק אין ביורא אריין. און איידער וואס־ווען האט שוין ארטשע געשריגן אין טרייבל אריין:

— הונדערט און פופציק טויז — מער קען איך ניט!

— גזלן איינער — האט זיך דאס קול פון יענער זייט טרייבל געבעטן — מען רייסט דאך די סחורה פון די הענט, גיט כאטש צו נאָך א פופציק.

— עסט ווערן א גביר א וואך שפעטער — האט ארטשע ניט געהאט קיין געדולד — נישקשה, די פערד וועלן ניט פגרן, אז וועסט איין וואך ניט פארשפּילן. כ'על ביי מענטשן ניט ארויסיאגן די נשמה פון דיינעטוועגן.

אז ער האט אוועקגעלייגט דעם טעלעפאן, האט עס נאָך אלץ ארויסגערעדט פון אים:

— געלט. נאָך געלט. א זאק פאפירן. די וועלט איז זיי ווייניק און דעם מענטשן זעט מען גארניט. און צו זשעניפערן טוט ער א מאך:

— געווען א צייט, ווען פאר א ברויט האט מען באדארפט א גאלדן צענערל באצאלן. און דער ברויט: האלב מעל, האלב קאר־

טאַפּל. קינדער זענען פון הונגער געשוואָלן געוואָרן. אַזוינע פּיס האָבן זיי געהאַט, — טוט ער אַ שילדער אַפּ מיט די הענט, ווי געשוואָלן די פיס זענען געווען. אַלץ פאַרגעסן. אַצינד רייסט מען ווידער איין אַ וועלט...

דער וואַנט־זייגער האָט געוויזן, אַז צו מיטאָג פעלט נאָך אַ פערטל שעה.

— גיי עסן, זשעניפער, — ברענג מיט אַ פּאָר זעמל פאַר מיר.

אַרטשען האָט זיך ניט געגלוסט אַרונטערצוגיין.

— מענטשן — האָט ער, אויסציענדיק זיך באַקוועם אין פאַטעל, געטראַכט — יאָגן, יאָגן נאָכן געלט. צוערשט דאַרף מען קינדער פאַר־זאָרגן, מען דאַרף זיי לערנען. נו, מילא, קינדער.

דאָן הויבט מען אָן צו בויען שענער, גרעסער, אַלץ צוליב די קינדער. מען קען זיך אין דער יאָגעניש גאָרניט אָפּשטעלן.

— עך, ברודערקע — האָט ער אויפגעמאַכט דאָס טירל פון שרייב־טיש און אַריינגעגאָסן זיך אַ טרונק וויסקי — מאַוזאָלעאומס בויען זיי זיך...

אויפן טעלעפאָן איז געווען סוזי. אַז אַרטשע האָט דערהערט איר שטים, איז ביי אים באַלד גרייט געווען דער תירוץ:

— גוט, וואָס דו האָסט מיר אָפּגערופן. כ'האָב היינט אַ באַגעג־עניש מיט אַ סוחר אין האָטעל סאַוואָי, אַ ניי־זשעלאַנדער. דאַרפסט ניט וואַרטן אויף מיר מיט עסן.

אוועקגעלייגט ס'טריבל, האָט ער אָפּגעטעמט פרייער, ווי איינער וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעטאָן אַ פּאָר ענגע שיך.

— די פּאַרטיעלעך. אויסגעפּוצט זיך ווי אינדיקעס און גייען אַרום, בלאָזן זיך האָלדער, האָלדער מיין עק איז שענער, מיינער קאָלירטער, זען ווי עס פינקלט; אַ רעגנבויגן ממש, און דו אַרטשע, אין אַ ווייס שטייף העמד ווי אין כאַמוט, דאַרפסט שמייכלען — האַו דו יו דו, מיסיס וואָלפסאָן, איר ווערט דאָס אַמאָל יינגער. איר זעט שוין באַלד אויס ווי אייער טאָכטער. דער בחור וועט שוין באַלד ניט דערקענען צו וועמען ער שדכנט זיך...

אַזוי פאַרלאַנגט סוזי. עס גייט איר אין לעבן, אַז מייקל זאָל נעמען וואָלפסאָנס טאָכטער. אַרט עס אים ניט. זאָל ער זי נעמען. דווקא אַ פיין מיידל, וואָלפסאָנס טאָכטער. אַ שיינינקע, מיט רויטע בעקעלעך ווי פּופּינקעס — נאָר וואָס איז דער גאַנצער יחוס מיט אָט דעם וואָלפסאָן, נאָך וועלכן סוזי רייסט זיך אַזוי. געלט האָט ער?

געלט האָב איך אויך... אלץ באשר זיין טאטע איז ערגעץ ווו אין שטעטל געווען א רב. און וויאַזוי קען מען דאָרטן א רב פארגלייכן מיט זיין, אַרטשעס, טאַטן. עפּעס א קליינקייט פאָרן מיט א „בראָנ־יאַנאַסיעץ״. ער אליין איז שיר ניט געבוירן געוואָרן, אזוי נעמט זיך אים האַכטן, אין א „בראַניאַנאַסיעץ״ וואָס האָט דורכגעשניטן דעם סיבירער פּראָנט און דערלאַנגט טויט־קלעפּ די „ווייסע״.

אז די צייט זיך צו טרעפן מיטן ניי־זעלאַנדער סוחר האָט זיך דערנענטערט, איז אַרטשע צו צו א זייטיק שענקל, וואָס איז געווען קונציק פאַרבויט אין דער וואַנט, אז א פרעמד אויג האָט ניט געקענט דערקענען ווו עס איז וואַנט און ווו — שענקל. דעם „פּאַטאַיעמניק״ — אזוי האָט עס אַרטשע גערופן — האָט געמאַכט זיינער א גאָר נאָנטער פריינד און בלויז ער און זשעניפער, דאָס גוישע מיידל מיט ליטווישן קאָפּ האָבן געוווּסט דעם סוד ווי מען מאַכט עס אויף.

אַרטשע האָט א דריק געטאָן מיטן פינגער אויף א ציפער אין קאַלענדאַר און א טירל האָט זיך גערוישלאָז אויפגעמאַכט. ער האָט פון דאָרטן ארויסגענומען א פּשוט, געקעסטלט פלאַנעלן ארבעטס־העמד, א רעקל און א היטל. עפּעס אזוינס האָט ער אין דערהיים ניט געקאָנט האַלטן, וואָרעם סוזי וואָלט אים אין אזא הולך איבערן שוועל ניט ארויסגעלאָזט.

זשעניפער האָט שוין געקענט זיינע גענג און גאָרניט געזאָגט דערויף.

מיט א זייטיקער טיר איז ער אראָפּ אין גאַס און זיך אויס־געמישט מיט דער מענטשן־מאַסע, וועלכע האָט געשטראָמט צום צענטראַלן באַן־הויף, זיך געאײַלט אהיים. טייל האָבן זיך ארײַנגע־כאַפּט ביזן נאָנטסטן צוג אויף א קאַלטן טרונק ביר צו „יונג און דזשעקסאָן״. אַרטשע האָט זיך אוועקגעלאָזט צו א רעסטאָראַן, ווו עס עסן פּשוטע מענטשן, ארבעטער. דאָרט האָט ער זיך געפילט אין דער היים. זיינע מיטעסער האָבן געגעסן ווי אָנגעפּראַצעוועטע, הונגעריקע מענטשן נאָך א טאָג ארבעט. געגעסן מיט א פולן מויל, און גערעדט. ס'האָט זיי ניט געאַרט וואָס אַרטשע איז א פרעמ־דער. ביים ערשטן פלעשל ביר, וואָס אַרטשע האָט געשטעלט, איז די פרעמדקייט צערונען.

אז דער מיטעסער האָט זיך אמאָל געכאַפּט, אז ער וועט ניט האָבן גענוג צו באַצאָלן פאַרן טראַמוויי, ווייל ער האָט אן איבעריקן טרונק געכאַפּט, האָט אַרטשע עפּעס אלע מאָל געהאַט א „ספּער

קוויד", א פונט-באַנקנאָט וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין א קליין טעשל. דער פרעמדער האָט אים געדאַנקט און פאַרזיכערט, אַז מאָרגן, פיי-דיי, גיט ער עס אים צוריק, און אַרטשע האָט צוגעשאָקלט:

— שור, שור — זיכער, ביז מאָרגן...

מיט זייטיקע, שמאָלע געסלעך; דורכגעשניטן א הויף, זיך אַריינגעגליטשט אין א צווייטן — איז אַרטשע געגאַנגען זיין וועג. מען האָט געמוזט זיך אויסקענען אין די לאַבאַרינטן פון געסלעך און הויפן, צוצוקומען צו יענעם „פּאָב", וווּ אַרטשע האָט זיין ערשטן ביר געטרונקען דאָ אין לאַנד, מיט חברה קוילן־אַנלאָדער.

דאָס ביר־שענקל איז געווען אין א טונקעלן מויער, מיט לאַנגע, שוואַרצע בענק אַרום די ווענט. דער שוואַרצער בופעט מיט א מע-שענער שטאַנגע אַרומגעשלאָגן; די פענצטער פון קאָלירטע שטיקלעך גלאָז — ווי אין א קלויסטער.

אויף די שוואַרצע בענק זענען זיי געזעסן. מענטשן באַיאַרטע, קרעפּקע. דאָס קוילן שטויב איינגעפרעסן אין די קאַרבן פון זייערע פּנימער, ווי זיי וואָלטן אַליין קוילן-גרעבער געווען. די בלויע אַווע-ראַלס אַרומגעגאַרטלט. דער באַרמאַן איז נאָך אַלץ געווען דער זעלבער, נאָר א היפּש ביסל עלטער. די באַקן זיינע האָבן זיך אַראָפּ-געלאָזט איבער דער גאָמבע, און האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אן אַלטן מאָפּס-הונט. זיי האָבן אַרטשען ניט געפרעגט וואָס ער טוט אַצינד, וווּ ער וווינט. ניט זייער עסק. אַרטשע האָט געשטעלט ביר און זיי האָבן מיט פאַרגעניגן געטרונקען.

— ביזט אָל רייט, קאָזאַק, — האָבן זיי אים גוט־ברודעריש אַריינגעזאָגט — און וואָס מאַכט דאָרט דיין אַלטער, ער מאַכט נאָך אַלץ רעוואָלוציעס?...

מיט די מענטשן האָט אַרטשע זיין ערשטן „דזשאָב" געהאַט. צוזאַמען אָנגעלאָדן קוילן. אַלע זענען זיי דאַן יונג געווען. און א „דזשאָב" צו קריגן איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. פאַר אַרטשעס טאַטן האָבן זיי געהאַט גוואַלדיק דרך־ארץ.

— מיטן מאַשין געווער האָט ער זיי דערלאַנגט, ברודערקע, — האָבן זיי זיך נאָך אַלץ ניט געקענט אָפּוווּנדערן.

— אי, ווען אונדזער ניד קעלי, דער בוש-ראַנדזשער וואָלט געהאַט אַזא מאַשין־געווערל, וואָלט ער די „קאָפּערס"1) שוין דער-ציילט א מעשה.

---

1) „קאָפּערס" — אויסטראַלישער סלענג — פּאָליציי.

כאטש ארטשע לאדט שוין ניט קיין קוילן א היפשע פאר יאר, איז ער נאך אלץ אן איינענער אין דעם „פאב" און האלט פאר א כבוד, וואס חברה לאזן אים באצאלן פאר די טורן ביר, וואס דער בארמאן גיסט אן.

— ביזט אל רייט אין דער קאנטרי, הא אטשע?

* * *

נאכער איז געקומען זשאמע.

וואלט צווישן אייראפע און אויסטראליע ניט געווען קיין וואסער אויף טויזנטער מיילן, וואלט זשאמע קיינעם ניט געדארפט בעטן, מען זאל אים אריבערנעמען. ער וואלט פראסט און פשוט אריינגע־שפאנט און אן א גוט מארגן א זאג געטאן:

— דערלאנגט עפעס צו אכלען. ס'גייט מיר אוים די נשמה...

אט פונקט ווי ער האט א שפאן געטאן פון טשעלאבינסק, אין ווייטן אוראל, ביז מאטעלע, אין די פאליעסיער בלאטעס.

דאס אלץ איז ארטשע געוויער געווארן פון די גלינישטשער לאנדסלייט.

— שרייבן קען ער טאקע ניט צופיל, זשאמקע — נאר אוועק־ליגן צווי יעקעס מיט איין שאס, דאס יע... און רייטן אויף א פערד ווי א טיוול. דערפער אויף מיילן האבן אים געקענט. דאס קען זשאמקע. אניט וואלט ער איבערגעלעבט, זשאמקע פארטיזאן?

די גלינישטשער האבן זיך פארליינט אויף אייזיק ראבקין:

— נישקשה, אייערער א לייבלעכער קרוב. אירט זיך קיין ביין ניט צעברעכן... און צווישן זיך האבן זיי א רייד געטאן:

— אז א ייד האט מזל, איז צו אלעם. ס'רעדל דרייט זיך אים אלץ ארויף. אפילו דעם נאמען ניט געדארפט בייטן. מיט אזא נאמען ווי אייזיק...

נאר אייזיק ראבקין האט זיך געהאט זיין וועג אין לעבן:

— זשאמקע דארף פארן קיין ישראל. דארטן וועט ער צונוץ קומען. ערט געקענט דערלאנגען די יעקעס, וועט ער קענען דערלאנגען די מיצרים אויך... אזוינע בחורים דארף מען דארטן האבן.

— און וואס איז עפעס מכוח דיינע בנים, — קען שוין ארטשע ניט פארטראגן, וואס אייזיק איז גרייט צו שארן פייער מיט יענעמס הענט.

— וואָס פעלט דיינע בנים? זשאַמקע האָט זיך נענוג אָנגעזען א וועלט. נענוג געקייט ערד. זאָלן דיינע בנים אהינפאָרן זיך שלאָגן מיט די מיצרים — א סך גלייכער ווי אַרומיאָגן זיך אין ספּאָרט-קארס, און זיין קנאַקערס אָט־אָ דאָ, מיטן טאַטנס טייסטער.

נאָר אייזיק איז געווען א ייד, אַן עקשן.

האָט אַרטשע מיטגענומען דאָס בריוול, און א זאָג געטאָן צו זשעניפער:

— ברענג מיר אַריבער דעם בחור — געלט איז בלאָטע, דאַזן מעטער...

און זשעניפער, מיטן ליטווישן קאָפּ, האָט שוין געוווסט ווו איין און ווו אויס. וועלכן פּאַפּיר מען דאַרף ערשט און וועלכן שפּעטער.

איז זשאַמע געקומען.

ביים אַראָפּגיין פון שיף, איז אַרטשע שטיין געבליבן, אָפּגע־מאָסטן דעם בחור, א ווײַלע זיך אָנגעקוקט אויג אויף אויג, גוט-ברודעריש אים א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און א זאָג געטאָן:

— פון היינט אָן בין איך דיין פעטער אַרטשע. אזוי זאָלסטו מיר רופן, און ברודערקע — ביזט א געמאַכטער מענטש...

סוזי האָט ניט געקענט באַנעמען וואָס אייבי לאָזט איבער אַלע געשעפטן אין מיטן העלן טאָג, ווען עס ברענט אונטער די הענט און פאַרנעמט זיך עפּעס מיט א בחור, וואָס איז גאָרניט איר קרוב, און ניט זיינער — א גרינער בחור וואָס דערמאָנט אַרטשען דעם טאַטן זיינעם.

— סי מיר גוט — האָט זי א זאָג געטאָן, — האָסט ניט קיין אייגענע קינדער צו פאַרזאָרגן, אַרטשעלע צדיק?

און נאָך האָט זי געוואָלט וויסן:

— וואָס וועט זיין פון דעם בחור דער תכלית?

און נאָך איין זאַך:

— איז דיר ווייניק איין טאַטקע, א פּאַרטיזאַן?

נאָר אַרטשע איז געווען פאַרשמייעט, עלעהיי ער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס.

עפּעס האָט ער דערלאַנגט א זאָג צום ווייב מיט א לשון, ווי ער וואָלט מיטמאָל אַן אַנדער מענטש געוואָרן.

—וועגן תּכלית לאָז איבער פאר ארטשען. דער בחור דארף א צימער, זאָלסטו צוגרייטן פאר אים אין אונדזער מויער. נישקשה, אָרט איז דאָ גענוג. ער דארף אויסרוען דיביינער. גענוג זיך אָנגע־וואלגערט אין זיעמליאנקעס; געשלאָפן אין שניי און געהונגערט אויפן פוד. זאָל אים דאָ ניט פעלן צום קייען.

זשאמע האָט דערפילט, אז ער איז אינדערהיים. מער ווי אינדער־היים. ביי זיין טאטן, דעם דאָרפס־גייער, וואָס האָט אונטערגעהאַנדלט מיט פלאַקס, חזיר־האָר און אמאָל א פעלעכל פון א האָז האָט מען דען אזוי געגעסן? אזוי געשלאָפן? זיין טאטע האָט אפילו רעכט קיין צייט ניט געהאַט מיט אים א רייד צו טאָן. אז ער פלעגט אהיים־קומען פון דאָרף, פלעגט ער קוים באַווייזן אָפּצועסן און אוועק־פאלן א מידער שלאָפן. דער מאמען געדענקט ער ניט. דעם טאטנס אן עלטערע שוועסטער האָט אים געכאָוועט.

— פעטער, מען דארף עפּעס טאָן — האָט זשאמע צעפירט די הענט און געוויזן ארטשען ברייטע, צעוואקסענע הענט. מען דארף צענעמען די פינגער.

— אווו ברענט, זשאמקע? ס'וועט ניט אויף שבת? ס'פעלן דיר די פאָר פונט?

אז זשאמקע איז געווען אויסגעקליידט ווי א חתן־בחור, האָט ארטשע אים דערלאַנגט א פינפער־פונט קליינגעלט — טאָמער מאַכט זיך און ער וויל א גלעזל ביר, אָדער גאָר דארף ער זען א לאַנדסמאַן, איז דאָ ניט מאטעלע — מען שפּאַנט ניט וויאַרסטן צופוס, זאָל ער האָבן צו באַצאָלן פאַרן טראַמוויי...

אז זשאמען האָט דערעסן דאָס לידיק גיין, וואָרעם זינט ער געדענקט האָט ער פאַר א פונט ברויט געהאָרפּט געבן א פּלייצע, גוט אונטערגעארבעלען זיך, שוויצן —

—נו, מילא, זאָל זיין ווי דו ווילסט. כ'על דיר צושטעלן צו א מאַשינדל, זאָלסט נאָר צולייגן קאָפּ און אכטונג געבן אויף די פינגער...

ארטשע האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין אָנזאָג. ער איז גע־שטאַנען נעבן זשאמען, ביידע אין גרויע ארבעטס־כאַלאַטן און געוויזן ווי מען שלייפט א מעסער, ווי מען פאַרזעצט אים, ווי מען שטעלט אָן די מאַשין, זי זאָל ניט רייסן, דער מעסער זאָל אראָפּ־פאַלן פונקט דאָרט, וווּ מען דארף און די מאַשין זאָל ווייטער גיין.

און ווי עס מאכט זיך, זאָל ער אויך קענען פּאַרלייגן אַ רימען, אַריינ-זעצן קלאַמערעס.

— אַ מאַשין — האָט אַרטשע אים געלערנט — איז ווי אַ מענטש. ווערט עפּעס קאַליע, ברודעריקע, הייבט זי אָן הוסטן, קרעכצן, שטעלן קרומע טריט. דעמאָלט האָט דער מעסער פּאָרעם, און ס׳מאַכט אַ תּל פון דער סחורה.

אַז זשעניפער האָט אַרטשען גערופן אויפן הילכער, אַז מען דאַרף אים אין בירא — האָט ער גייענדיק געווישט די אויליקע הענט אין שמאַטע און ניט בלייבנדיק שטיין, אַ זאָג געטאָן צו ברייינדלען, אויך אַ נייגעקומענע וואָס איבעט ביי אים שוין אַ קנאַפּן יאָר:

— האַלט אָן אויג אויפן בחור, ער נוצט נאָך אַלץ צופיל כוח צו דער מאַשין...

די מאַשין האָט זשאַמען אַזוי פאַרכאַפּט מיט איר קלוגשאַפט, מיט איר ווייסן געניו וואָס מען דאַרף טאָן — אַז ער האָט איר אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַן אײדעלע זאַך: געפּוצט און גע-אוילט, געטאַפּט דעם דעק צו זי ווערט ניט איבערגעהיצט, צו די רימענס זענען ניט לויז.

אַרטשע האָט עס געזען, און כאָטש ער האָט הנאה געהאַט דערפון, ווייל אויך ער, אַרטשע, האָט ליב געהאַט אַכטונג צו געבן אויף אַ מאַשין, פונדעסטוועגן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זשאַמען:

— זשאַמקע, אַ ליבע פירט מען מיט אַ מיידל, ניט מיט אַ מאַשין...

און אַז זשאַמע האָט זיך ניט געכאַפּט אויפן פעטערס קאַפּוליער אָנצוהערעניש, האָט אַרטשע אים אַמאָל געזאָגט:

— ברייינדל גייט אין שולע. זי לערנט ענגליש. גיי מיט — אַ מענטש דאַרף קענען אויסריידן אַ וואָרט מיט לייטן אויך. ביזט ניט אין קיין וואַלד...

איז זשאַמקע געגאַנגען.

אַז אַרטשע האָט אָנומלט דערזען זשאַמען לייענען די ענגלישע צייטונג, ווי אַלע אַרבעטער לייענען זי ביים מיטאָג — האָט ער אים, ווי זיין שטייגער איז, געקלאַפּט אין פּלייצע מיט פּאָטער-לעכער ליבע.

— ווערסט אַ לייט, זשאַמקע. עסט נאָך די יאָקעס אַריבער-יאָגן, בעליוו מי...

זשאמע האט דעם פעטער אריינגעווארפן א ווארט:

— אוועקטיים... מ'וואלט געדארפט צוארבעטן א פאר שעה יעדן טאג...

ארטשען איז די מעשה אריין אין נאז. זשאמע האט שוין געוווינט פאר זיך, געלעבט אין א צימער ביי באלעבאטישע מענטשן. אזוי האט ער געוואלט. גוט. זאל זיין אזוי. ערט אים ניט אנבינדן. פארדינט האט זשאמע ניט שלעכט.

— איז וואזשע דארף מען אוועקטיים? ביינאכט דארף א יונגער מענטש גיין אין שולע, לערנען זיך, טרעפן מענטשן — און ניט ליגן ביי דער מאשין. און אז מען פארדינט שוין נאך א פונט, איז עס א תכלית?

זשאמע האט געלאזן דעם פעטער זיך אויסריידן. צוגעלייגט קאפ צום פעטערס רייד, און געבליבן ביי דאס זייניקע.

— עס מאכט זיך מיר צו קויפן א וואגן, ניט טייער. נו, דארף מען צוארבעטן...

ארטשע איז ניט נתפעל געווארן:

סארא וואגן?

— א פארד. אינגאנצן א יאר פיר אלט.

— שבת עט מען אריבערפארן אנקוקן.

ארטשע האט זיך געזעצט צום רעדל, און זשאמע האט אויס-געמשלט ווו דער „קאר־יארד" געפינט זיך. זענען זיי געפארן.

זשאמע האט זיך צוגעקוקט, ווי ארטשע באטראכט די קאר.

— פעטער, אזוי האט מען ביי אונדז געקויפט פערד. — האט ער געלאכט, צוקוקנדיק ווי ארטשע קוקט אריין אונטערן דעקל אין מאטאר; קריכט ארונטער אונטערן וואגן; שלאגט אן מיטן שפיץ שוך די גומענע רייפן און פאטשט דעם פארקויפער אין האנט...

דער פארקויפער האט זיך געשווירן:

— די מיילן אויפן ציילער זענען כשרע, ניט קיין געפיקסטע.

האט ארטשע א זאג געטאן צו זשאמען:

— זאל אים די באבע אזוי לעבן...

און אז זיי זענען סוף כל סוף דורכגעקומען, האט ארטשע ארויסגענומען ס'טשעק־ביכל און אויסגעשריבן א טשעק. נאכגעזען, אז דער בענזין־טאנק זאל זיין פול, האט ער דערלאנגט זשאמען די שליסלען און אים אנגעזאגט:

— פאַר געזונט, בחור, און גיב אַכטונג אויף די ביינער, ווארעם דאָ איז נאָך ערגער ווי אין וואַלד. דאָרטן זענען געווען אייגענע און שונאים. דאָ זענען אלע אי אייגענע, אי שונאים. ס׳ווערנט זיך ווי מען פאַרט...

זשאמע האָט דערלאַנגט דעם פעטער די אָפּגעשפּאָרטע פונטן.

— האלט זיי. דיר זענען זיי נייטיקער, און קיין אָווערטיים דארף מען ניט ארבעטן, לערנען דארף מען.

* * *

עפּעס האָט זיך אין שטוב געררודערט. ביים טיש האָט סוזי גערעדט מיט מייקלען וועגן „ענגיידזשמענט" און וועגן „האָל" צו פּראַווען די שמחה, און וועגן די איינלאַדונגען, וואָס מ׳וועט ארויס-שיקן, און וועגן דער רשימה פון געסט.

ארטשע האָט דערפון געדרונגען, אז זיין ווייבל האָט סוף כל סוף זיך דערשלאָגן צום איריקן און גייט דעם זון חתונה מאכן מיטן מיסטער וואָלפסאָנס טאָכטער. ער האָט דעריבער א ברום געטאָן, וואָס האָט געדארפט באדייטן, אז א טאטן דארף מען אויך זאָגן איידער מען גייט שרייבן תנאים, ניט נאָכהער...

— דיר גייען עפּעס אָן דיינע קינדער — האָט סוזי א זאָג געטאָן; עס האָט אויסגעזען, אז סוזי האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, און אָט איז זי געקומען:

— דיר גייען עפּעס אָן דיינע ק־י־נ־ד־ע־ר — האָט זי די קינדער אויסגעצויגן, פּונקט ווי ארטשע וואָלט געהאַט א טוץ קינדער, — דו האָסטאָך נאָר אין זינען י ע נ ע מ ס קינדער. דאכט זיך: עס איז דאָ א „וועלפער", מיר גיבן א שיינעם „דאָניישן" פאַרן „וועלפער". זאָל ער זאָרגן פאַר די יתומים, פאַר די פּליטים, אָט פאַר די, וועלכע זענען אריבערגעקומען פון דאָרטן און ס׳איז געוואָרן א פולע שטאָט יידן. זיי האָבן ניט געקענט פאַרן קיין יזראַעל, קיין אַמעריקע? אלע מוזן דען קומען אַהער?...

דיין טאטע איז קיין לייט ניט געווען, און דו אויך ניט — אלץ יענעם צו פאַרזאָרגן. איין גליק, וואָס סוזי איז א מאמע, האָט זי א זיפץ געטאָן, און איז גרייט געווען צו לאָזן א טרער.

ארטשען האָט ניט געאַרט וואָס סוזי האלט ניט פון אים. אָבער אָנרירן זיין טאטן, דאָס איז, ווי עמעצער וואָלט אים א צופּ געטאָן

פארן לעבער. מיטאמאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אז זיין ווייב האָט אמאָל געהייסן: פעסל.

— נאָר מיט געלט זיך אָפּקויפן, הא, פעסל? נאָט אייך די פּאָר פונט און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט. א ביסל מענטשלעכקייט דארפן די יתומים, א ווארעם וואָרט — א טאטן דארפן זיי און ניט קיין געלט. געלט קענען זיי מאכן מער פון מיר מיט דיר אינײנעם. זיי קומען פון װאלד, דאָרטן האָט איין מענטש געפּרעסן דעם צווייטן. דאָרטן האָט מען זיי געיאָגט, ווי די היגע פּארמערס יאָגן דעם דינגא.

ער האָט נאָך געהאַט װאָס צו זאָגן, נאָר סוזי האָט אים אָפּגעהאַקט קורץ:

— ס'טאַטעלע רעדט שוין פון אים ארויס...

האָט ארטשע געזען, אז ס'איז אומזיסט זיינע רייד.

— צופיל שמאלץ ארום הארצן, — קענען ניט דערגיין יענעמס צרות...

די אייגענע קינדער וועט פעסל פארזארגן — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט — מעג זי אפילו הייסן סוזי, וואָס אן אמת, — א געטרייע מאַמע איז זי. ער איז גרייט אפילו א שמועס טאָן מיט מיסטער וואָלפסאָן, מען זאָל די ביזנעס מיט די הייזער־בלאָקן אָפּגעבן די קינדער אין נדן, און פּטור.

★ ★ ★

די נייעס אויף וואָס ער האָט געוואַרט, האָט אים געבראַכט ברײנדל; דאַכט זיך א שטילע, א שעמעוודיקע, מיטן קאָפּ פארגראָבן אין דער ארבעט און זעט ניט קיין מענטש, און ער, זשאַמע, — א דרייסטער, איינער וואָס איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אין פייער — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט:

— ניין און ניין — ער קען עס דעם פעטער ניט זאָגן. ס'דרייט זיך אים די צונג ניט איבער...

ארטשע האָט דערפילט, אז ערשט איצט האָט ער וואָס צו טאָן.

מיט ברײנדלען האָבן זיי באַקוקט א וווינונג, די צימערן, דאָס מעבל, וואָס מען דארף דאָ אריינשטעלן. דאָס שווייגעוודיק מיידל, וואָס איז דווקא געווען ניט קיין מיאוסע, מ'קען אפילו זאָגן: א חנעוודיקע, האָט ארטשען אויסגעזען גאַנץ שכלדיק און מיט א באַ-

לעבאטישן קוק. ס'איז ניט כאפּ־לאפּ, אבי א חתונקע. זי ווייס וואָס זי וויל.

זשאמע איז זיי נאָכגעגאנגען — א שטומער. ווי א געטרייער הונט האָט ער געקוקט מיט ליבשאפט דאָ אויפן מיידל און דאָ אויפן פעטער. אלץ האָט אים אויסגעזען ווי א מעשה. א פּאַרצייטיקע מעשה, וואָס ער האָט אמאָל געהערט פון א בלינדן בעטלער אין וואלד. זשאמע האָט קיינמאָל ניט געגלויבט, אז גוטע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט.

— אפשר — האָט ער געזאָגט צום בעטלער — זענען זיי געווען. אָבער זיי האָט מען באגראָבן אין די טיפע גריבער, אין וואלד.

אז ער זעט דעם פעטער ארטשע, און ברײנדלען, דוכט זיך אים, אז דער בלינדער אין וואלד איז געווען א פארשטעלטער בלינדער. ער האָט געזען ווייטער און טיפער; האָט געזען מער ווי א זעעוודיקער...

ארטשע האָט געפּראוועט א חתונה, ווי עס פּאַסט פאר א גביר. סאַהוועדם אין פראקן מיט קוישן ווייַן און בלומען. די כלה, אויסגעפּוצט אין ווייסן מיט א לאנגן שלעפּ און א קרוין, וואָס האָט געפינקלט מיט זילבערנע שנייעלעך.

זשאמע, א הויכער, שיינער בחור, איז געזעסן אויבן אָן. אים האָט זיך געגלוסט וויינען. אזא מין ווייכע ווארעמקייט האָט אים ארומגענומען ביים הארצן, אז ס'איז רעכט געווען זיך צו צעכליפּען דאָ־אָ, פארן גאנצן עולם.

קיינמאָל האָט זשאמע ניט געוויינט. פארשטשירעט די ציין, פארביסן, זיך איינגעקלעמט אין נאגאן און א זאָג געטאָן צו זיך:

— די נשמה פון זיי...

חברים זענען געפאלן. דער הונגער האָט געפרעסן. די קעלט האָט דורכגענומען. דער שונא האָט ארומגערינגלט און יינגלעך האָבן זיך אליין ס'לעבן גענומען, נאָר זשאמע האָט געהאט איין וואָרט:

— די נשמה פון זיי...

און אצינד, צווישן אזוי פיל פריינד, גלוסט זיך אים וויינען. זיין נשמה האָט ניט געקענט פארנעמען אזוי פיל פרייד, און אלץ צוליב אים. ער האָט דעריבער נערוועז געווישט די נאָז מיטן ווייסן טיכל, טאָמער נעמען די טרערן רינען פון זיך אליין.

ער האָט געזען ברײנדלס בליק, און זיי האָבן זיך פארשטאנען. אירע אויגן האָבן געהאט א ווארעמען, פייכטן גלאנץ.

אלע גלינישטשער האָבן זיך צוגעשטעלט. יעדערער האָט מיט־געבראכט א פיינע מתנה. אפילו אייזיק ראבקין האָט זיך געמאכט פארגעסן די גאנצע מעשה, און צוגעטראָגן א טשעק.

אלע האָבן געווונטשן ארטשען „מזל־טוב".

— מזל־טוב, ארטשע, ביזט און אייגענער טאטע צו אונדזערע קינדער...

ארטשע האָט די געסט צעזעצט ביי די טישלעך. די מוזיק האָט געשפילט ניגונים, וועלכע מען האָט געקענט הערן אויף חתונות אין די גלינישטשעס, אין מאָטעלע. ניגונים ווייגענדיקע; בעטנדיקע.

די קעלנער האָבן דערלאַנגט די גאָלדענע יויך, די געבראָטענע הינער און אָנגעפילט די כוסות.

דעמאָלט, ווען יעדער איינער איז געווען פארטאָן אין עסן, אין שמועסן מיטן שכן און באוווּנדערן ס׳פּאָרל — האָט ארטשע אָנגעגאָסן זיין כוס, און א זאָג געטאָן צו זיך אין דער שטיל:

— לחיים ארטשע — דאכט זיך, אז דו האָסט ניט פארשעמט דיין טאטן...